STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01711

YUDISHE VITSEN

*Permanent preservation of this book was made possible
by the Litz and Math Families
in loving memory of their parents,
Frances and Joseph Litz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודישע וויצען

געזאַמעלט און בעאַרבייט

פון

י. ח. ראבניצקי.

צווייטע אויפלאַגע

בערלין, תרפ"ג.

פערלאַג „מוריה" / ירושלים / בערלין / אָדעס

Printed in Germany

Copyright 1922 by I. Ch. Rawnizky, Jaffa.

פאָרוואָרט.

קיין פאָלק אין דער וועלט, מעג מען זאָגען, האַלט ניט אַזוי פון אַ וויץ און האָט ניט ליב אַזוי צו וויצלען זיך ווי דאָס יודישע. ווען מען וועט דעם יודען אָנחאַפּען, געפינט מען אים כמעט תּמיד גרייט צו זאָגען אַ גלייכווערטעל, צו דערצעהלען מיט חשק אַ שענעם קאַלעכדיגען וויץ, און אויך, פערשטעהט זיך, אויסצוהערען מיט פערגניגען פון יענעם עפּיס אַ פרעהליך הומאָריסטיש שטיקעל, אַ לעבעדיגען אַנעקדאָט, אַ שאַרפען וויץ, און דערביי שטיל צו שמייכלען, אָדער אַמאָל טאַקי אויסשיסען מיט אַ געזונטען הילכיגען געלעכטער.

ס'איז נישטאָ כמעט קיין צייט, סיי אין דער יוגענד און סיי אויף דער עלטער, סיי אין די בעסערע יאָרען און סיי אַפילו אין די ערגערע—אַז אַ יוד זאָל זיך איינגאַנצען אָפּזאָגען פון אַ ווערטעל. אַ וויץ איז אָפטמאָל די בעסטע רפואה פאַר אים צו פערטרייבען די שוואַרצע וואָלקענס פון מרה־שחורה און עס זאָל פאַר זיינע אויגען ווידער זיך בעווייזען אַ פרעהליכע שיין. ווער שמועסט אַז ער איז אַזוי אויך אויפגעלעגט און ס'איז אים אין דער אמת'ען פרעהליך אַביסעל אויפ'ן האַרצען, דעמאָלט בעקומט ער אַ לעבעדיגע שטימונג און עס עפּענט זיך ביי אים אַ גאַנצער קוואַל פון ווערטלעך און וויצען.

און אַזוי זעהען מיר, אַז ווען עס קלויבט זיך צונויף אַ קבוץ יודען אויף עפּיס אַ שמחה'לע, צי גלאַט אַזוי עס בעגעגענען זיך עטליכע יודען צוזאַמען, איז ביי זיי דאָס בעסטע צייטפערברענגען צו דערצעהלען לעבעדיג אָדער אויסהערען שטאַרק אויפמערקזאַם אַן אמת יודיש גלייכווערטעל, אַ עכט יודישען פאָלקסוויץ: איינער נעמט זאָגען אַ פאַסיגען וויץ, צוגעמאָסטען צו דעם וואָס מען האַלט דערביי אין שמועס, און אַמאָל טאַקי באַלד נאָכדעם נאָך אַן אַנדערען, דער צווייטער האַלט־אונטער „צום גראַם" ד. ה. מיט אַ וויץ אויך פון דעם זעלבען פאַך, אָדער פון אַ ענין וואָס איז עהנליך דערצו. און עס געפינט זיך אויפ'ן אָרט אַ דריטער, וואָס פערמאָגט זיין אייגענס אויך אַ פּאַק מיט אַנעקדאָטען פון אַלערליי מינים און פוילט זיך ניט אויפצופּאַקעווען און אַרויסשלעפּען פון דאָרט אַ היבש

ביסעל, און נאָך אים אויף אַ פּירטער א.ד.ג. און אָט אַזוי איז תמיד, וואו אַ יוד בעגעגענט זיך מיט׳ן צווייטען געהט אַ סדרה פון וויצען.

פון וואַנען נעמט זיך עס וואָס דער יוד, מיט וועלכען דאָס לעבען האָט אין אַזויפיל לאַנגע דורות דורכאַנאַנד געשפּילט זעהר אַ שלעכטען מיאוס׳ען וויץ, אַ מין „בלוטיגען שפּאַס“, דער יוד וואָס די בלוטיגע שונאים זיינע האָבען אים אין אַלע צייטען ניט געלאָזט פריי קיין קאָפּ אויפהויבען און אָנזעהן די שיין פון דער ליכטיגער וועלט, — דוקא ער וויל ניט ווי־סען פון קיין צופיל ערענסטער מרה־שחורה, דוקא ער ווערטעלט זיך און וויצעלט זיך אויף וואָס די וועלט שטעהט, גלייך ניט אים מיינט עס דאָס ביטערע און פינסטערע לעבען, ניט אים דריקען עס אַזוי מיט אַלע זייערע טייוועלשע כוחות זיינע פערביסענע טויט־שונאים?

עס קען זעהר זיין, אַז אָט טאַקי ווייל זיי, די אומזיסטיגע שונאים האָבען זיך אַזוי אַוועקגעלעגט דעם יודען צו פערזאומערען און פערביטערען דאָס לעבען, ווייל זיי האָבען אים פערשפּאַרט אין דער ענגער פינסטע־רער געטהאָ און אַזוי „געקליגט זיך“ אים אָנטון געברענטע ליידען, און בשעת־מעשה געקוקט אויף אים פון אויבען אַראָפּ מיט אַזאַ פעראַכטונג, — דוקא דערפאַר האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבייט אַזאַ מין וואָס מען רופט עס „גאַלגען־הומאָר“, אַ לאַכען פון דער „תליה“ אַראָפּ, און ער לאַכט־אויס אַלע זיינע „תלינים“...

אין דער אמת׳ען, ער וואָס רעכענט זיך פאַר׳ן יחסן, פאַר׳ן „אויס־דערוועהלטען“, אַ יוד פון מצוות און מעשים טובים, וואָס האָט ניט קיין סימן פון „ידי עשו“ און קען ניט אָנריהרען אַפילו קיין פליג אויף דער וואַנד, וואָס פערמאָגט נאָר אַ „קול יעקב“ אויף לערנען די הייליגע תורה און זאָגען האַרציגע תפלות, פאַר זיין פאָטער אין הימעל, אויף אים קוקען עס יענע פיינע לייט, עשו׳ס אייניקלעך, מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי זיי זעהען עס אַ העכערער מין בעשעפעניש, די אמת׳ע גאָט׳ס מיוחסים, און ער איז עפּיס אַ ווערעמעל וואָס גאָט אַליין האָט עס געהייסען טרעטען מיט די פיס, — אוודאי האָט ער, זייענדיג ביי זיך אין דער היים, צווישען אייגענע, ניט געקענט איינהאַלטען זיך פון אַ געלעכטער, פון אַ שאַרף און שפּיציג ווערטעל וועגען יענע פיינע נפשות... בפרט נאָך אין אַ צייט ווען ער איז געווען ביי זיך מעהר האָפערדיג, ביי אַ שבת, אַ יום־טוב, אָדער גלאַט אַ יודישע שמחה, ווען ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפען די גראָבע וואָכענדיגע, „הינטישע“ פעל און געוואָרען ווידער דער אייגענער „בן־מלך“ און בעקומען אַ „נשמה יתרה“ דעמאָלט האָט ער זיך אָנגענומען גאָר מיט

האַרץ צו וויצלען זיך ברייט ווענן דער אויסערער וועלט מיט די ביטערע שונאים זיינע און די פינסטערע גזירות זייערע.

און ניט נור אויפ׳ן חשבון פונ׳ם פרעמדען שונא אין דרויסען; דאָס אינווענינסטע לעבען זיינס האָט אים אויך געגעבען איבער גענוג שטאָף אויף אָפּלאַכען און וויצלען זיך.

ווי בעוואוסט, איז משונה׳דיג און דעריבער זעהר לעכערליך יעדע זאַך, וואָס איז ניט נאָרמאַל, אוננאַטירליך, הייסט וואָס קען שוין זיין מעהר סתירה צו אַ נאָרמאַלען נאַטירליכען לעבען, ווי דאָס יודיש הויקער־דיג און פערקריפּעלט גלות׳דיג לעבען, צוזייהט און צושפּרייט אויף אַלע עקען פון דער גאַנצער וועלט, אַ לעבען פון שוועבען אין דער לופטען אָן אַ שטיקעל יסוד אונטער די פיס? אוודאי איז קיין חידוש נישט, וואָס דער יוד האָט גענוג איבער וואָס צו ווערטלען זיך און וויצלען זיך וועגען זיינע משונה׳דיגע אומגעלומפּערטע פּרנסות, זיינע מלמדים, שדכנים מעקלערס א. ז. וו. מיט זיינע קמצנ׳ישע גבירים, אַרענדאַרען, שנאָרערס, ישיבה־בחורים, בטלנים א. ד. ג. וועלכע קענען צושטעלען אַזוי פיל לאַך־מאַטער־יאַל אין אַלע צייטען.

הייַנט דאַרף מען ניט פערגעסען דאָס אויך, אַז דער יודישער מוח האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו אַרבייטען, תמיד האָט ער געזוכט שטאָף אויף צו שאַרפען זיך. דער יוד פון בית־המדרש, וואָס איז געזעסען מיט אַ פערקנייטשטען שטערען אַריינגעטון אין דער גרויסער גמרא, האָט ליב געהאַט בעזאָנדערס אַ געשפּיצט שטיקעל, אַ שאַרף פּלפּול׳דיגס וואָס מע דאַרף דערצו צולעגען מוח, און האָט גערן געבראָכען דעם קאָפּ איבער אַ פערשטעלטען „כלומר״, „ויש לישב״, „ודו״ק״ איבער אַ שווערען מהרש״א אָדער אַ האַרבען מהר״ם־שיף, און ווען ער האָט שוין געוואָלט אָפּרוהען דעם מוח, האָט ער אַוועקגעלעגט אַביסעל די שווערע הלכה און זיך גענומען געשמאַק צו דער לייכטער אגדה, צו אַ מדרש מיט זיינע וויציגע אויסטייטשען פון פּסוקים און מיט זיינע שכל׳דיגע משלים. און אפילו אַ יוד פון אַ גאַנץ יאָר, אַ פּשוט׳ער יוד פון גאַס, פון מאַרק, האָט אויך תמיד געאַרבייט מיט׳ן מוח, וואָס איז ביי אים געגאַנגען אויף אַלע רעדלעך, און האָט מיט פלייס געשאַרפט די כלים זיינע און געזוכט המצאות און איבערשפּיצלעך... דעריבער דאַרף קיין וואונדער ניט זיין, וואָס דער יוד, ווען ער פיהרט אפילו גלאַט אַזוי אַ שמועס, האָט אויך ליב, אַז דער מוח זיינער זאָל האָבען וואָס צו געניסען און האָט שטאַרק הנאה פון אַ שאַרף ווערטעל, פון אַ פיין געטאָקטען וויץ...

און דערפאַר איז דער יודישער וויץ ניט גלאַט אַזוי זיך קיין פלאַך

טרוקען ווערטעל, נאָר עס ליגט אויף דעם מעהרסטענטייל גאָר אַ בעזונדער שטעמפעל. דער יוד וויצעלט זיך אויף זיין שטייגער און זיין וויץ איז בעזאַלצט און בעפעפערט מיט אַ בעזונדערען יודישען פאָלקס־הומאָר, און איז גאַנץ אָפט זאַפטיג און געשמאַק און איז בעטעמ׳ט טאַקי מיט אַ עכט יודישען טעם.

און ניט נור דער יודישער גייסט איז אויסגעגאָסען אויף די יודישע וויצען, עס שפיגעלט זיך אין זיי אָפּ אויך די יודישע נשמה, און פיל פון זיי פערמאָגען היבש עטנאָגראַפישען מאַטעריאַל, וואָס קיין אַנדער פאָלק גיט ניט אַזויפיל אין זיינע וויצען.

וועגען וואָס וויצעלט זיך דער יוד? אויף דער דאָזיגער שאלה קען מען ענטפערען, ווי דער יודישער שטייגער, מיט אַן אַנדער שאלה: וועגען וואָס ניט? וועגען אַלץ אין דער וועלט. צוליב אַ גלייכווערטעל איז ער גרייט קיינעם ניט צו שוינען, אפילו זיינע אייגענע, גאָר נאָענטע, און אפילו זיך אַליין. און שטאָף אויף צו וויצלען זיך, ווי געזאָגט, פעהלט אים קיינמאָל ניט אויס. דאָס לעבען שטעלט עס אים צו אין אַלע צייטען מיט גאָר דער ברייטער האַנד.

דאָסזעלבע אויך אויף דער פראַגע: ווער וויצעלט זיך ביי יודען? — קען מען ענטפערען מיט אַן אַנדער פראַגע: ווער וויצעלט זיך ניט? געווען, אמת, ביי יודען בעזונדערע וויצענזאָגער, וואָס זייער נאָמען איז פערבליבען אין פאָלק. יעדער קאַנט בעזונדער האָט פערמאָגט זיינע אייגענע וויצלינגען, אין ליטא, אַ שטייגער, זענען געווען בעריהמט: מאָטקע חב״ד, שייקע פייפער און כלב לץ; אין דרום רוסלאַנד: הערשעל אָסטראָפאָלער, שמערעל שניטקעווער און לייבעניו גאָטס וואונדער. דייטשלאַנד ווידער האָט געהאַט איר אייגענס ישוע בחור און שמשון ביימעל, און אונגאַרן — דעם ראַוויעצער מגיד. אַפילו צווישען די רבנים האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע וואָס זענען בעריהמט געווען מיט זייערע וויציגע „שיחות־חולין”, ווי דער רבי ר׳ יהושע־העשיל פון קראָקע און דער סלאָנימער רב ר׳ אייזיקעל הריף. אָבער אויסער די מפורסמים געפינט זיך אויב ניט אין יעדען יודען, איז אין אַ גרויסען טייל, אַ ניצוץ פון הערשעל אָסטראָפאָלער, שייקע פייפער מיט די אַנדערע בעקאַנטע וויצלינגען, און ניט ווייניג אַפילו פון די וויצען וואָס טראָגען אויף זיך דעם אָדער יענעם „נאָמען”, געהערען באמת צו די „אונבעקאַנטע”, און דערפאַר ווערען אָפטמאָל איינע און די זעלבע גלייכווערטער נאָכדערצעהלט אין יעדען קאַנט אינ׳ם נאָמען פון זיין בעוואוסטען „ווערטעלזאָגער”.

אין די לעצטע צייטען הויבען־אָן, ליידער, פיל פון די אַלטע עכטע

יודישע וויצען ביסלעכווייז פערגעסען צו ווערען און הערען־אויף צו לעבען אין מויל פון אונזער פאָלק, און כדי זיי זאָלען ניט אָפּשטאַרבען אינגאַנצען דאַרף מען זעהן זיי זאָלען אויפהערען צו זיין „צוזייהט און צושפּרייט" ווי דאָס פאָלק, וואָס האָט זיי געבוירען, און מאַכען פון זיי איין „קבוץ", וואו אַלע זאָלען זיך געפינען צוזאַמען און יעדער יוד זאָל קענען פון זיי געניסען.

און דאָס איז די ציל פון מיין זאַמלונג „יודישע וויצען".

פיל יאָרען דורכאַנאַנד האָב איך געהאַלטען אין זאַמלען יודישע וויצען פון פערשידענע קוואַלען: פון יודישע וויצען־זאַמלונגען אַלטע און נייע, פון „הערשעל אָסטראָפּאָלער'ס אַנעקדאָטען־בוך" ביז דעם מאָדערנעם בוך „ראָזינקעס מיט מאַנדלען"; דעסטגלייכען פיל פון די וואָס געפינען זיך אויף איינינגע אַנדערע לשונות. איך האָב אויך, פערשטעהט זיך, געזעהן אויסצונוצען, וואָס איך האָב אַליין אין די אַלע יאָרען געהערט בעל־פּה פון די גלייכווערטלעך און וויצען, וועלכע געהען־אַרום אין פאָלק. אויך ניט וועניג בריף מיט וויצען האָב איך בעקומען, לויט מיין בקשה אין יודישע צייטשריפטען, פון וועלכע איך האָב אַרויסגענומען אַזעלכע וואָס האָבען געפעהלט אין מיין זאַמלונג. און איך רעכען פאַר מיין חוב דאָ אויסצונוצען דאָס געלעגענהייט אויף אָפּצודאַנקען די בריף־שרייבער פאַר זייער מיה.

געוועהנליך האָב איך דעם גאַנצען צונויפגעזאַמעלטען מאַטעריאַל געזעהן צו בעאַרבייטען און אַביסעל בעפּוצען לויט מיין געשמאַק, ניט אָנריהרענדיג דערביי די פאָלקסטימליכע בעזאָנדערהייטען.

איך וויים, אַז איך האָב ניט געקענט אויסשעפּען אַלעס און געבען אַ פאָלשטענדיגען יודישען וויצען־בוך. געוויס פעהלען נאָך דאָ ניט וועניג אַזעלכע וויצען, וועלכע איך וואָלט אַריינגענומען אין מיין זאַמלונג ווען איך זאָל פון זיי וויסען. און דערפאַר רעכען איך פאַר נויטיג זיך ווידער ווענדען צו די לעזער מיט דער בקשה, זיי זאָלען זיך מטריח זיין און מאַכען מיר אויפמערקזאַם (אויפ'ן אַדרעס פון פערלאַג „מוריה") אויף די וויצען וואָס איך האָב פערפעהלט אין מיין זאַמלונג. זיי דאַרפען אָבער דערביי האָבען אין זינען, אַז איך האָב ניט געזוכט ביז אַהער און זוך איצט אויך ניט אַנעקדאָטען און ווערטלעך פון יענעם מין וואָס ווערען געדרוקט אין די ביליגע וויץ־בלעטער, אויך ניט גלאַט איבערגעזעצטע אָדער אַפילו אַביסעל איבערגעמאַכטע פון פרעמדע פעלקער און לשונות, נאָר אַזעלכע וואָס זענען געבוירען און אויסגעוואַקסען ביי אונז, אויף אונזער לשון, ד. ה. עכטע יודישע וויצען.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט	III—VII
יודען	**3—12**
פון וואָס לעבט אַ יוד	3
אַ סך גערעכטען	״
וואָסער פעקעל?	4
אויפ׳ן הימעל אַ יאַריד	5
שלום עליכם	״
גרינגער אויפ׳ן האַרצען	״
צוויי קיה	6
לכתחלה און בדעבד	״
מורא צו זאָגען דעם אמת	7
אַ יודיש שפּיצעל	״
גאָר ניט געפאַלען	8
וואָס איז דער טעם פון תנא קמא?	״
אָן הענד	9
הידושים פון דער גרויסער שטאָדט	״
איך האָב צייט	״
ניט מעהר?	10
אַ בעזער הונד	״
אָט זעהסטו דאָך	״
אַ שען בילד	11
אַ גרויס גליק	״
בפירוש אין דער תורה!	11
״ ״ ״ !!	״
צלם קאָפּ	12
עכטע גוים	״
יודען און גוים.	**13—27**
אַ גוי און אַ יוד	13
אַ שאלה אויף אַ שאלה	13
ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר	״
געשטעלט אַ ליכט	14
טעלעגראַף אָן דראָט	״
געיודישט	15
דלפון און ויזתא	״
זשיד מאָשעניק	״
אַ וועקסעל אויף דריי־הונדערט רובעל	16
אויסלערנען אַ הונד רעדען	17
געה דערוויין	18
לייב שמערצען	״
וואוינרעכט	19
ראַבינאָוויטש געווים ניט	״
פשוט אַן אַנטיסעמיט	20
פערוועהרט	21
אויף חידושים	״
רעכטע און לינקע	״
„שלא עשני״	22
קען זיין פנים ניט אָנקוקען	״
אַ פרעהליכע אָפּערא	״
אויף אייער חתונה	23
מיר האָבען די מיליאָנען	״
דריי קשיות	״
אַן עושר׳ס זוהן	24
מיין גאָט איז געבליבען לעבען	״
„איך וויים ניט״	״
אַ צוגאָב	26

משומדים 28—36

אַ יוד שמד'ט זיך ניט 28
פיר משומדים ״
צוליב איבערצייגונג 29
גלייך ווי גאָרנישט ״
קיין מניעה נישט ״
ווי אַזוי נעמט אַ יוד און שמד'ט זיך 30
אַ „חיי שעה״ ״
פון אַ גאַנז אַ פיש ״
שוין צופיל יודען 31
אַ גוי'אישער קרייז ״
אין אַ פרעמדער פעל ״
געשווינד זיך אויסגעלערנט 33
שוין געוואָרען אַזאַ עזעל ״
שווער זיך אָפצוגעוואוינען ״
אַ פראַקטישער מענש 34
פריהער אַ פראָטעסטאַנט ״
בעסער אויפהענגען אַ גוי ״
האָטש זיין אַ פרומער קריסט 35
ווען ווערט מען אַ יוד? ״
ענטפער דעם רבונו של עולם 36

אפיקורסים און משכילים 37—44

אַ יודישע שטאָדט 37
געפרעגט דעם רב ״
פערגעסען 38
און דאָס מעג מען? ״
למען השם אָפהיטען ״
פאַר מתן תורה 39
דער יונגער אַפיקורוס ״
אָהן אַ ברכה 40
אַ מיטעל ניט צו פאַסטען ״
אַ יודישע המצאה ״
ניט קיין מסוכנ'ער חולה ״
נאָך אַ טויזענטער 41
צוליב דריי טעמים 42
נאָך פליישיגס מילכיגס ״
די לעצטע שמיץ 43
ביי דער טיר פון גיהינום ״

בעלי עבירות 45—50

ערגער ווי געשמד'ט 45
אַן עבירה אַ מצוה 4b
פותר חלום זיין 46
מעהר מקנא צו זיין ״
עס קאָסט טייער ״
כדאי אַזוי איינצולעגען די וועלט ״
פקוח נפש 47
הנאה האָבען מעג מען 48
דארפען אָנקומען ״
פייניגען זיך 49
לויט די יאָהרען 50
צעהן קלאָגען ״
אַ שבת'דיגע גנבה ״

גנבים 51—54

אַ קל וחומר 51
אַ גאַנץ טוץ לעפעל ״
אונשולדיג געזעסען 52
נעביך אַ גנב ״
אַ פרנסה זאַך ״
וואָס זשע טוט גאָט? 53
מים גנובים ״

פראָצענטניקעס 55—56

ביידע פון די ערשטע 55
פיל מיט ריבעס ״
געשטעלט אויף די פיס 56
אַן אייביג פלאַץ ״

מוסרים 57—58

תקיפות פון אַ מסור 57
פאַר וואָס זאָל אַ יוד אַזוי הנאה האָבען? ״

עזות פנימ'ער 59—60

היינט און אַלע טעג 69
ווי דער מנהג איז ״
צוויי טייטשען 60

אָפנאַרערס און ליגנערס 61—65

אמת אויף דער וועלט 61
דעם רמב״ם'ס וועגערל ״
אַ יודישער טאַטע 62
אָפגענאַרט גאַנץ אָדעס ״
גאָר קיין קונץ ניט ״

אַלץ אמת אויסער אייניגע 62
קליינינגקייטען 63
מיר האָבען אַ גרויסען גאָט! 64
אַ טאָקער „
קען אַריינפאַלען 65

געשעפטען און שטעלעס 66—71

ווי אין „ספירה" 66
אַ גוט געשעפט „
אַ געשעפט אויף כמה יאָהרען „
אַ פרנסה אויף קינדער און
קינדס קינדער 67
ניט געפריוועט „
פון יענעמס שווייס 68
איבערנעכטיגען „
אַ גוטער בעל יועץ „
שענע געשעפטען 69
אַ שכחה קרעמעל 70
ניט געלעבט און ניט געשטאָרבען „
אינמיטען טוט מען אַ שטאַרב 71

סוחרים׳ באַנקראָטען 72—77

וואָס די ערד דעקט צו 72
נו־נו „
אַ גרויסער בעל חוב 73
פרעמדע האָר „
פעררעכענט פאַר אַ גביר 73
„חנני העני" 74
לאָז מען שוין ווייטער פויקען „
צו אַ גרויסער אָטשערעד „
געשוויגען 75
גענוג דעם קאָפ געדרעהט „
די סדרה 76
אויך עפּיס געניסען „
אָנגעהויבען אויסצוצאָהלען 77
קוויט „

בעלי מלאכות 78—80

צוויי דריטעל מלאכה 78
שטעהט און ליגט „
אַ גוטע וועטשערע 79
אַ שידוך מיט אַ שניידער „
לאָז ער דערוויל הייסען יענק׳על 80

אכסניות און בעלי אכסניות 81—83

זיך איבערקעהרען 81
צוויי פוילע „
אַ גרויסע לויה 82
אַלטע נייעס „
אַ מעלה מיט אַ חסרון „
דער חשבון 83

שענקערס 84—85

ביליגער אויף באָרג 84
פון וואַנען נעמט זיך דער דלות? „
דעם ווייגשענקערס סוד 85

בעלי עגלות 86—89

געקומען גאַנץ פריה 86
צוויי משיח׳ן „
אַ דין תורה מיט אַ פערד 87
אַ זומערדיגע תורה „
פויל מיט פערד 88
תשובה טוהן „

שדכנים און בדחנים 90—97

אַן איין און איינציגען חסרון 90
עס מאַכט ניט אויס 91
אַ ליבע־שידוך 92
מעג זיין אַ משוגע׳נער „
די משוגע׳נע שעה „
אַ זעלטענע טייערע סחורה 93
אַביסעל פילאָסופיע 94
ווער ווערט אַזוינע לייט געטרויען? „
לאַנג צו וואַרטען 95
אַ דערוואַקסענע בתולה „
אַן אייגען הויז 96
טאַקי אַן גלייכווערטליך „
אַלמן 97

כלי קודש׳ ו׳ רבנים׳ 98—106

„תנו רבנן" 98
אָט דאָס טאַקי הייסט „קורקבן" „
געה פרעג דעם רב 99
די ערשטע שאלה „
ווער ווערט געהערט „
אַ מנחה אַן כלבים 100

אַדוואָקאַטען וועלען געווינען 100
„יהגה" חכמה 101
נאָך א צרה אויף איוב׳ן ״
ניט זיין קיין נאַקיטע ״
אַ סגולה אקעגען מזיקים 102
מגלה הידושים ״
אַ זעלטענע המצאה 103
איוואַן קען יודיש ״
אַ גליק וואָס ער פאַסט 104
אַ ברכה לבטלה ״
ברוך דין אמת ״
דער טויבער רב 105
אַ דין תורה מיט גאָט ״
קיינעם ניט געגאַנגען פרעגען 106
אַ דאָקטאָר צו אַ טויטען ״

II דער דראַזשנער רב 107—109

וואָס פאַר אַ זייגער 107
ברייגנען די שיף אַהער ״
אויך גערעכט 108
אַלץ אויף דער לינקער זייט ״
חכמה פון הינער 109

III מגידים 110—120

גוט זיך אויסגעשלאָפען 110
גוף ״
נאָך אַ בעסערער תירוץ 111
אויף דער וועלט ניט געווען ״
אָן ציין ״
גאָר קיין פערד ניט 112
אויסמעקען פרעמדעס ״
אָפגעגעבען דעם שליסעל 114
זיי לאָזען דעם פסוק ניט זאָגען ״
אַ פסוק פאַר אַ פסוק 115
דער חילוף 116
גענוג איינצוטיילען 117
היגע מזיקים ״
דאָס פעקעל אויף די פלייצעס 118
אין מיטלפונקט 119

IV חזנים 121—123

דער קלוגער חזן 121
„גשם" ״
אָן אַ ש״ץ 122
אויך אַ באנדאר 122
א בעל צדקה ״
טאַנצען דעם טאַנץ 123

V גבאים און ראשי הקהל 124—126

אַן ערליכער גבאי 124
אדם הראשון׳ס שפיי ״
ניט קומען אין קהל 125

VI מלמדים 127—133

אַ שלעכטער סימן 127
דער בירזער מלמד ״
געווען פערנומען אין דערהיים 128
ניט פון איין מין ״
אשה — אַ וואַ ״
לשון חוזק ״
למעלה 129
שטעהט אומזיסט ״
משוגע׳נער פיש 130
תורה און דרך ארץ 130
זוכען די אבדה 131
ממה נפשך ״
צו פגר׳ן אַ ציג ״
רייכער פון ראָטשילד ״
ווי האַלטען זיי ״
מיט אַמאָל זיך אָפשמד׳ן 133
אפשר ניט געמל׳עט אויך? ״

IIV גוטע יודען און „חסידים". 134—146

די תרומה איז ניט קיין תרומה 134
גלייך צו אַ מלאך ״
רעדט מיט מלאכים 135
גלוי אליהו ״
דעם רבינ׳נס תורה ״
„רזין דרזין" 136
„לשובע ולא לרזוך" ״
דריי — איז דריי 137
ווער איז גרעסער ״
אַן עם הארץ אויף חידושים ״
אַ נס, וואָס אַ נס הייסט 138
פשוט דערוואָרגען ״
אָן קוליעס 139
אַ ווייטער קוק 140
בדרך הטבע ״

"יזכור" 140
אַ קאָפּיקע צום פּופּיק 141
"ברגש" ״
אַ קאַפּעלע מעוברת 142
אָנגעזאַלצען ״
כדי מע זאָל ניט וויסען 143
פון די אבות ״
על אחת כמה וכמה ״
געוויס אַ חסיד 144
וואָס שטעהט העכער? ״
אַ קאָצקער חסיד ״
מיט אַ בלויען זאַק 145
אַ גרויסע חכמה ״
אַן אַנדער מענש ״
אַ טפש איז ער געווען? ״
אַ גוטער קאָפּ 146
יי״ש מיט קעז ״
מענשען אויף דער לבנה ״

רייכע און אָרימע

I קמצנים 147—156

מכבד עשירים 147
אַ פּערקעהרטע וועלט 148
אַ מזל זאַך ״
אַ קליינע טובה ״
די וועלט און יענע וועלט 149
דוקא חם ״
"געביך אַ יתום" ״
אַן אייגענער אָרימאַן 150
שלום עליכם! ״
ניט קיין היגער 151
מבקר חולה זיין ״
פון היץ 152
איך שוויץ ״
קרן מיט רווחים 153
גאָר אַנדערש געמאָלט ״
דער שידוך געפעלט ניט 154
אַ בעל רחמנות 155
צעברעכט דאָס האַרץ ״
געשיקט פון דלות ״

II אביונים און שנאָרער־ מקבלים 157—167

איסבייטען אַ הונדערטער 157
צוויי הונדערט קאַרבען 157
דער נשרף 158
איך געליטען ״
גמרא ״
אַ גאַנץ זיכערע רפואה 159
ניט קיין קרוב ״
אָט דאָס הייסט געלעבט! 160
צוויי מיידלעך אויף איין פּיאַנע ״
קיין יודישען טעם ״
מאַיאָנעזע 161
טאַקי ווערט ״
אַן איידעם אויף קעסט 162
צום ברודער אויף אַ שמחה ״
נאָך אויף איין יום טוב ״
געהט אַליין איבער די הייזער 163
פרנסה בלייבט פרנסה ״
דערמאָהנט דעם אָרימאַן 164
געהן לערנען זיך שנאָרען ״
אַ שענער נדן 165
אַ צו־להכעיס שפּיל ״
שלעכט אין אַלע צייטען ״
אַ מלבוש אויף אַלע ימים טובים 166
אַ באַקאַליע קרעמעל ״
געוואָרפען אַ אום־חן ״
טוט־אָן און טוט אויס ״

קלויזניקעס און בטלנים 167—177

גאָר אַן אַנדערע זאַך קשה 168
וויסען אויף אַן אַנדערס מאָל ״
וואו זענען מיינע ברילען? 169
וואָס אַ קבצן פערגינט זיך! ״
אַ פשוט׳ער קל וחומר 170
אַ פשוט׳ער ממה־נפשך ״
אַ בקשה ״
"גוטע טעג" ״
וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען? 171
אַ אָנצוהערעניש ״
פרעהליכער געוויס ״
לאָקשען צי פאַרפעל? 172
קאָשע מיט תירוצים ״
איין ברויט וואָס איז צוויי 173
אַ שענער חלום 174
פערביטען די יוצרות ״

פון וואַנען וואַקסט דער מענש? 175
די נאָזלעכער ״
בעשיינפערליך ״
בעסער דיין רובל 176
כח הראַפּטאָם און כח האימפעט ״
פּאָניעס מזל 177
אַ קאָמעטע ״

הכנסת אורחים און גמילות חסדים· 178—181

ניט געגעסען 178
נאָך אַ דריטע גלאָז ״
אויב איר פערשטעהט קאַטאָוועס ״
שלאָפט געשמאַק 179
אַ בית עלמין פאַר אורחים ״
שלעכט אַזוי און שלעכט אַזוי ״
שולדיג אַן ענטפער 180
אויף דריי שעה ״
מאָרגען ״

נדרים· 182—183

געזאָגט איז געזאָגט 182
איינס פון די צוויי ״
אַ ביליג פערדעל 183

דאָרפס יודען און גראָבע יונגען 184—192

טעות גוי 184
אויב אַזוי, איז איוואַן גוט אין דער ערד! ״
ער זוכט אַן איידעם 185
אויסלערנען „קדיש״ ״
דער סוד פון „חד גדיא״ ״
זכות אבות 186
מיר האָבען אַ גרויסען גאָט 187
אריינמישען זיך צווישען קיסרים ״
אַ פּראָסטער „חי וקים״ ״
ערגער, ערגער! 188
אַ תילים מיט גרויסע קאַנטען ״
דער כח פון דקדוק ״
אדם ובהמה ״
דער פעטער עשו 189
דריי משה׳ס ״
אַ בקי 189
מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען 190
דער קאַטשאַן אין שלחן ערוך ״
אַזוינע וויסטע קאַליקעס ״
זיך אָנגעשטויסען ״
אַ גרויסער ווייסער 191
צו אַ גרויסער למדן ״
למדן אַרויס! ״

פּויערען· 193—195

דריי פּראָבען 193
פונפצעהן קשיות ״
איינגעטריקענט 194
נאָכגעקראָכען ״

שוטים· חעלמער· 196—198

אַ נאַר מיט אַ פּינטעלע 196
בדוק ומנוסה ״
פערקעהרט אָנגעשמירט 197
איין ריאַבע קוה ״
אַריינגעוואָרפען דאָס קעצעל 198
זיך געשטעלט אויף אַ בענקעל ״
געוועזען אַ פּאַרשוין ״

חעלמער נאַרען 199—207

היבש אָפּגערוקט 199
אַ פשרה ״
דער ערשטער שניי 200
אַלע מיט איינמאָל ״
אַ שמירה 201
אַרויסגעגנב׳עט די לבנה ״
עס פעהלט פון אויבען ״
אַ מוסטער 202
אַ סימן מובהק ״
אַ ריח ״
דאָס בעסטע 203
אַלעס גרייט 204
אַ האָרב ווי אַ באַרג ״
ניט קיין אייגענע שיף 205
פון וואַנען נעמט זיך זומער די היץ? ״
צוליב די פערד-גנבים 206
אַראָפּ מיט ליידיגע און אַרויף מיט פולע ״
גאָר קיין נאַר ניט ״

אַ דרייגאָרענדיגער טפּש	207

משוגעים־ דער

זאַגערער משוגענערי	**208—209**
אויב ניט — גאַנץ קהל	208
די רעכטע צייט	„
איין משוגענער אויף צוויי שטעדט	„
קראַנקע און רופאים	**210—212**
בעסער איר	210
אַ גוטע זאַלב	„
זיך בעראָטען מיט א פּראָפעסאָר	„
צום אַפּעטיט	211
אויף מאַמע לשון	„
דער דפק	212
יונג און אַלט	**213—216**
דער גאון ר׳ יהושע־העשיל קינדוויז׳	
I שוין אויס קאַשע	213
II ולשרה בן	„
III מיט איין פּיסעל	214
IV געהערט ווי געזעהן	„
V שוין פיינד בעצייטענס	215
איבערגעקעהרט	„
וויל נאַר	„
פונ׳ם אַלטען דור	216
אויף דער עלטער	„
איבערגעגעסען זיך מיט אפיקומן	„

ױדישע פאַמיליע׳

עלטערן און קינדער׳	**217—221**
דאָס לשון אָפּגענומען	217
אַ זכות	„
אויסגערעכענט זיך יחוס	218
אַ פּשוטער חשבון	„
אַ ווייב אין אמת׳ן	„
עס פעהלט איין הונדערטער	219
הבל־הבלים	„
אַ קונציגער כירורג	220
גלוי עריות	„
קומט ניט צוריק	221
לאָז ער וויסען	„
מאַן און ווייב	**222—233**
לאָז ער ווייגען	222
פּשוט מצה	222
פון הימעל אויף דער ערד	„
טויב אויך	223
ביידע קוויט	„
מעהר ניט עלטער ווערען	„
אַ נגע צרעת	224
געפעלט מיר אויך ניט	„
מוז אויסשפייען	„
געפונען	225
גרויסע ליכט און קליינע ליכטעלעך	„
אַ גרויסע אויסברענגערין	„
מחולק אין דער אגראַר־פּראַגע	226
אַ ביס אין צונג	„
ווייבערשע האַנד־אַרבייט	„
אַ ווייבערשע קרענק	„
טראָגען ניט	227
יונגער און עלטער	„
אַ לוח	„
זעהט־אויס יונג	„
די אויסלענדישע בעדער	228
הבדלה	„
צוואַנציג יאָר לעבען	„
הערשעל אָסטראָפּאָליערס ווייב	229
אַ שענערע סחורה	„
אויב איינער שטאַרבט	230
אויב ניט איצט — ווען דען?	„
זי שטייט אויף	231
אַ מיאוסע משפחה	„
אַ רייכע אלמנה	232
אויף קעסט	„
דריי ווייבער	233
שווער און שוויגערי	**234—236**
דערלעבען אַ צווייטע „בר-מצוה״	234
דערלאָזט ניט צו עסען	„
ער קען נישט!	235
קליגער געווען	„
תזל כטל אמרתי	236
דרייגאָרענדיגע שנאה	„
ימים־טובים׳	**237—245**
דריי נסים	237
גאָר הוילע וואַסער	„

דעם ליטווישען מגיד׳ס מבינות 238
אַ קלאַפּ פערגעהט 239
אויסגעהערט דעם אַנדערען צד „
פורים׳דיגער ראש־ישיבה 240
אַ הצלחה פון עשו׳ן „
אַ נייער פירוש אויף דער הגדה „
שוואַכע קעפּ 241
פערקויפט צו אַ גוי „
ווי אַזוי מען דאַרף דעם סדר אפּרעכטען „
קורח אין דער הגדה 242
אַ בעל־דקדוק „
דער רשע פון דער הגדה „
ביידע איידעם — שדים 243
אַן עבור־יאָר „
מכות ניט רבנים „
בנים איז אויך אַ גאַנץ גוטע מכה 244
גאָט איז גערעכט „
אַ רגילות 245

פּעֶרשידענעֶס· 246—254

ספוד און רקוד 246
אַ ברכה „
פריהער געבונדען 247
פריהער אויפגעשטאַנען „
ניט קיין היגער
איבער די כוחות 257
איינער זאָל זאָרגען פאַר אַלעמען 248
אויסטרינקען אַ ים „
אמת און שקר „
גוטע שוימער 249
ווען די וועסט מיך אויפוועקען „
דער טעם פון ווײַן „
אַ שנאַפּס גאַנץ פריה „
פרעסט 250
סובדירעקטאָר „
לאָקשען „
וואָס טויג די פ״א אין המן? 251
אַ טעות „
איך האַלט ניט פון אַזוינע קאַטאָרזשניקעס „
פערשטעהט ענגליש 252
געוואָלט געבען א פּאָר פּעטש „
אַ בעלן צו צעהלען „
גוט פערשטאַנען 253
צעהן טויזענטער פאַר איין קוק „
איין פענסטער „
געהן און זעהן 254
ווי די שאלה אַזוי די תשובה „

קורצעֶ שאלות ותשובות 255—264

יודישע וויצען

יודען

1. פון וואָס אַ יוד לעבט.

אַ יודען האָט מען געפרעגט פון וואָס ער לעבט:

— איר פרעגט מיך — האָט ער געענטפערט — פון וואָס איך לעב? פון וואָס, אַ שטייגער, זאָל אַ יוד לעבען? טאַקי ווי עס שטעהט ביי אונז געשריבען: „יש אוכל אכילה אחת וחיב עליה אַרבע חטאות ואשם אחד" (פאַראַן איינער עסט איין זאַך און פערשולדיגט זיך דערפאַר פאַר פיר זינד־אָפּפער און איין שולד־אָפּפער). איך בין, פערשטעהט איר מיך, אַ זינדיגער מלמד, אַ זינדיגער שדכן, אַ זינדיגער מעקלער און אַ זינדיגער בעל־תפלה — האָט איר פיר הטאות, און דערצו נאָך „ואשם אחד" — דאָס הייסט, איך בלייב נאָך שולדיג גאַנץ היבשליך אין שכנ׳ס קרעמעל.

2. אַ סך גערעכטען.

איינער בעגעגעגט אַ בעקאַנטען יודען, פרעגט ער אים:

— ווי געהט עס אין געזונד און צום געזונד?

— אַ יודען — ענטפערט יענער — האָט מען ניט צו פרעגען ווי עס געהט אים, געוויס שטענדיג גוט. אויפ׳ן ערגסטען פאַל איז ער גוט קראַנק, גוט הונגעריג א.אַז.ווי. מיר, ניט צו פערזינדיגען, איז אויך אַזוי גוט. אויסער דעם, דאַרפט איר וויסען, האָב איך נאָך, ברוך השם, צו געניסען יעדען טאָג ניט איין גערעכט, נאָר עטליכע גערעכטען. אַ שטייגער, איך שטעה־אויף אין דער פריה, עס גליסט זיך מיר עפּיס צו נעמען אין מויל, זאָג איך דעם ווייב, זאָל לעבען: איך וויל עסען. בין איך גערעכט. זאָגט זי: דו ווילסט עסען, איך וויל אויך. גיב זיי מוחל,

געלד, וועל איך באלד לויפען און קויפען. איז זי אויך געדערכט. געלד, זאג איך איר, איז גאר ניט קיין שלעכטע זאך, נאר איך האב שוין אזא טבע פון אייביג אן: וויבאלד איך לעג זיך אן געלד שטעה איך אויף אן געלד. בין איך ווידער גערעכט. מאכט זי: קוק אים נור אן, ער הייבט שוין אן מיט זיינע ווערטלעך, מיט גלייכווערטלאך אליין קען מען קיין אנבייסען ניט צוגרייטען. איז זי ווידער גערעכט. דערווייל קומען צולויפען איינס נאכ'ן אנדערן די קינדערלעך, זאלען געזונד און שטארק זיין, און שרייען: מאמע, גיב עסען! זיי, נעביך, זענען געוויס גערעכט. שרייט די מאמע: וואו זאל איך נעמען צו געבען אייך עסען? געהט צום טאטען, דעם גאלדשפינער, לאז ער אייך געבען צו עסען. ווייטער גערעכט. זאג איך: וואס שרייסטו אזוי אויף די קינדערלעך? זיי ווייסען קיין חכמות ניט, זיי זיינען נעביך הונגעריג. בין איך אפשר ניט גערעכט? מאכט זי ווידער שוין מיט א געוויין: ווי געפעלט אייך דער שענער בעל־רחמנות מיינער? פאר וואס האסטו ניט קיין רחמנות אויף מיינע יונגע יארען? קוק מיך אן וואס פון מיר איז געווארען, הוילע הויט אוןביינער. איך זאל זיי וועלען געבען א שטיקעל פלייש פון מיר, האב איך נישט! איך פיהל אז זי איז שטארק גערעכט, נאר איך בין שוין פון יענער זייט טירי אזוי האב איך מיר מיין אייגענס אלערליי ארט גערעכטען שוין גאנץ פריה, היינט וויפיל נאך אזוינע גערעכטען דערנאך נאך א גאנצען טאג. הכלל פרעגט ניט, ס'איז גוט פאסקודנע.

3. וואסער פעקעל?

צוויי בעקאנטע יודען שטעהען אויף דער גאס און שמועסען צווי־שען זיך. קלאגט זיך איינער פאר'ן אנדערען אויף די שלעכטע ביטערע צייטען.

— וואס זאל איך אייך זאגען, ס'איז שלעכט וואס שלעכט הייסט. איך זאל וועלען פאר אייך פאנאנדערלעגען מיין פעקעל צרות, וואלט איר געוואוסט, וואס איך טראג און לייד־איבער טאג־טעגליך.

— נעמט זיך ניט איבער — רופט זיך אן דער אנדערער — איר זענט ניט איינער ביי גאט, איך אליין, ווי איר קוקט מיך אן, האב אויך מיין אייגענס א היבש פעקעל. און וואו האט איר גלאט, איך בייט אייך, א יוד וואס זאל ניט האבען זיין אייגען פעקעל?

— מאהלט אייך — זאגט דער ערשטער — ניט יעדער יוד, ס'איז געוויס פאראן ניט ווינציג אזעלכע, וואס זיי איז אמת גוט אויף דער וועלט און ווייסען ניט צו זאגען פון קיין שום פעקעל.

— גלויבט עס נישט. איך זאָג אייך בפירוש, אַז יעדער יוד מוז זיך האָבען זיין פעקעל אָן אַ שום תּירוץ. ווייסט איר וואָס, אָט לויפט אַקעגען אונז אַ יוד, וועלען מיר פּרייוען אים אַ פרעג טון: רב יוד, זייט־זשע מוחל, זאָגט וואָס הערט זיך עפּיס מכוח אייער פעקעל?

— וואָסער פעקעל? וועלכעס פעקעל? — מאַכט דער יוד פערוואונ־דערט און לויפט ווייטער.

— זעהט איר — זאָגט דער ערשטער — איך בין גערעכט, אָט האָט איר אַ יודען, וואָס הייבט גאָרנישט אָן צו וויסען פון קיין שום פעקעל.

— חס וחלילה! — מאַכט דער צווייטער — איר האָט אַ טעות אין פּשט. דער דאָזיגער יוד, פערשטעהט איר, האָט געוויס ניט איין פעקעל נאָר גאַנצע צוויי, און אפשר גאָר נאָך דריי, און אָט דערפאַר טאַקי האָט ער עס געפרעגט: וואָסער פעקעל?

4. אויפ׳ן הימעל אַ יריד.

בשעת אַן עדה יודען דאַוונען אין שוהל ווערט אויפ׳ן הימעל אַ גאַנצער יריד, ווייל איינער טראַכט אין זיין תּפלה וועגען ווייץ, דער אַנ־דערער וועגען באַקאַליי, דער דריטער וועגען שניט־סחורה און אַזוי ווייטער. און אַז די תּפלות געהען־אַרויף אויפ׳ן הימעל און מע נעמט זיי דאָרט איבערקוקען געפונט מען אַ גאַנצען יריד פון אַלערליי מינים סחורות. דערפון נעמט זיך דאָס יודיש ווערטעל: „אויפ׳ן הימעל אַ יאַריד״.

5. שלום עליכם.

דער גאון ר׳ זעלמעלע פלעגט זאָגען:

— אַז אַ יוד געהט־אויס שמונה־עשרה קומט אים דעמאָלט אָפּצוגע־בען אַ „שלום־עליכם״, ווייל אין דער צייט וואָס ער איז געשטאַנען שמונה־עשרה איז ער געוויס אויסגעוועזען אַ גאַנצע וועלט, געפאָהרען אין די גרוי־סע שטעדט און אויף פערשידענע יאַרידים איינצוהאַנדלען אָדער צו פער־קויפען סחורות.

6. גרינגער אויפ׳ן האַרצען.

אַ יוד געהט אין גאַס פערזאָרגט, ווי דער שטייגער, בעגעגענט אים אַ בעקאַנטער און גיט אים אַ פרעג:

— וואָס מאַכט מען עפּיס?

— עט, מע...

— איך מיין, די געשעפטען ווי געהען?
— העֶ, וויסיך, מעֶ...
— נו וואָס מאַכט דאָס ווייב?
— טעֶ, מעֶ...
— און די קינדערלעך וואָס מאַכען?
— עֶט, טעֶ, מעֶ...
— אַ גוטען טאָג.
— אַ גוט יאָר. אוי אַז מעֶ רעדט זיך דורך ווערט טאַקי גרינגער אויפ'ן האַרצען.

7. צוויי קיה.

אַ יודיש שטעדטעל איז פערברענט געוואָרען און אַלע איינוואוינער פונ'ם שטעדטעל זענען געבליבען נאַקעט און הויל. דער עולם איז אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פערפינסטערטע פּנימ'ער און יעדער בעזונדער האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצען און צו זיפצען אויף זיינע צרות. נאָר איין יוד, וואָס אים האָט אויך געטראָפען דער אומגליק ווי אַלע, איז געבליבען ווי פריהער לעבעדיג און פרעהליך, גלייך ווי ער האָט גאָר ניט געליטען. פרעגט מען אים:

— וואָס איז די מעשה, וואָס אין שטעדטעל זענען אַלע אַזוי פערזאָרגט און איר הייבט גאָרניט אָן צו זאָרגען?

— זאָגט, וואָס זאָל איך זאָרגען — ענטפערט ער — אַז גלייך ווי פריהער פאַר דער גרויסער שרפה, האָב איך איצט אויך מיין אייגענס צוויי קיה.

— צוויי קיה! וואונדערט מען זיך — וואו שטעהען עס אייערע צוויי קיה?

— איר פרעגט, וואו זיי שטעהען — ענטפערט ער — ניש־קשה, זיי שטעהען שוין אויף אַ גוטען פּלאַץ, ביי דוד המלך, אין זיין תהילים'על: „כּי בו ישמח לבנו כּי בשם קדשו בטחנו".

8. לכתחלה און בדיעבד.

לכתחלה ווילט זיך יעדען יודען, ער זאָל זוכה זיין ביי גאָט צו געווינען דאָס גרעסטע געווינס, די צוויי הונדערט טויזענד רובל; נאָר בדיעבד איז ער שטאַרק צופרידען, אַז גאָט העלפט אים און ער האָט די זכיה, לכל הפּחות, צו שטאַרבען אין חודש ניסן.

9. מורא צו זאָגען דעם אמת.

צוויי יודען בעקאַנטע בעגעגנען זיך אין איין אייזענבאַהן־וואַגאָן. פרעגט איינער דעם צווייטען:

— וואוהין פאָהרט עס אַ יוד?

— וואוהין פאָהרט מען? — ענטפערט דער צווייטער — קיין וואַרשאָ פאָהרט מען.

— איך פערשטעה גאַנץ גוט — מאַכט יענער אויפגעבראַכט — אַז דו זאָגסט קיין וואַרשאָ כדי איך זאָל מיינען, אַז דו פאָהרסט קיין לאָדז. איך ווייס דאָך אָבער אויף געוויס, אַז פאָהרסטו איצט טאַקי קיין וואַרשאָ, היינט פרעג איך דיך, ביסטו ניט אַ ליידאַק — וואָס האָסטו מורא צו זאָגען דעם אמת?

10. אַ יודיש שפּיצעל.

אין אַ גאַרקוך זיצען ביי אַ טישעל עטליכע סוחרים, בייסן־צו און שמועסען געשמאַק וועגען אייגענע און פרעמדע געשעפטען. דרעהט זיך דאָרט אַרום אַ יוד אַ הויזירער און לאָזט ניט רוהען, קומט־צו אַלע מאָל צום טישעל און לעגט־פאַר מע זאָל אים געבען פאַר עפּיס צו לעזען: „אפשר דאַרפט איר, יודען, טיכלעך טייערע, האַלזטיכלעך אַנטיקלעך, בייטעלעך פּרימאַ“... און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל דאָס אייגענע.

— וואָס זאָגט איר — רופט זיך אָן איינער פון די סוחרים — אויף דעם איינגעגעסענעם יודעל? הערט איר, איך מוז אים אָפּטון אַ שפּיצעל אָבער אַזוינס אַז ער וועט מיך האָבען צו געדענקען.

און ער רופט־צו יענעם יודען.

— זאָגט, רב יוד, געפונט זיך ביי אייך אַ פּאָר טראָגבענדער, נאָר פונ׳ם בעסטען סאָרט, אַזוי ווי איך, פערשטעהט איר, האָב ליב.

— צי ביי מיר געפונט זיך? אַ שאלה אַביסעל! — ענטפערט דער יוד, און נעמט־אַרויס געשווינד און דערלאַנגט דעם סוחר אַ פּאָר טראָגבענדער — אָט האָט איר אַזעלכע ווי איר פערלאַנגט, אָבער פּרימאַ וואָס פּרימאַ הייסט.

— וויפיל קאָסט?

— צוויי רובל.

דער סוחר רעדט ניט קיין וואָרט, נעמט גלייך אַרויס צוויי רובל און בעצאָהלט דעם הויזירער, און יענער געהט־אַוועק, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און אַזוי ווי צעמישט אַביסעל.

— ווי געפעלט אייך — זאָגט דערנאָך דער סוחר — דאָס שפּיצער וואָס איך האָב אים אָפּגעטון: זיך ניט אָנגעהויבען צו דינגען. זאָגסט צוויי רובל — נאַ דיר צוויי רובל. לאָז ער ווייטער וויסען. ניש־קשה, ער וועט זיך נאָך אַ היבשע צייט קראַצען און אויסעסען זיך דאָס האַרץ, פאַר וואָס ער האָט מיר ניט געזאָגט קיין גאַנץ דרייערעל.

11. גאָר ניט געפאַלען.

— וואָס ביסטו אַזוי פערטראַכט, יענק׳על?

— איך טראַכט וועגען אַ זאַך, וואָס איך קען זיך קיין עצה ניט געבען.

— דהיינו?

— איך טראַכט וואָס טוט מען מיט דעם בחור מיינעם: ער איז שוין אַלט, קיין עין־הרע, אַ יאָר ניין און איז נאָך ביז איצט ניט פערשריבען. איז ביי מיר געבליבען איך זאָל מעהר די זאַך ניט אָפּלעגען, ווייס איך אָבער איצט ניט, ווי אים צו פערשרייבען: זאָל איך נעמען און פערשרייבען אים מיט עטליכע יאָר יונגער ווי ער איז, האָב איך מורא טאָמער חלילה גיט מען אים אָפּ פאַר אַ זעלנער, וועט ער זיך אויסדינגען אַן אַלטער בחור; זאָל איך אים ווידער פריוועז פערשרייבען מיט עטליכע יאָר עלטער, וועט אים אויס־קומען צו שטעהן גאָר יונג צום „פריזיוו״ און עס וועט זיך נאָך אָנהויבען אַן עסק מיט „שאַצעניש״ פון יאָרען... אדרבא, זאָג דו, גוטער ברודער, וואָס טוט מען?

— אפשר וואָלט געוועזען אַ סברא, זאָלסט אים ניט פערשרייבען ניט ונגער און ניט עלטער, נאָר גאָר פשוט טאַקי לויט די אמת׳ע יאָרען זיינען?

— אוי, ווי איך בין אַ יוד, דו ביזט גערעכט! אויף דעם, זעהסטו, בין איך גאָר ניט געפאַלען!

12. וואָס איז דער טעם פונ׳ם תנא קמא?

ווען צוויי תנאים אין דער משנה קריגען זיך, איינער זאָגט אַזוי און דער צווייטער אַנדערש, פרעגט אָפט דערויף די גמרא: „מאי טעמא דתנא קמא?״ (וואָס איז דער טעם פונ׳ם ערשטען תנא?), פאַר וואָס פרעגט מען קיינמאָל נישט פערקעהרט: „מאי טעמא דתנא בתרא?״ (וואָס איז דער טעם פונ׳ם לעצטען תנא?).

דער תירוץ איז: אויפן צווייטען תנא איז קיין קשיא ניט — וויבאַלד יענער זאָגט אַזוי, מוז דאָך ער, ווי דער שטייגער איז ביי יודען, זאָגען פערקעהרט. די שאלה איז אויפ׳ן ע ר ש ט ע ן: ווי קומט עס, וואָס דער דאָזיגער זאָגט אַזוי און ניט אַנדערש?

13. אָן הענד.

אין אַ קאַלטען ווינטער־טאָג געהען עטליכע יודען אין גאַס און פּיה־רען צווישען זיך אַ הייסען שמועס און אַמפּערען זיך שטאַרק אויף קולות, ווי דער שטייגער איז, נאַר איינער געהט־מיט די גאַנצע צייט און שווייגט.

— ר' חיים — ווענדעט מען זיך צו אים — וואָס שווייגט איהר עפּיס און מ'הערט פון אייך קיין איין וואָרט?

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — ענטפערט יענער — איך הייב ניט אָן צו פערשטעהן, ווי אַזוי איהר קענט רעדען, ס'איז דאָך אַזאַ שרעקליכע קרירה, אונמעגליך אַ האַנד אַרויסצושטעקען און מיט איהר אַ ריהר צו טון.

14. חידושים פון דער גרויסער שטאָדט.

אַ קליינשטעדטעלדיגער יוד איז געקומען צוריק אַהיים אין שטעדטעל פון זיין רייזע דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען אין דער גרויסער שטאָדט, וואו ער האָט פערבראַכט עטליכע טעג, און ער דערצעהלט זיינעם אַ חבר מיט גרויס התפעלות די אונגעהייערע חידושים, וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעזעהן, אַ שטייגער, ווי אַ מענש שטעלט זיך אַנידער און רעדט צו דער וואַנד דורך עפּיס אַ מין כלי וואָס מע רופט עס טעלעפאָן, מיט איין האַנד דרעהט ער אַ רעדעל און מיט דער אַנדערער האַלט ער נעבען אויער עפּיס אַ רעהרעל.

— וואָס דערצעהלסטו מעשיות? — רופט זיך אָפּ יענער — וויבאַלד ביידע הענד זענען פערנומען, ווי אַזוי־זשע רעדט מען?

15. איך האָב צייט!

דער קאָנדוקטער אין אַ אייזענבאַהן־וואַגאָן האָט גענומען אויפ'ן וועג ביי איינעם אַ יודען זיין בילעט, אים בעטראַכט און געזאָגט מיט אַ בעז קול:

— ניין, דער בילעט טויג דאָ נישט, ער איז אויף אַ געוועהנליכען צוג צו פאָהרען, און איהר האָט זיך געזעצט גאָר אין קוריער־צוג!

— נו וואָס מאַכט עס דען אויס? — גיט דער יוד אַ מאַך מיט דער האַנד — פון מיינעט וועגען מעג זיך דער צוג פאָהרען גאַנץ פּאַמעליך, ניט לויפען משוגע'נערוויז, ניט־קשה, איך האָב צייט...

16. ניט מעהר?

אַ יוד, וואָס האָט בעדאַרפט פאָהרען וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין, האָט פערשפּעטיגט און איז געקומען אויפ'ן וואָקזאַל נאָכדעם, וואָס דער צוג האָט זיך שוין גערירט פון אָרט. ברעכט ער די הענד און קרעכצט אויף אַ קול:

— וועה איז מיר, אַזאַ אומגליק האָט מיר געטראָפען! איך האָב בעדאַרפט אַזוי נויטיג פאָהרען און דוקא היינט! וואָס טוט מען איצט? אַזאַ אומגליק!

— אויף וויפיל, רב יוד, האָט איר עס פערשפּעטיגט דעם צוג?

— סך הכל האָב איך פערזאַמט אויף אַ פּאָר מינוט.

— ניט מעהר? — מאַכט יענער — און איך האָב געמיינט, וועדליג איר שרייט אַזוי, אַז איר האָט פערשפּעטיגט צום ווענינסטען אויף אַ גאַנצע שעה.

17. אַ בעזער הונט.

צוויי יודען געהען אין גאַס און זענען פערטיפט אין אַ שמועס. דערהערען זיי פון וויטענס אַ הונט בילען, רופט זיך אָן איינער צום צווייטען:

— דו הערסט ווי יענער בעזער הונט בילט אַזוי שרעקליך? פאָלג מיך, לאָמיר אָפּטרעטען און זיך לאָזן געהן אין אַ זייט.

— וואָס האָסטו מורא? — מאַכט דער צווייטער — דו ווייסט דען ניט דעם כלל, אַז הינט וואָס בילען, ז י י בייסען קיינמאָל נישט?

— יאָ — זאָגט יענער — אמת טאַקי, א י ך ווייס, אָבער צי ווייסט עס אויך דער הונט?

18. אָט זעהסטו דאָך!

איין יוד דערצעהלט דעם צווייטען:

— דו שפּילסט זיך עפּיס מיט דער בימה אין דער וואָלקאָווישקער גרויסער שוהל? איך וועל דיר דערצעהלען גאָר אַ קלייניגקייט: אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער קריג האָבען זיך איינמאָל דאָרט, הינטער דער דאָזיגער בימה אַליין בעהאַלטען, וויפיל מיינסטו, אַ שטייגער? גאַנצע צוואַנציג טויזענד פראַנצויזען!

— וואָס רעדסטו? מאַכט דער צווייטער פערוואונדערט — צוואַנציג טויזענד! ווי איז דאָס מעגליך?

— אָט זעהסטו דאָך! — רופט זיך אָפּ יענער.

19. אַ שען בילד.

איין יוד וויזט דעם צווייטען אַ שטיק לייװאַנד, נאָר איינגאַנצען ריין און ליידיג, און זאָגט אים:

— זעהסטו, אָט האָסטו פאַר דיינע אויגען אַ שען בילד: „יודען געהען־איבער דעם ים־סוף".

— וואו זענען דאָ די יודען? — פרעגט יענער.

— די יודען? — מאַכט דער ערשטער — זיי זענען שוין אַרויס פונ׳ם ים און אַוועק ווייטער.

— און די מצרים וואו זענען?

— די מצרים האַלטען נאָך אין לויפען און זענען אַהער נאָך נישט אָנגעקומען.

— נו און דער ים אַליין וואו איז דאָ אויף דעם בילד?

— וואָס הייסט? דער ים איז דאָך צעשפאָלטען געוואָרען און אָפּגעטראָטען איןביידע זייטען.

20. אַ גרויס גליק.

אַ גרויס גליק איז, וואָס אין שוהל געפונט זיך אַ מזרח־וואַנד, ווען ניט די מזרח־וואַנד, וואָלט אַ יוד אין שוהל זיך גערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער אויבענאָן, ביז ער וואָלט אַזוי פערקראָכען העט־העט ערגעץ־וואו אין עק וועלט. איצט אָבער, קומט ער ביז צו דער מזרח־וואַנד און דאָרט מוז ער זיך שוין אָפּשטעלען, עד פה תבוא — ביז אַהער, און ווייטער געהט עס נישט!

21. בפירוש אין דער תורה.

I

אַ רוסישער יוד האָט אַמאָל געפרעגט אַ קירה׳שען:

— פאַר וואָס זאָגט מען ביי אייך תמיד „עטץ", ווי געהט עטץ, וואָס טוט עטץ, פון וואַנען זענט עטץ?

— ווי — האָט יענער געענטפערט — עטץ זענט אַ ווילדער עם־הארץ, עס שטעהט דאָך בפירוש געשריבען אין דער הייליגער תורה, — אַז יעקב אבינו האָט געפרעגט לבנ׳ס פאַסטוכער: מאין אתם? — פון וואַנען זענט עטץ?

II

צוויי יודען, אַ פוילישער און אַ ליטוואַק, האָבען זיך אַוועקגעאַמפּערט אַ היבשע צייט צווישען זיך: דער פוילישער שרייט, אַז מען דאַרף זאָגען

ניט "ליכט" נאָר "לעכט" און דער ליטוואַק טענה'ט פערקעהרט, אַז "לעכט" איז גאָר קיין וואָרט, נאָר "ליכט".

— ווייסטו גאָר וואָס — מאַכט דער ליטוואַק צום פּוילישען — איך וועל דיר בעווייזען אַ ראיה פון אַ בפירוש'ען פסוק אין דער תורה, אַז געזעכט ביַן איך ניט דו:

— אדרבה, בעווייז.

— עס שטעהט דאָך בפירוש: "בהעלותך את הנרות" — אַז דו וועסט אָנצינדען די ל י כ ט".

22. צלם ־ קאָפּ.

— טאַטע — פרעגט אַ פּויליש יונגעל דעם פאָטער זיינעם, אַ פאַר־ברענטען שונא פון די ליטוואַקעס — פאַר וואָס רופט מען עס אַ ליטוואַק מיט'ן נאָמען צלם ־ קאָפּ?

— וואָס פערשטעהסטו נישט? — ענטפערט דער פאָטער — ביי יעדען ליטוואַק אין קאָפּ איז דאָ צלם. אַ סימן האָסטו, נעם אַ האַק און בריוו אים צעשפּאַלטען דעם קאָפּ, וועסטו זעהן אַז דאָרט געפינט זיך אַ צלם. און טאָמער וועסטו גראָד ביי דעם איינעם ניט געפונען, איז אויך קיין גרויסער אומגליק — דערווייל וועט מען גלאַט פטור נאָך פון איין ליטוואַק אויף דער וועלט.

23. עכטע גוים.

אויף איינער פון די הויפּטגאַסען אין מאָסקווא געהען צוויי יודען און רעדען צווישען זיך רוסיש אויף קולות מיט אַ עכט בערדיטשעווער אַקצענט. אַ יוד וואָס איז נאָכגעגאַנגען פון אונטען און געהערט זייער שמועס רופט זיך אָן צו זיי אַזוי:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיינע ליבע יודען, וואָס טויג עס אייך צו רעדען רוסיש, אַלע זאָלען באַלד דערקענען אַז איר זענט יודען, בעסער רעדט צווישען זיך לשון ־ קודש וועט מען באַלד דערקענען, אַז איר זענט מחילה, עכטע „גוים".

יודען און גוים.

24. אַ גוי אָן אַ יוד.

ר׳ יעקב אייכענבוים דער אינספעקטאָר פון זיטאָמירער ראַבינער־שול, האָט אַמאָל דיקטירט פאַר די שילער אין איינעם פון די קלאַסען העברעאיש. איינער פון די שילער האָט געשריבען דאָס וואָרט „גוי“ אָן אַ יוד צום סוף. נאָכ׳ן שרייבען, רופט־צו אייכענבוים יענעם שילער, ווייזט אים אָן אויפ׳ן וואָרט „גו״ ווי ער האָט אויסגעלעגט, און זאָגט דערביי מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל:

דו גוי איינער, ווייסטו דען נישט אַז קיינמאָל אין דער וועלט קען אַ גוי זיך ניט בעגעהן אָן אַ יוד?...

25. אַ שאלה אויף אַ שאלה.

איינעם אַ יודען האָט אַ קריסט אַ פרעג געטון:

— זאָגט איך בעט אייך, פאַר וואָס האָבן יודען ליב שטענדיג צו ענטפערען מיט אַ שאלה אויף אַ שאלה?

דער יוד האָט לאַנג ניט געטראַכט און גלייך אָפּגעענטפערט:

— פאַר וואָס עפּיס זאָל מען אַזוי טאַקי ניט ענטפערען?

26. ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר.

אַ קליינשטעדטעלדיגער יוד איז געשטאַנען צום געריכט. פרעגט אים דער ריכטער: וויפיל ער איז אַלט, ענטפערט דער יוד:

— פופציג ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר.

דער ריכטער פאַרשטעהט ניט, וואָס דאָס הייסט, פרעגט ער איבער נאָכאַמאָל און באַקומט ווידער דעם זעלבען ענטפער:

— פופציג ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר.

דער ריכטער קוועטשט מיט די פּלייצעס און ווייסט ניט, וואָס טוט מען דאָ צו בעקומען פון דעם דאָזיגען יודען אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע.

שטעהט אויף אַ יודישער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען בשעת מעשה, און בעט דעם ריכטער ער זאָל אים ערלויבען צו שטעלען דעם יודען די פראַגע. דער ריכטער האָט עס אים ערלויבט. ווענדעט זיך דער אַדוואָקאַט צו יענעם יודען:

— דער ריכטער פרעגט, וויפיל איר זענט אַלט ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר?

— פופציג — ענטפערט דער יוד גאַנץ פשוט.

27. געשטעלט אַ ליכט.

צוויי מיידלעך חברטעס, אַ יודישע און אַ קריסטליכע, האָבען גע־לערנט אין איין גימנאַזיע. געקומען צום עקזאַמען האָט די יודישע אויס־געהאַלטען און די קריסטליכע נישט.

— פאַר וואָס קומט עס מיר אַזוי — האָט זיך די קריסטליכע אויס־גערעדט דאָס האַרץ פאַר דער יודישער חבר׳טע — איך האָב געשטעלט אַ לעכטעל פאַר דער הייליגער מאַריע און דו האָסט דאָך ניט געשטעלט, צום סוף...

— פאַר וואָס מיינסטו, אַז איך נישט? — זאָגט יענע — איך האָב אויך געשטעלט אַ ליכט.

— וואָס הייסט, דו ביזט דאָך א יודיש קינד?

— פערשטעהסטו, געשטעלט האָב איך אַ גרויסע ליכט אויפ׳ן טיש ביי מיר אין צימער און געלערנט דערביי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

28. טעלעגראַף אָן דראָט.

איינער אַ גרעק האָט פערפיהרט אַ שמועס מיט אַ יודען און גענר מען זיך פאַר אים בעריהמען:

— ביי אונז אין אונזער הויפּטשטאָדט אַטהען האָט מען פאַר עטליכע יאָרען געגראָבען גאַנץ טיף און מ׳האָט דאָרט געפינען אַ לאַנגע דראָט.

— נו, וואָס בעווייזט עס? — פרעגט דער יוד.

— עס בעווייזט — זאָגט דער גרעק שטאָלץ — אַז אונזערע עלטע־רען, די אַלטע גרעקען, האָבען שוין אין אַמאָליגע צייטען געהאַט ביי זיך אַ טעלעגראַף.

— אַ גרויסע זאַך! — רופט זיך אָן דער יוד און גיט דערביי אַ מאַך מיט דער האַנד — איך וועל דיר דערצעהלען פיל שענערס: ביי אונז אין ירושלים האָט מען אַנימעלט געגראָבען גאָר־גאָר טיף און מ׳האָט ניט געפונען אַ סימן אַפילו פון קיין דראָט.

— וואָס־זשע, זאָג מיר, איז דערפון געדרוגנען?

— וואָס הייסט וואָס? געדרונגען, אַז אונזערע יודען האָבען שוין גאָר פאַרצייטען געהאַט ביי זיך איינגעפירט אַ טעלעגראַף אָן דראָט.

29. געיודישט.

איינער פון די קריסטליכע לעהרער אין יודישען ווילנער לעהרער־אינסטיטוט, אַ פערביסענער אַנטיסעמיט, האָט אַמאָל געמאַכט אַ שמועס וועגען דער אויסלענדישער פרעסע, אַז זי געפינט זיך אינגאַנצען אין יודישע הענד.

דער אינספעקטאָר פונ׳ם אינסטיטוט, יהושע שטיינבערג, האָט עס געהערט, רופט ער זיך אָן צו אים:

ווייזען־ווייזט אויס, אַז ס׳איז טאַקי ווי איר זאָגט: ניט אומזיסט קומען צו אונז פון דאָרט די אויסלענדישע צייטונגען אַלע בעשניטען...

30. דלפון און ויזתא.

די עשרת בני המן, המנ׳ס צעהן בנים, זענען אויפגעהאָנגען געוואָרען, ווי אין אַ מדרש ווערט דערצעהלט, דערפאַר וואָס זיי האָבען עס דעם פאָטער זייערען געגעבען די עצה, איינצוצאָהלען דעם קעניג אחשורש צעהן טויזענד שטיק זילבער כדי די יודען אומצובריינגען, און זיי אַליין טאַקי האָבען עס צוגעשטעלט, יעדער פון זיי צי טויזענד. פרעגט זיך אָבער אַ שאלה: פון וואַנען, אַ שטייגער, האָט ויזתא, דער געוויסער טפש, פלוצים בעקומען חכמה אויף עצות צו געבען, און דלפון, דער געוויסער קבצן, געקריגען אַזויפיל געלד?

דער תירוץ איז: ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אומברייגנען יודען, דעמאָלט ווערט אַפילו אַ ויזתא אויך אַ חכם און אַ דלפון אַפילו קריגט אויך גרויסע געלטען.

31. „זשיד מאָשעניק“.

איינמאָל אַ משולח איז אויסגעקומען דורכצוגעהן דורך אַ וועלדעל, איז איבערגעפאַלען דאָרטען אַ גוי׳אישער גזלן, אַ בעוואָפענטער מיט געוועהר,

און האָט אָפּגעראַבעוועט ביי אים אײנגאַנצען דאָס געלד, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט. בעט זיך דער משולח ביים גזלן:

— דאָס געלד איז ניט מיינס נאָר פרעמדס, וואָס מ׳האָט מיט מיר געשיקט איבערצוגעבען אַ פּאָר סוחרים אין נאָהענטען שטעדטעל. וואָס וועל איך טון היינט, אַז מע וועט מיר ניט גלויבען און מע וועט מיך חושד זיין, אַז דאָס געלד האָב איך זיך צוגענומען און אויסגעטראַכט אַ מעשה, אַז מ׳איז מיך אויפן וועג בעפאַלען? טו־זשע מיר אַ טובה, איך וועל אויפּ־הייגען מיין היטעל אויף אַ בוים און דו וועסט אויף דעם אויסשיסען, וועל איך האָבען אַ בעוויז, אַז איך זאָג ניט קיין ליגען.

דער גזלן האָט דעם יודען צוליב געטון און אויסגעשאָסען אינ׳ם היטעל אײנמאָל און צוויימאָל. דערנאָך האָט דער משולח אויסגעטון פון זיך די קאַפּאָטע און געבעטען אויסשיסען אַ פּאָר לעכער אין רעכטען אַר־בעל, דערנאָך אויך אין לינקען אַרבעל, כדי דער בעוויז זאָל זיין וואָס שטאַרקער און עס זאָל ניט בלייבען קיין ברעקעל ספק. דער גזלן האָט אים צוליב געטון און אַלץ געשאָסען, און דער יוד האָט ניט אויפגעהערט צו בעטען ער זאָל שיסען נאָך און נאָך, ביז דער גזלן האָט אים געזאָגט:

— איך וואָלט עס דיר געטון צוליב און נאָך געשאָסען, פאַר וואָס ניט? נאָר גלויב מיר, איך האָב שוין אויסגעשאָסען די לעצטע קויל.

— אויב אַזוי — מאַכט דער משולח, וואָס איז געווען בטבע אַ יוד אַ גבור, אַז דו האָסט שוין קיין קוילען ניט, האָב איך פאַר דיר מעהר קיין מורא ניט.

און דער יוד איז בעפאַלען דעם גזלן, אים גאַנץ פיין געבונדען און אָפּגענומען צוריק דאָס גאַנצע געלד, און איז זיך אַוועק וויטער אין וועג בשלום.

דער גוי׳אישער גזלן ליגט געבונדען און שפּייט־אויס אין שרעק־ליכען כעס:

— טפו, זשיד מאַשעניק!

32. אַ וועקסעל אויף דריי הונדערט רובל.

אַ גוי איז קראַנק געוואָרען און האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען. קיין ווייב און קינדער האָט ער ניט געהאַט, קיין נאָהענטע קרובים אויך ניט, האָט ער אָנגעשריבען אַ צוואה, אַז זיין גאַנץ פערמעגען לאָזט ער איבער נאָך זיין טויט די דריי נאָהענטע שכנים זיינע, מיט וועלכע ער האָט זעהר פריינדליך געלעבט די לעצטע יאָרען, איינער אַ דייטש, דער צווייטער אַ רוס און דער דריטער אַ יוד. נאָר איין זאַך פערלאַנגט ער פון זיי, אַז זיי

זאָלען אַריינלעגען צו אים אין ארון, איידער מע וועט אים אַראָפּלאָזען אין קבר, יעדער צי הונדערטער.

דער קראַנקער איז געשטאָרבען. געהאַט האָט ער אַ שענע לויה, ווייל ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פיינעם נאָמען, און אַ סך קריסטען און יודען זענען נאָכגעגאַנגען. פערשטעהט זיך, אַז די דריי שכנים, די יורשים זיינע, האָבען ניט געפעהלט צווישען עולם.

געקומען אויפן בית־הקברות, מע דאַרף שוין אַראָפּלאָזען דעם אָרון אין קבר, געהען־צו די דריי שכנים מקיים צו זיין די צוואה פונ׳ם געשטאָרבענעם. אמת, ס׳איז מעהר ניט ווי גלאַט אַ קאַפּריז־זאַך, אין קבר קען קיין געלד ניט נוצען, נאָר דאָך אַ צוואה, מוז מען האַלטען. דער ערשטער געהט־צו דער דייטש און לעגט־אַריין אַ הונדערטער מיט גאָלדענע מטבעות, נאָך אים לעגט דער רוס אַריין אַ הונדערטער מיט פּאַפּיר־געלד, צום סוף געהט־צו דער יוד, נעהמט־אַרויס די צוויי הונדערט רובל און לעגט־אַריין זיינס אַ וועקסעל אויף גאַנצע דריי הונדערט.

34. אויסלערנען אַ הונד רעדען.

אַ דאָרפס־יוד, אַ קרעטשמאַר, קומט פונ׳ם פּריץ צו זיך אַהיים מיט אַ משונה גרויסען הונד. פרעגט אים דאָס ווייב, וואו האָט ער עס פּלוצים דערטאַפּט אַזאַ מין כלב? דערצעהלט ער איר אַ גאַנצע מעשה:

— דער דאָזיגער כלב איז טאַקי דעם פּריצ׳עס אונזערענס. איך קום היינט צו אים צו נעמען די אַרענדע פון אונזער קרעטשמע אויף ווייטער, טרעף איך אים היבשליך פערקנאַקט, ווי זיין שטייגער איז, און ער שטעהט צו צו מיר — קענסט דאָך אים וואָס פאַר אַ מטורף ער איז מיט משוג׳ענע ווילדע קאַפּריזען — ניט אַנדערש נור איך זאָל אויסלערנען דעם הונד זיינעם רעדען, וועט ער מיר דערפאַר אָפּגעבען די אַרענדע אָן אַ קאָפּיקע געלד, און אויב נישט — דערשיסט ער מיר באַלד אויפן אָרט ווי אַ הונד. וויפיל איך האָב זיך געבעטען ביי אים און געטענה׳ט, אַז ס׳איז אַ אונמעגליכע זאַך, האָט גאָר ניט געהאָלפען. „פאַר אַ יודען — האָט ער געשריגען אויף קולות — איז ניטאָ קיין אונמעגליכע זאַך! אַ יוד געפינט אויף אַלצדינג אַ פּאָרטעל!“ הכלל, איך האָב אַרויסגעזעהן אַז ס׳איז קיין ברירה ניטאָ, האָב איך זיך מישב געווען: מע מוז אים די משוגעת נאָכגעבען, און איך האָב קוים זיך אויסגעבעטען ביי אים ער זאָל דעם הונד מיטגעבען צו מיר אַהיים אויף צעהן יאָר, וועל איך שוין אין דער צייט אים אויסלערנען רעדען.

— וואָס האָסטו געטון, קוילער איינער? — הייבט־אָן דאָס ווייב צי

ליאַרמען — און צעהן יאָר וועט דען העלפען דערצו? איידער דער דאָזי־גער כלב וועט זיך אויסלערנען רעדען, וועסטו גיכער זיך אויסלערנען בילען!

— דערווייל דאַרפסטו ניט בילען, מיין ווייב — רופט זיך אָן דער קרעטשמאַר — ניש־קשה, נאַרעלע, זאָרג ניט און לאָז דיר נור דער קאָפּ ניט וועה טון. זיי זיכער, אַז אין צעהן יאָר אַרום וועט זיין איינס פון די דריי: אָדער דער כלב וועט פגר'ען, אָדער דער פריץ וועט פגר'ען, אָדער איך אַליין וועל אַוועקשטאַרבען.

35. געה דערווייז!

אין אַ שטעדטעל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיקעל צייט אַ צירק פון חיות. איינמאָל מאַכט זיך דאָרט, אַז עס שפּרינגט־אַרויס אַ בער פון זיין שטייג און לאָזט זיך לויפען איבער'ן שטעדטעל. באַלד איז אַרויס אַ בעפעהל, אַז בעוואָפענטע פּאָליציאַנטען זאָלען זיך אַוועקלאָזען איבער די גאַסען און ווער פון זיי עס וועט אָנטרעפען דעם בער זאָל אים אויפ'ן אָרט דערשיסען.

בעגעגענט איין יוד זיינעם אַ גוטען ברודער און זאָגט אים:

— ווייסט וואָס, מע דאַרף פון שטעדטעל וואָס גיכער אַנטלויפען.

— וואָס איז אַזוינס? — פרעגט יענער.

— וואָס הייסט, דו האָסט גאָר ניט געהערט די מעשה מיט'ן בער?

— וואָס־זשע איז די מורא? מע דערזעהט פון ווייטענס דעם בער לויפט מען אַריין אין שטוב.

— ניין, ניט פאַר'ן בער האָב איך מורא, נאָר פאַר די פּאָליציאַנטען וואָס לויפען־אַרום איבער די גאַסען צו זוכען דעם בער.

— וואָס האָסטו פאַר זיי מורא, דו ביזט דאָך קיין בער ניט?

— איך וועל דיר זאָגען: איידער וואָס, איידער ווען, הרג'עט מען דערווייל אַ יודען, און דערנאָך געה דערווייז, אַז דו ביזט ניט קיין בער.

36. לייב־שמערצען.

אין מאָסקווא אויף דער גאַס זענען אַמאָל געשטאַנען און געשמועסט צוויי יודען, איינער פון זיי האָט געהאַט אַ גאַנץ כשר'ען פּאַספּאָרט און דער אַנדערער נישט. דערזעהען זיי ווי אַ „נאַדזיראַטעל“ (אַ פּאָליציי־אויפזעהער) לאָזט זיך צוגעהן גלייך צו זיי.

— וואָס טוט מען? זאָגט דערשראָקען דער ניט־כשר'ער, בלייך ווי די וואַנד — איך בין אַ פערפאַלענער!

— איר ריהרט זיך ניט פונ׳ם אָרט — מאַכט דער צווייטער — און איך וועל זיך לאָזען לויפען.

דער יוד נעמט געשווינד לויפען און דער נאַדזיראַטעל, פערשטעהט זיך, נאָך אים. דערנאָך שטעלט זיך דער יוד אָפּ און דער נאַדזיראַטעל פאַקט אים.

— זאָג, אַ פּאַספּאָרט האָסטו? — גיט ער בעז אַ פרעג דעם יודען.

דער יוד נעמט־אַרויס געלאַסען זיין פּאַס און בעווייזט אים. דער נאַדזיראַטעל בעטראַכט דאָס פּאַפּיר און זעהט, אַז ס׳איז כשר אָן אַ שום סירכא, פרעגט ער פערוואונדערט דעם יודען:

— זאָג, צי וואָס פאַר אַ רוח ביזטו אַנטלאָפען?

— וואָס הייסט אַנטלאָפען? איך בין זיך גלאַט געלאָפען, ווייל איך לייד זעהר פון לייב־שמערצען, האָט מיר דער דאָקטאָר געהייסען טרינקען ביטער־וואַסער און דערנאָך מאַכען בעוועגונגען און גיך לויפען.

— יאָ, אָבער דו האָסט דאָך געזעהן, אַז איך לויף דיר נאָך, פאַר וואָס האָסטו זיך ניט אָפּגעשטעלט? — שרייט דער נאַדזיראַטעל.

— פון וואַנען זאָל איך וויסען? — מאַכט דער יוד בתמימות — איך האָב געמיינט, אַז איר ליידט אויך גלייך מיט מיר, פון אַזעלכע לייב־שמער־צען און אייער דאָקטאָר האָט אייך אויך געהייסען דאָס אייגענע, צו טרינ־קען ביטער־וואַסער און דערנאָך לויפען.

37. וואוינרעכט.

אַ רוסישער יוד האָט זיך משתדל געווען דאָרט וואו מע בעדאַרף, צו בעקומען דאָס רעכט אויף צו וואוינען אויסער דער „יודישער גרעניץ״ אַלס אַ בעל־מלאכה.

— וואָס פאַר אַ מלאכה קענט איר עס? — פרעגט אים דער בעאַמטער.

— איך קען מאַכען טינט — ענטפערט דער יוד.

— טינט מאַכען איז אויך אַ מלאכה? ווער קען עס נישט? איך אפילו קען עס אויך.

— וואָס־זשע מיינט איר, הער בעאַמטער, האָט איר דאָך טאַקי אויך וואוינרעכט.

38. ראַבינאָוויטש געווים ניט!

מאַכט איינער אַ יוד ראַבינאָוויטש איז געפאָהרען קיין אויסלאַנד, ווי עס זיך אַמאָל, אויף אַ פרעמדען אויסלענדישען פּאַס מיט׳ן נאָמען רו־

בינשטיין. ביי דער גרעניץ, ווי דער שטייגער, נעמט מען ביי אים אוועק דעם פּאַס, און דערנאָך, ווען ער קומט אָפּנעמען זיין פּאַס, פרעגט מען אים ווי זיין פאַמיליען־נאָמען איז? דאַרף זיך מאַכען ער זאָל גראָד פער־געסען ווי ער הייסט איצט לויט דעם פּאַס, קראַצט ער זיך אין קאָפּ טראַכט אַביסעל און זאָגט:

— איך הייס... איך הייס... באַלד וועל איך זיך דערמאָנען... ראַבינאָוויטש הייס איך געוויס ניט!

39. פשוט אַ אַנטיסעמיט.

איינמאָל קומט אַ יוד אויפ'ן וואָקזאַל און וויל קריגען אַ בילעט אַרויסצוגעהן אויף דעם פּעראָן. ווייזט מען אים אָן, ער זאָל צוגעהן צום אויטאָמאַט, וואָס שטעהט דאָרטען, אַריינוואַרפען אַהין פון אויבען אין שפּאַלט אַריין אַ זילבערנע צעהן־קאָפּיקעדיגע מטבע, וועט באַלד פון הינטען אַרויספאַלען אַ בילעט. דער יוד געהט־צו און טראַכט ביי זיך: וואו שטעהט עס געשריבען אין דער תורה אַז מע מוז דוקא אַריינוואַרפען אַ מטבע פון צעהן, פאַר וואָס זאָל מען ניט יוצא זיין מיט אַ ביסעל אַ קלענערע, נור פון פינף? נעמט ער און וואַרפט־אַריין אַ זילבערנע פינף קאָפּעקע'דיגע מטבע— און עס געהט דערפון גאָרנישט אַרויס.

— העע — מאַכט ער מיט אַ שמייכעל — ביזט אַן איינגעשפּאַרטער, ווילסט דוקא צעהן, ניט ווינציגער אַ פּרוטה, נו לאָז שוין זיין ווי דו ווילסט, און טשעפּע זיך אָפּ.

און ער נעמט נאָך אַ זילבערנע פינף־קאָפּיקע'דיגע מטבע און וואַרפט־אַריין—און עס געהט ווידער גאָרנישט אַרויס.

— נו, וואָס נאָך ווילסטו איצט — טענה'ט שוין דער יוד מיט פער־דראָס — ווילסט ניט אַנדערש, אפנים, ווי נאָך פינף קאָפּיקעס קנס פון מיר, מילא, לאָז מיינס איבערגעהן. נאַ דיר און לאָז מיך געמאַך.

ער וואַרפט־אַריין אַ דריטע פינף־קאָפּיקע'דיגע מטבע — און עס העלפט אַלץ גאָרנישט.

ווי דער יוד שטעהט דאָ אַזוי פערוואונדערט און קאַכט זיך, קומט צו געהן אַ גוי, לאָזט־אַראָפּ אין שפּאַלט איין זילבערנע צעהן־קאָפּיקע'דיגע מטבע, און באַלד שפּרינגט־אַרויס אַ בילעט.

וועגדעט זיך דער יוד צום גוי און בעט אים ער זאָל זיין אַזוי גוט און אים ערקלערען די זאַך: ווי קומט עס, וואָס איצט פאַר איינע צעהן אָפּיקעס איז אויפ'ן שטעל אַרויס אַ בילעט און אים קאָסט עס שוין אָפּ

גאַנצע פופצעהן קאָפּיקעס און ער האָט ניט בעקומען קיין סימן אפילו פון אַ בילעט.

און דער יוד דערצעהלט אים, ווי אַזוי די מעשה איז פאָרגעקומען. דער גוי האָט אויסגעהערט און געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— ס'איז גאַנץ נאַטירליך. וואָס הייסט, איר נעמט זיך מיט דעם דינגען? ס'איז דאָך מעהר ניט ווי אַן אויטאָמאַט...

— וואָס דערצעהלט איר מיר מעשיות: אַוטאָמאַט־שמאַט — שלאָגט אים איבער דער יוד שטאַרק אויפגעבראַכט — האָסטו דיר אַווטאָמאַט! ס'איז גאָר פשוט אַן אַנטיסעמיט, אָט וואָס...

40. פערוועהרט.

אין אַן אייזענבאַהן־וואַגאָן זענען געפאָהרען צוזאַמען יודען מיט גוים. איינער פון די גוים האָט דעם גאַנצען וועג געהאַלטען אין איין שיטען שוועבעל און פעך אויף יודען, וועלכע זענען אַזוינע און אַזעלכע, וואָס נור אין דער קאָרט שטעהט. דערווייל האָט אַ יוד, וואָס איז געזעסען ביי דער זייט, געגעבען אַ געניץ, רופט זיך אָן צו אים יענער גוי:

— וואָס האָסטו געעפענט אויף מיר אַזאַ מויל? האָסט, ווייזט אויס, שטאַרק חשק מיך איינצושלינגען?

— חלילה! — מאַכט דער יוד — אונזער תורה פערוועהרט אונז חזיר עסען.

41. אויף חדושים.

אַ געוויסער אַנטיסעמיט איז געזעסען צווישען אַן עולם מענשען, קריסטען און יודען, נעמט ער דערצעהלען מיט אַ חוצפה'דיגען געלעכטער:

— איינער אַ גוטער באַקאַנטער מיינער איז אויסגעווען אַ וועלט, האָט ער מיר איבערגעגעבען, אַז אין ערגיץ ווייט אין אַפריקע איז פאַראַן אַ שטאָדט אַזאלכע, וואָס עס געפינט זיך ניט קיין צוויי מיני בעשעפענישען, ניט קיין יודען און ניט קיין חזירים.

— ווייסט איר וואָס — רופט זיך אָן איינער פון די יודען — איך בין נעפאַלען אויף אַ טייערען איינפאַל: לאָמיר ביידע זיך אַוועקלאָזען אַהין, וועט מען אויף אונז לויפען קוקען ווי אויף חידושים.

42. רעכטע און לינקע.

— אַ יודישען ראַבינער אין דייטשלאַנד האָט מען איינמאָל אַ פרעג געטון:

— וואָס איז די מעשה וואָס ביי יודען געפינען זיך תמיד אזוי פיל ליַנקע?

— דאָס איז דערפאַר — האָט דער ראַבינער געענטפערט — וואָס יודען האָבען נישט קיין רעכטע.

43. „שלא עשני״.

— אַ פריץ האָט געפרעגט אַ יודען:

— פאַר וואָס עפּיס האָבען אייערע יודען אזוי פיינד אונז גוים, אַז דער יוד דאַנקט און לויבט גאָט אַלע אין דער פריה „שלא עשני גוי״?

דער יוד האָט לאַנג ניט געטראַכט און באַלד געענטפערט:

— אונזערע ווייבער האָבען מיר געוויס נישט פיינט, פונדעסטוועגען זאָגט אויך יעדער יוד אַלע טאָג „שלא עשני אשה״.

44. קען זיין פּנים ניט אָנקוקען.

אַ יודישער זעלנער בשעת מלחמה־ווען זיין פאָלק האָט זיך בעדאַרפט באַגעגענען מיט׳ן שונא, איז ער אַנטלאָפען פון׳ם פראָנט. דערנאָך אַז מ׳האָט אים געחאַפט און דער פאָלקאָווניק האָט אים געגומען זידלען, וואָס ער האָט פאַרגעסען די שבועה צו דינען געטריי דעם קיסר, האָט ער אָפּ־געענטפערט מיט אַ גאַנץ ערענסטע מינע:

— איך בין אַטרייער זעלנער און די שבועה מיינע האָב איך ניט געבראָכען; דאָס וואָס איך בין אַנטלאָפען איז נור דערפאַר וואָס איך האָב אַזוי פיינט דעם שונא, אַז איך קען זיין פּנים ניט אָנקוקען.

45. אַ פרעהליכע אָפּעראַ.

דער בערימטער קאָמפּאָזיטער מאירבער האָט זיך אַמאָל געווענדעט צום געוויסען הומאָריסט סאַפיר ער זאָל אים אָפען אַרויסזאָגען אַ מיינונג איבער די אָפּערעס זיינע.

— קיין גרויסער מבין אייגענטליך אויף מוזיק בין איך ניט — האָט סאַפיר געענטפערט, נאָר דאָס קען איך אייך יאָ זאָגען בעשטימט, אַז די פרעהליכסטע פון אַלע, האַלט איך, איז די אָפּעראַ „הוגענאָטען״.

— די פרעהליכסטע? — וואונדערט זיך דער קאָמפּאָזיטער.

— געוויס די פרעהליכסטע — מאַכט דער הומאָריסט — אין דער אָפּעראַ קומט־אויס, אַז גוים שעכטען איינער דעם אַנדערען, און אַ יוד מאַכט אויף דעם מוזיק.

46. אויף אייער חתונה.

דער גרויסער פילאָזאָף משה מענדעלזאָהן איז געווען אַמאָל געלאַדען אויף אַ מאָהלצייט צו איינעם פון די דייטשע פרינצען. געזעצט האָט מען אים אויף אַ בכבוד׳יגען פּלאַץ, צווישען צוויי גייסטליכע, אַ קאַטוילישען און אַ פּראָטעסטאַנטישען, נאָר מאכלים האָט מען אים דערלאַנגט בעזונדערע, ווייל מ׳האָט געוואוסט אַז קיין טריפ׳ס עסט ער נישט. ביים עסען רופט זיך אָן דער קאַטוילישער גייסטליכער צום יודישען פילאָזאָף:

ליבער הער פילאָזאָף, ווען וועט איר שוין מעגען עסען מיט אונז צוזאַמען די זעלבע מאכלים?

אויף אייער חתונה — ענטפערט מענדעלזאָהן קורץ און שאַרף.

47. מיר האָבען די מיליאָנען.

אין דער צייט ווען אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַרשאַרפען דער יודענהאַס, איז דער געוויסער אַנטיסעמיט, דער פּאַסטאָר שטעקער, געשטאַנען און געפּרעדיגט פאַר זיינעם אַ קליינעם עולם:

— קוקט ניט דערויף — זאָגט ער — וואָס מיר זענען דאָ איצט ווינציג, פיל, זעהר פיל זענען מיט׳ן האַרצען מיט אונז, און מיר מעגען זאָגען, אַז מיר האָבען אונזערע טויזענדער און צעהנטויזענדער.

רופט זיך איינער אַ יוד, וואָס איז געשטאַנען דערביי:

און מיר, הער פּאַסטאָר, האָבען די מיליאָנען!

48. דריי קשיות.

אַ גלח האָט אַ ויכוח געהאַט מיט אַ יודען, פרעגט ער אים דריי קשיות:

— ערשטענס, פאַר וואָס זאָגען יודען אין זייערע תּפלות „אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב״ און ניט „אלהי משה״; משה איז דאָך ביי יודען גערעכענט פאַר׳ן גרעסטען געטליכען מאַן?

צווייטענס, אויב יודען זענען ווירקליך אַזעלכע חשובים ביי גאָט, יוי זיי זאָגען, פאַר וואָס זענען זיי אַזוי אָרום און דערשלאָגען, אין דער צייט וואָס די גוים זענען רייך און עס לעבט זיך זיי אַזוי גוט?

דריטענס, פאַר וואָס איילט זיך אַזוי דער יוד אויסצוגעבען זיין טאָכטער פאַר דער צייט, ווען זי איז נאָך כמעט אַ קינד, איז עס דען ניט משונה און ווילד?

דער יוד האָט אים געענטפערט אויף אַלע דריי קשיות:

— „אלהי משה" זאָגען יודען ניט דערפאַר, ווייל דער גרויסער משה האָט אויף זיך געהאַט אַ גרויסען פלעק: ער האָט אַ גלח געהאַט פאַר אַ שווער.

גוים זענען רייך דערפאַר, ווייל זייער גאָט איז געשטאָרבען, האָבען זיי בעקומען אַ רייכע ירושה; דער יודישער גאָט אָבער לעבט און יודען זענען ניט קיין יורשים.

און דאָס וואָס אַ יוד האַפּט זיך חתונה צו מאַכען די טאָכטער זיינע, נעמט זיך דערפון, וואָס ער פּיהלט גוט, אַז צוליב איין אַלטע מויד האָבען יודען צרות עד היום.

49. אַן עושר׳ס זוהן.

אַ קאַרדינאַל, דערצעהלט מען, האָט זיך איינמאָל געווענדעט צום געוויסען פּראָגער רב מיט אַזאַ שאלה:

— וויבאַלד איר יודען גלויבט שטאַרק אין גאָט, ווי קומט עס איר זאָלט ניט גלויבען אין גאָט׳ס זוהן; געוועהנליך, האָט דאָך אַ גרויסען עושר׳ס אַ זוהן קרעדיט צוליב דעם פאָטער?

— אמת טאַקי — האָט דער פּראָגער רב דערויף געענטפערט — אָבער ווי אַזוי, פרעגט זיך, קען מען געטרויען דעם זוהן פון אַזאַ עושר, וואָס וועט קיינמאָל ניט שטאַרבען?

50. מיין גאָט איז געבליבען לעבען!

אַ יוד האָט געוואוינט אין שכנות מיט אַ גוי, אַ הויז בעבען אַ הויז. מאַכט זיך איינמאָל בייגאַכט אַ שרפה און ביידע היזער זענען אַוועק מיט׳ן פייער. אויף מאָרגען בעגעגענען זיך ביידע אָפּגעברענטע, דער גוי געהט אַרום ווי אַן אַ קאָפּ און דער יוד איז רוהיג און לעבעדיג גלייך ווי פריהער.

— איך קוק אויף דיר און וואונדער זיך — זאָגט דער גוי צום יודען — איך בין געוואָרען אויס מענש, און דיר, ווייזט־אויס, הייבט דער אומגליק גאָר נישט אָן צו האַרען!

— וואָס גלייכסטו מיך צו דיר? — ענטפערט דער יוד — ביי דיר אין שטוב איז פערברענט געוואָרען דיין גאָט אויך; מיין גאָט אָבער איז געבליבען לעבען!

51. „איך ווייס ניט".

אין אַ שטאָדט אין דייטשלאַנד האָט אַמאָל דער בישאָף אַרויסגעלאָזט אַ גזירה, אַז די יודען מוזען שיקען איינעם פון זיי אין אַ בעשטימטען טאָג

כדי צו האָבען אַ ויכוח מיט אַ געוויסען גלח, אַ גרויסער קענער פון ביבעל, ווען אמונה־זאַכען. דער ויכוח וועט פאָרקומען עפענטליך אויפ׳ן מאַרק פאַר׳ן גאַנצען עולם. און דער פון די צוויי, וואָס וועט בלייבען בעזיגט וועט עס אים קאָסטען דאָס לעבען. אַ גרויסע אימה איז געפאַלען אויף די יודען, מ׳האָט גוזר תענית געווען און בית־דין האָט געלאָזט אויסרופען, אַז ווער פון די יודען עס קען און וויל פיהרען דעם ויכוח מיט׳ן גלח זאָל באַלד קומען און זיך מעלדען ביים רב. פון אַלע יודען אָבער האָט זיך אַרויסגערופען נור איין שניידער. די זאַך האָט אַפילו ניט שטאַרק גע־פאַסט אַרויסצושטעלען פון יודען אַזאַ פאַרשוין, נאָר וואָס קען מען מאַכען? קיין אַנדערער האָט זיך פאָרט ניט געפונען, וואָס זאָל וועלען איינשטע־לען זיך דאָס לעבען, און דער שניידער איז גרייט אומצוקומען אויף קדוש־השם.

דער בעשטימטער טאָג איז געקומען, אַלע האָבען זיך פערזאַמעלט אויפ׳ן מאַרק־פּלאַץ לויט דעם בישאָף׳ס בעפעהל. דער בישאָף ווענדעט זיך צום יודישען פאָרשטעהער, ער זאָל אָנהויבען דעם ויכוח. פרעגט דער שניידער דעם גלח:

— פריהער פון אַלץ זאָגט, אויב איר זענט יאָ אַזאַ קענער, וואָס הייסט אויף לשון־קודש „לא ידעתי"?

— איך האָב נישט געוואוסט — ענטפערט דער גלח — דאָס הייסט: איך ווייס נישט.

— אַהאַ! — שרייט־אויס דער שניידער מיט אַ קול פון נצחון, ער פרעגט צום צווייטען מאָל און צום דריטען מאָל, און דער גלח ענטפערט אַלץ: „איך ווייס נישט".

דער בישאָף האָט געהערט, אַז דער גלח איז זיך אַליין מודה, אַז ער ווייסט נישט, האָט ער באַלד געהייסען אָפּשטעלען דעם ויכוח. דעם גלח האָט מען געטון זיין פסק, און די יודען זענען געגאַנגען אַהיים מיט גרויס שמחה.

מיט גרויס כבוד האָט מען געפיהרט דעם שניידער צום רב. פרעגט אים דער רב, ווי אַזוי איז ער עס געפאַלען אויף אַזאַ שפּיצעל צו מנצח זיין דעם גלח?

— איך וועל אייך זאָגען, רבי — ענטפערט דער שניידער — אויף „לא ידעתי" האָב איך געזעהן, אַז דער טייטש־חומש מאַכט „איך ווייס נישט", נו, האָב איך מיר געטראַכט: ווייבאַלד דער הייליגער טייטש־חומש אַליין זאָגט דערויף „איך ווייס נישט", וועט דער דאָזיגער ערל־טמא גע־ווים ניט וויסען...

52· אַ צוגאָבּ·

אַ בישאָף האָט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ בעפעהל· אַז די יודען זאָלען אין דריי טעג אַרום שיקען צו אים איינעם פון זיי· ער זאָל מיט אים פּיה־רען אַ ויכּוח מכּוח זייער אמונה· און אויב דער יודישער שליח וועט ניט וויסען צו ענטפערען אויף זיינע שאלות· וועלען אַלע יודען זיך מוזען אויסשמד׳ען· די דריי טעג האָבען אַלע יודען געפאַסט און תּפלה געטון צו גאָט· ער זאָל זיי בייזטעהן אין דער נויט און אַרויסהעלפען פון דער גרויסער צרה — נאָר נעמען אויף זיך צו געהן אויף אַ ויכּוח מיט׳ן בישאָף האָט קיינער ניט געוואָלט· צום סוף האָט זיך אַרויסגערופען אַ פּשוט׳ער בעל־עגלה:

— רבּותי· איך בין גרייט צו געהן· שיקט מיך· וועל איך מיט גאָטס הילף דעם רשע מנצח זיין — איז געוויס גוט; אויב ניט חלילה· קענט איר זאָגען· אַז מנצח זיין אַ בעל־עגלה איז קיין קונץ ניט· און איר וועט שיקען אַ אַנדערען·

יודען האָבען קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט און געמוזט דערויף באַשטעהן·

אַז דער בישאָף האָט דערזעהן ווער ס׳איז געקומען מיט אים אין נאָמען פון די יודען אַ ויכּוח צו האָבען· רופט ער זיך אָן צום יודישען שליח מיט אַ שמייכעל:

— הער נור אויס· מאָשקע· וואָס איך וועל דיר זאָגען: דו קענסט מיינע צוויי שוואַרצע פערד· בעקומסטו זיי פון מיר אַ מתּנה· אויב דו וועסט דער ערשטער מיט׳ן פרייען ווילען פערבייטען דיין יודישע רע־ליגיע אויף אונזערע·

— איך בעט דעם הער בישאָף מיך אויסצוהערען אַ פּאָר ווערטער— רופט זיך אָן דער בעל־עגלה — געהאַט האָב איך אַ טאַטען· אויך אַ פּשוט׳ער בעל־עגלה· נאָר אַלע האָבען אים געהאַלטען פאַר אַ קלוגען מענשען· פאַר׳ן טויט האָט ער מיך צוגערופען און האָט מיר אַזוי געזאָגט: זוהן מיינער· איך געה פון דער וועלט· קיין רייכע ירושה איבערצולאָזען דיר פערמאָג איך נישט· ניט קיין געלד און ניט קיין שטיקעל נחלה· אויסער אַ פּאָר פערדלעך· נאָר איין זאַך זאָג איך דיר אָן· וואָס וועט דיר זיין שטאַרק נוצליך אין לעבען· זאָלסט ניט אַריינפאַלען אין אַ צרה· ווען דו וועסט קומען אויף אַ יאַריד און דו וועסט ווען פערבייטען דיינע פערד אויף אַנדערע· זאָלסטו זיך האַלטען ביי דעם דאָזיגען כּלל: אויב דער ציגיינער·

וואָס וויל מאַכען מיט דיר אַ בייט, פאָדערט ביי דיר אַ צוגאָבי, מעגסטו מיט אים אונטערהאַנדלען, מעגליך, אַז זיינע פערדלעך זענען טאַקי בעסער פון דיינע; אויב אָבער פערקעהרט, דער ציגיינער האַפּט באַלד דיר פאָרצולעגען אַ צוגאָב—אַנטלויף פון אים, אַ סימן, אַז זיינע פערדלעך זענען פיל ערגער פון דיינע און טויגען גאָר אויף כפרות...

משומדים.

53. אַ יוד שמד'ט זיך ניט.

צו איינעם אַ רב איז מען געקומען און מ'האָט דערצעהלט, אַז אַ יוד פון דעם שטעדטעל האָט זיך געשמד'ט.

— א יוד! — שרייט־אויס דער רב — שקר וכזב, אַ יוד שמד'ט זיך ניט!

54. פיר משומדים.

פיר משומדים זענען געזעסען צוזאַמען און געשמועסט. בעמען זיי דערצעהלען, צוליב וואָס יעדער בעזונדער פון זיי האָט זיך געטויפט.

איינער דערצעהלט, אַז ער האָט אויף זיך געהאַט עפּיס אַ שרעקליכען בלבול, און כדי צו בעפרייען זיך פון אַ גרויסען עונש האָט ער קיין אַנדערע עצה ניט געפונען, ווי נעמען און זיך אָפּשמד'ען.

דער צווייטער דערצעהלט, אַז געוואָרען איז ער אויס יוד נור דערפאַר, וואָס ער האָט זיך שטאַרק צעקריגט מיט די עלטערן זיינע, וועלכע האָבען אים געטון צום טויט פאַר וואָס ער איז ניט פרום ווי זיי האָבען געוואָלט, און ער האָט זיי דערמיט פשוט געוואָלט אָנטון אַ צו־להכעיס.

דער דריטער דערצעהלט אַ גאַנצע מעשה פון אַ הייסער ליבע צו אַ קריסטליך מיידעל, אַ זעלטענע פּארשוין מיט אַלע מעלות, וואָס האָט אים געבראַכט דערצו ער זאָל זיך טויפען, כדי ער זאָל קענען פאַר איר חתונה האָבען.

צום סוף רופט זיך אָן דער פירטער:

— איך, זעהט איר, האָב זיך ניט געשמד'ט צוליב קיין שום זייטיגע סבה, גאָר פשוט איז פשוט, דערפאַר וואָס איך בין געקומען, ווי איר זעהט

מיך אַ קריסט, צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז די קריסטליכע רעליגיע שטעהט העכער...

— דאָס — שרייען־אויס יענע דריי און איין קול — געה, זיי מוחל דערצעהל זיי, די גוים.

55. צוליב איבערצייגונג.

דער געוויסער פּראָפעסאָר דניאל חוואָלסאָן, ווי מען דערצעהלט, האָט וועגען זיין טויפען זיך אויסגעדריקט אַזוי:

איך האָב זיך געשמד'ט צוליב איבערצייגונג, ווייל איך בין געווען פעסט איבערצייגט, אַז אין אַלע צייטען איז פיל גלייכער און בעסער צו זיין אַ פּראָפעסאָר אין פּעטערבורג איידער אַ מלמד ערגעץ־וואו אין שקלאָוו.

56. גלייך ווי גאָר נישט.

וועגען דעם זעלבען פּראָפעסאָר דערצעהלט מען נאָך, אַז איינמאָל האָט זיך צו אים געווענדעט דורך אַ בריף איינער פון די גרויסע רבנים מיט אַ בקשה ער זאָל זעהן אויסצונוצען זיין גרויסע השפעה אין פּעטערבורג צוליב זעהר אַ וויכטיגען ענין, וואָס איז נוגע צום יודישען כלל, און אויסגעלאָזט האָט דער רב זיין בריף מיט די ווערטער: „כי לכך נוצרת" [1].

דער פּראָפעסאָר האָט אים דערויף אָפּגעענטפערט מיט די ווערטער פון דער תפלה: „עד שלא נוצרתי" איני כדאי, ועכשו שנוצרתי כאלו לא נוצרתי".

57. קיין מניעה נישט.

אויף וואָלף טוגענדהאָלד, אַ דייטשער יוד, וואָס איז געווען אַ היבשע צייט יודישער צענזאָר אין ווילנאָ, דערצעהלט מען, אַז זיינער אַ זוהן האָט אים אַמאָל געשריבען אין אַ בריף, אַז ער האָט חשק זיך אָפּצושמד'ען, נאָר ער קווענקעלט זיך נאָך אַ ביסעל דערפאַר וואָס ער טראַכט־איבער, טאָמער וועט עס אים, דעם אַלטען פאָטער, די זאַך ניט אַזוי שמעקען. דערויף האָט אים דער פאָטער געענטפערט קורץ און שאַרף:

— בעבורי אל תמנע מים [2].

---

1) ווייל צוליב דעם ביזוי בעשאַפען געוואָרען, מיט'ן וואָרט „נוצרת" האָט דער רב געמיינט נאָך אַ אַנדערע בעדייטונג: ביזוי געוואָרען אַ נוצרי, ד. ה. אַ קריסט.

2) פון מיינעטוועגען זאָלסטו ניט אויסמיידען קיין וואַסער (טויף־וואַסער).

58. ווי אַזוי נעמט אַ יוד און שמד'ט זיך?

איינער אַ יוד איז געזעסען מיט הרחבה שבת ביים טיש און מיט גרויס הנאה געגעסען די שבת'דיגע מאכלים פונ'ם טשאָלענט: דעם פּעטצאַ מיט דער קאַשע און דעם פעטען קוגעל, דערנאָך האָט ער זיך פיין בע־לעקט און מיט אַ שיינענדיג פנים געזאָגט:

— רבונו־של־עולם, אַך ווי גוט און וואויל ס'איז צו זיין אַ יוד! איך הייב ניט אָן צו פערשטעהן, ווי אַזוי נעמט אַ יוד און וואַרפט־אַוועק אַזאַ רעליגיע און שמד'ט זיך אָפּ!

59. אַ „חיי־שעה".

איינער האָט געפרעגט אַ אָרימען משומד זיינעם אַ בעקאַנטען:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס האָסטו דאָ אַזוינס בעסער געמאַכט? פריהער ווען דו ביזט אַ יוד געווען, ביזטו געווען אַ קבצן, און אַלע פריי־טאָג פלעגסטו האָבען געברענטע ליידען פון דיין ווייב דערפאַר וואָס דו האָסט ניט געהאַט איר צו געבען אויף שבת, און איצט נאָכ'ן אָפּשמד'ען זיך ביזטו געבליבען דער זעלבער קבצן וואָס פריהער, און דו בעקומסט די שענע פּאָרציע פון דיין ווייב מיט אַ טאָג שפּעטער, שבת הייסט עס, דערפאַר וואָס דו האָסט איר ניט צו געבען אויף זונטאָג.

— נאַרעלע, וואָס פערשטעהסטו דאָ נישט? — ענטפערט דער משומד — אַ „חיי־שעה" איז אויך גוט.

60. פון אַ גאַנז אַ פיש.

אַ קאַטוילישער גלח האַפּט אַ פרישצאַפּעלדיגען משומד ווי ער זיצט זיך אין איינעם פון די פאַסטען־טאָג און פאַקט אויף ביידע באַקען אַ גע־בראָטענע גאַנז. מאַכט ער אים אַ בעזען פאָרוואורף:

— ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָסטו זיך ביי מיר געטויפט און איצט טוסטו אַזאַ זאַך, נעמסטו און עסט אין אַ פאַסטען־טאָג געגזען־פליישׁ!

— חלילה, פּאָטער! — זאָגט דער משומד מיט הארץ — דאָס איז נישט קיין גאַנז וואָס איך עס, נאָר פיש.

— קאַרג דיר, ווייזט־אויס, די עבירה, מאַכסטו נאָך דערצו שפּאָט אויך!

— חלילה, וואָס הייסט שפּאָט? איך האָב געקוקט אויף אייך, פּאָטער, צוגעזעהן וואָס איר טוט און האָב אייך נאָכגעטון. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט איר מיר אַזוי געזאָגט: ביז אַהער ביזטו געוועזען אַ יוד, פון היינט־אָן

ביזטו שוין אויס יוד נאָר אַ גוי· גאַנץ גוט· דאָסזעלבע האָב איך אויך איצט געטון—גענומען די גאַנז אין דער האַנד און געזאָגט: ביז אַהער ביזטו געווען אַ גאַנז· פון היינט־אָן ביזטו שוין אויס גאַנז נאָר אַ פישי·

61· שוין צופיל יודען·

איינער פון די גרויסע יודישע באַנקירען אין וויען האָט זיך געטויפט און געוואָרען פראָטעסטאַנט· פרעגט מען אים:

— פאַר וואָס האָט איר בעסער ניט אָנגענומען די הערשענדע רעליגיע· די קאַטוילישע?

— איך מוז זיך מודה זיין — האָט ער געענטפערט — נאָך מיר קומט־אויס· אַז צווישען קאַטויליקען זענען פאַראַן שוין צופיל יודען·

62· אַ גוי׳אישער קרייז·

אַ אָנגעשטעלטער פון אַ קראָם האָט זיך געטויפט· פרעגט מען אים:

— צוליב וואָס האָט דיר געטויגט דאָס שמד׳ען זיך? מילא דער עלטערער ברודער דיינער· וואָס האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געטויפט· ער איז אַן אַדוואָקאַט· האָט אים דאָס יודישקייט· קען זיין· געשטערט צו זיינע הויכע פּלאַנען דאָרט אין לעבען· אָבער אַזאַ אָרימער דינער ביי יענעם ווי דו· צו וואָס· אַ שטייגער· קען דיר נוצען דאָס ״איבערקערען זיך״?

— איר מיינט — האָט ער געענטפערט — אַז איך האָב עס געטון צוליב זיך? ניין· טאַקי נור צוליב אים· צוליב מיין ברודער דעם אַדוואָקאַט· מיט וועלכען איך וואוין צוזאַמען: זינט ער האָט זיך געשמד׳ט גאַרט ער אַלץ זיך צו געפונען שטענדיג נור אין אַ ג ו י ׳ א י ש ע ן ק ר י י ז·

63. אין אַ פרעמדער פעל·

אַן אָדעסער באַנקיר אַ משומד האָט שטאַרק געגאַרט אויסצוגעבען זיין איינציגע טאָכטער פאַר אַן עכטען קריסט· אַזעלכער וואָס זיינע אבות־אבותיו זענען געווען קריסטען· נאָר ווי ער איז געווען אַ מוצלח אין געשעפטען· האָט אים דאָ גראָד דאָס מזל ניט געשפּילט· און נאָכדעם וואָס זיין טאָכטער איז אַ כלה געוואָרען ווערט ער געוואָהר· אַז דער חתן איז· ווי אויף צו להכעיס· אויך אַ משומד׳ס אַ זוהן· וואָס העלפט עס? אַ פער־פאַלענע זאַך·

אויף דער חתונה איז געקומען צו פאָהרען דעם חתנ׳ס פאָטער מיט

נאָך עטליכע נאָהענטע מחותנים, כמעט אַלע משומדים. דער כלה׳ס פאָטער איז געווען גאָרנישט געשטימט יום־טוב׳דיג. און באמת, ווי האָט ער געקענט זיין אויפגעלעגט, אַז דער איינציגער טאָכטער זיינער קומט־אויס אויך אַריינצופאַלען אַלץ אין אַ יודישען קרייז? אין דער צייט פון חתונה־מאָלצייט, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען און אַוועקרופען אין אַ זייט זיינעם אַן אַלטען גוטען ברידער, אויך אַ משומד, און זיך אַביסעל אויסגערעדט פאַר אים זיין ביטער האַרץ. רופט זיך יענער אָן:

— לאָמיר זיך אַנידערזעצען, מחותן, קיינער שטערט אונז ניט דאָ אין ווינקעל, וועל איך אייך דערצעהלען אַ קורצע נאָר אַ שענע מעשה, וואָס האָט אַ געוויסען שיכות צו אונזער איצטיגען שמועס. די מעשה האָט זיך פערלאָפען ניט לאַנג אין אַמעריקאַ. איר מעגט עס, ח׳לעבען, אויסהערען:

אין ניו־יאָרק האָט איינער געעפענט אַ גרויסען טהירגאָרטען, וואו ס׳האָבען זיך געפונען אַלערליי זעלטענע חיות. אין די אַפישען, וואָס זענען געווען צעשפרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט, איז געווען אַרויסגעשטעלט, נאָך אַלע אַנדערע פערשידענע פאָרשטעלונגען, איין הויפט־נומער, אַז אַ מענש אָנגעטון אין פעל פון אַ לייב וועט אַריינגעהן אין דער שטייג פון׳ם טיגער מיט אים זיך דאָרט צו ראַנגלען. און דאָס איז ניט געווען קיין פאַלשע רעקלאַמע, ס׳איז ווירקליך געלונגען דעם אייגענטימער פון׳ם טהירגאָרטען צו קריגען איינעם אַ אָרימען יודען ערגעץ פון איישעשאָק, וואָס האָט שוין עטליכע יאָר דורכאַנאַנד געהונגערט אין אַמעריקאַ מיט זיין הויזגעזונד, און יענער איז בעשטאַנען זיך איינצושטעלען דאָס לעבען פאַר אַ היבשע סומע געלד, אויף צו בעוואָרענען זיין פאַמיליע, אויב אים וועט, חלילה, בעשערט זיין אומצוקומען...

דער עולם איז געלאָפען צו זעהן דעם וואונדער, און דער טהירגאָרטען איז געווען פול געפאַקט, געקומען צום הויפט־נומער, געהט־אַרויס דאָס יודעל, בלייך ווי די וואַנד און ציטערט מיט אַלע אברים, קריכט־אַריין פאַר אַלעמען אין די אויגען אין דער פעל פון אַ לייב, נעמט ברומען און קריכען אויף אַלע פיר צום טיגער׳ס שטייג, עפענט עס מיט אַ יאוש׳דיגען אימפעט און אַריין אַהין, דערזעהן נעבען זיך דעם שרעקליכען טיגער, גיט אונזער רב לייב אַ געשריי ניט מיט זיין קול „שמע ישראל!״— און אין דער זעלבער צייט לאָזט זיך הערען פון׳ם טיגער דאָס אויסגעשריי „ה׳ אלהינו ה׳ אחד!״

— וואָס הייסט? ווי קען דאָס זיין? — פרעגט דער כלה׳ס פאָטער פערוואונדערט.

— פֿאַר וואָס קען עס ניט זיין? — ענטפֿערט יענער — גאָר פּשוט. ווער, מיינט איר, אַ שטייגער, איז געווען דער טיגער? אויך טאַקי אַ פֿער־שטעלטער. דאָס איז געווען אין פֿעל פֿון אַ טיגער אַן אָרימער יוד פֿון שניפּישאָק. ס׳איז שוין, אַ פּנים — האָט ער געענדיגט מיט אַ ביטערען שמייכעל — אַזאַ בעשערטע זאַך, אונזערע יודען זאָלען זיין אַלץ פֿערשטעלטע אין אַ פֿרעמדער פֿעל.

63. געשווינד זיך אויסגעלערנט!

צוויי יודען נאָהענט־בעקאַנטע האָבען בעשלאָסען געהן צוזאַמען זיך אָפּצושמד׳ען. געקומען צום הויז פֿונ׳ם גלח איז ביי זיי פֿערבליבען, אַז פֿריהער זאָל איינער אַריין און דורכמאַכען די גאַנצע צערעמאָניע פֿונ׳ם שמד, און נאָכדעם, אַז דער וועט אַרויסגעהן און איבערדערצעהלען ווי אַלעס קומט דאָרט פֿאָר, וועט דערנאָך אַריינגעהן דער צווייטער און אָפּטון דאָסזעלבע.

— נו דערצעהל, גוטער ברודער, ווי עס געהט־צו דאָרט? — פֿרעגט דער יוד יענעם, וואָס איז אַרויס פֿונ׳ם גלח׳ס הויז שוין אַ אָפּגעשמד׳טער.

דער פֿרישצאַפּעלדיגער משומד קוקט־אָן דעם פֿריהערדיגען חבר זיינעם ווי אַ ווילד־פֿרעמדען און שרייט־אויס מיט רציחה:

— מיט אַ פֿערפֿלוכטען יודען וויל איך איבערהויפּט גאָר ניט רעדען!

— אוהאַ! — מאַכט יענער — אַזוי גיך און געשווינד זיך אויסגעלערנט! אַ עברה, ווי איך בין אַ יוד, וואָס איך בין ניט אַריין דער ערשטער. דעמאָלט וואָלט איך דיר דאָס אייגענע געקענט זאָגען.

64. שוין געוואָרען אַזאַ עזעל!

אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון אַ גרויס געשעפֿט האָט זיך געטויפֿט. אויף מאָרגען קומט ער אין קאָנטאָר און פֿערנעמט זיך, ווי געוועהנליך, מיט שרייבען געשעפֿטס־בריף. דער פּרינציפּאַל חאַפּט אַ קוק אויף איינעם פֿון די בריף און געפֿונט דאָרט היבש פֿעהלער. רופֿט ער זיך אָן מיט פֿערדראָס:

— ערשט פֿיר און צוואנציג שעה אַ גוי און שוין געוואָרען אַזאַ עזעל!

65. שווער זיך אָפּצוגעוואוינען.

אין אַ באַנק־געשעפֿט זיצט מען יום־כּפּור ביי דער אַרבייט און ביי יעדען שטעהט אַ גלאָז טיי מיט פֿערבייסען. נאָר דער אַלטער קאַסירער, אַ משומד שוין פֿון עטליכע צעהנדליג יאָר, זיצט פֿערשמאַכט און פֿערזוכט גאָרניט.

— וואָס איז מיט אייך? — פרעגט מען אים — וואָס נעמט איר גאָרניט אין מויל? איר זעגט עפּיס ניט מיט אַלעמען!

— ניין — ענטפערט ער — נאָר איך בין שוין אַזוי געוואוינט פון קינדוויייז אָן דעם טאָג צו פאַסטען. שווער פאַר אַן אַלטען מאַן זיך אָפּצו־געוואוינען פון אַ לאַנגיאָרענדיגער רגילות!

66. אַ פּראַקטישער מענש.

אַ דייטשער יוד איז געקומען צום פּאַסטאָר זיך טויפען און בעט דערביי ער זאָל אים איבערבייטען דעם נאָמען זיינעם.

— ווי אַזוי ווילט איר מע זאָל אייך רופען?

מאַרטין לוטהער.

— וואָס הייסט — וואונדערט זיך דער פּאַסטאָר — וואָס איז אייך עפּיס געפעלען אויסצוקלויבען גראָד דעם נאָמען פון׳ם גרעסטען גרינדער פון אונזער רעליגיע?

— איך וועל אייך זאָגען, הער פּאַסטאָר, איך אַליין הייס איצט מאַרקוס לעווי, וויל איך, פערשטעהט איר מיך, פערשפּאָרען איבערצובייי־טען אויף מיין וועש די מאָנאָגראַמע.

67. פריהער אַ פּראָטעסטאַנט.

— אַ משומד אַ פּראָטעסטאַנט איז געקומען צו אַ קאַטוילישען גלח נאָכאַמאָל זיך אָפּשמד׳ען אויף אַ קאַטאָליק.

— ווי אַזוי האָסטו ניט קיין בושה? — מוסר׳ט אים דער גלח — אַזוי גרינג נעמט מען אויסבייטען אַ רעליגיע! ערשט נישט לאַנג, זאָגסטו אַליין, ביזטו געוואָרען פּראָטעסטאַנט, און איצט קומסטו און ווילסט שוין ווערען קאַטאָליק.

— אויב איר ווילט וויסען דעם אמת, וועל איך אייך זאָגען — ענטפערט דער משומד — איצט קומט־אויס ניט אַזוי שען, ווען איינער גיט מיר אַ פרעגע, וואָס איך בין געווען פריהער, איידער איך האָב זיך גע־טויפט. אָבער אַז איך וועל ווערען אַ קאַטאָליק וועט שוין זיין, מיט גאָטס הילף, אַלעס רעכט. איך וועל קענען גלייך ענטפערען: וואָס ביזטו? — אַ קאַטאָליק. — און פריהער וואָס ביזטו געווען? — פריהער אַ פּראָטעסטאַנט.

68. בעסער אויפהייגען אַ גוי.

איינער אַ יוד איז צוליב אַן אמת׳ען פערברעכען אָדער אַ פאַלשען בלבול פערמשפּט געוואָרען צום טויט דורך הייגען. ערב דעם טאָג וואָס

ער האָט בעדאַרפט געהאַנגען ווערען, פרעגט מען אים, ער זאָל זאָגען וואָס זיין לעצטער פערלאַנגען איז, וועט עס אים באַלד געטון ווערען.

— איך וויל זיך טויפען — זאָגט דער יוד.

געשווינד האָט מען געלאָזט רופען אַ גלח, וואָס האָט דעם יודען אָפּגעשמד׳ט. אויפ׳ן אַנדערען טאָג גאַנץ פריה קומט ווידער דער זעלבער גלח אים צו בעגלייטען אויף דער אמת׳ער וועלט, טרייבט אים דער פרישער משומד פון זיך מיט זידלערייי. קומט אַריין דער אויפזעהער פון דער תפיסה אַן אויפגעבראַכטער און פרעגט אים:

— סטייטש, ערשט נעכטען האָסטו דאָך אַליין פערלאַנגט מע זאָל דיך טויפען, און היינט האָסטו אַזאַ העזה צו טרייבען פון זיך דעם גלח!

— אמת, איך האָב זיך געטויפט — ענטפערט דער יוד — נאָר דאָס האָב איך גאָר געטון צוליב אַן אַנדער זאַך: געוואָלט האָב איך, אַז וויבאַלד ס׳איז שוין אַרויס אויף מיר אַזאַ גזירה געהאַנגען צו ווערען, איז איידער אַ יודען לאָז מען חאָטש בעסער אויפהיינגען אַ גוי.

69. חאָטש זיין אַ פרומער קריסט.

אַ יוד אַ סוחר איז פערפאָהרען אין אַ דאָרף און איבערגענעכטיגט דאָרט ביי איינעם פון די דאָרפס־יודען. אויף מאָרגען הערט ער ווי די בעל־הבית׳טע, אַ אַלטע יודינע, וועקט שטאַרק אַ יונגען גוי:

— היי, גרישקאַ, וויסטאַן, זוואָניאַט יוו קאָסטיאָל! (היי, גרישקאַ, שטעה־אויף, מע קלינגט אין קלויסטער).

וואונדערט זיך דער סוחר: ווי קומט עס וואָס די יודינע לעגט זיך אַזוי אַוועק, דער גוי זאָל חלילה ניט פערשפּעטיגען צו געהן אין קלויסטער? און ער פרעגט זי דעם פירוש דערפון.

גרישקאַ—ענטפערט זי—דאָס איז טאַקי מיין אייגענער זוהן, מיין בן־יחיד, ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין פרומער יוד, לאָז ער חאָטש זיין אַ פרומער קריסט.

70. ווען ווערט מען אַ יוד?

אַ משומד׳ס אַ קינד פרעגט דעם פאָטער:

— פאַפּאַ, זאָג מיר, ווען ווערט מען אַ יוד? איך בין אַ קריסט, דו נאָך אויך אַ קריסט, און דער זיידע איז שוין אַ יוד. ווען זשע ווערט מען עס אַ יוד?

71. אַן ענטפער דעם רבונו־של־עולם.

אַן אַלטער מאַן, וואָס זיין בן־יחיד האָט זיך געשמד'ט, בעגעגענט אַ נאָהענטען בעקאַנטען און יענער נעמט אים זאָגען מוסר:

— דער שענער־בן־יחיד אייערער האָט זיך אָפגעשמד'ט און געבלי־בען זיצען ביי אייך אין שטוב גלייך ווי פריהער און איר טרייבט אים ניט אַרויס. וואָס וועט איר טון, אַלטער פרומער יוד, אַז עס וועט קומען די צייט ווען איר וועט זיך שטעלען צום משפט פאַר גאָט, ברוך־הוא, און ער וועט פאָדערען פון אייך דין וחשבון פאַר אייער בן־יחיד, דאָס תכשיט'ל, וואָס איז געוואָרען אַ גוי?

— וואָס וועל איך טון? — מאַכט דער אַלטער רוהיג — איך וועל אים אָפענטפערען גאַר קורץ:

— נו רבונו־של־עולם, און דיין בן־יחיד?

אפיקורסים און „משכילים".

72. אַ יודישע שטאָדט.

אין אַ שטעדטעל האָט איינער בעגעגענט זיינעם אַ בעקאַנטען, וואָס איז געקומען פון דער גרויסער שטאָדט אָדעס, פרעגט ער אים:

— זאָגט מיר, איך בייט אייך, ס'איז אמת וואָס די וועלט זאָגט, אַז אָדעס איז אַ גוי'אישע שטאָדט און צעהן וויאָרסט אַרום אָדעס ברענט דער „גיהינם"?

— פונקט פערקעהרט — ענטפערט יענער — אָדעס איז דוקא גאָר אַ עכט יודישע שטאָדט. שטעלט זיך פאָר, איר געהט שבת אין גאַס און זעהט ווי איינער אַ גלוח פאָהרט זיך מעשה־פריץ אויף אַ דראָזשקע מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, מיינט איר דאָך געוויס, אַז דאָס איז אַ גוי — לאָזט זיך אויס, אַז דער דאָזיגער אפילו איז אויך אַ יוד.

73. געפרעגט דעם רבי.

אַן אַפּיקורוס איז אַרויסגעגאַנגען שבת אין גאַס מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. בעגעגענט אים איינער און נעמט אים זידלען:

— אַפּיקורוס איינער, מחלל שבת'ניק בפרהסיה!

— וואָס שרייט איר אַזוי? — מאַכט דער אַפּיקורוס — איך האָב דאָך געפרעגט דעם רבי.

— נו און דער רב וואָס האָט געזאָגט?

— וואָס זאָל ער זאָגען? געזאָגט האָט ער, אַז מע טאָר ניט, הער, איך אים טאַקי ווי דעם רבי.

74. פערגעסען.

איינמאָל אין אַ שבת בייטאָג חאַפּט אַ שוועֶר דעם איידעם זיינעם ווי ער רויכעֶרט אַ פּאַפּיראָס. פאַלט ער אויף אים אָן מיט אַ געשריי:

— גוי, מחלל שבת'ניק, משומד איינער!

— חלעֶבען, שוועֶר, איך האָב פערגעסען.

— וואָס הייסט, ווי פערגעסט עס אַ יוד אַז ס'איז שבת?

— ניין, חס ושלום! אַזאַ זאַך וועל איך נישט פערגעסען.

— וואָס דען־זשעֶ, האָסט אפשר פערגעסען, אַז אַ יוד טאָר נישט רויכערען אים שבת?

— חלילה! ווי פאַלט אייך איין, שוועֶר, אַז איך זאָל אַזוינס פערגעסען?

— וואָס־זשע דען פאָרט האָסטו פערגעסען?

— איך האָב פּשוט פערגעסען, אַז איך בין אַ יוד...

75. און דאָס מעג מען?

איינער אַ יודישער סוחר איז געקומען פון שטאָדט אין דאָרף וועגען עפּיס אַ געשעפט צום פּריץ. געוועֶן ביים פּריץ האָט מען אים געזאָגט, אַז קומען וועט ער אַהיים פונ'ם פעלד ערשט נאָך האַלבען טאָג. איז דער סוחר דערוויייל אַריינגעאַנגען אין אַ שטיקעל אכסניה, וואָס אַ יודענע אַן אַלמנה האָט געהאַלטען, צו בעשטעלען דאָרט פאַר זיך אַ מיטאָג.

— וואָס פאַר אַ מיטאָג זאָל איך אייך צוגרייטען? — פרעגט זי אים.

— איך ווייס? לאָז זיין אַ היהן געפּרעגעלט אין פּוטער.

— וואָס רעדט איר? זאָגט די יודינע ווי דערשראָקען, — מעג דען אַ יוד עסען אַ היהן געפּרעגעלט אין פּוטער?

—נו און וואוינען אין דאָרף—מאַכט דער סוחר—דאָס מעג דען אַ יודענע?

76. למען־השם אָפּהיטען.

אַ יונגערמאַן אַ משכיל איז אַנטלאָפען פונ'ם קליינעם שטעדטעל, וואו דער פאָטער זיינער דער שוחט האָט אים ניט געלאָזט קיין קאָפּ אויפ־הייבען און פלעגט אים טון צום טויט דערפאַר, וואָס ער איז ניט געגנוג פרום. געקומען אין דער גרויסער שטאָדט, האָט דער יונגערמאַן געחאַפּט און זיך אָפּגעגאָלט דאָס בערדעל, און די האָר האָט ער גענומען און זיי פערוויקעלט אין אַ פּאַפּיר און אָפּגעשיקט דעם פאָטער אין שטעדטעל מיט אַזאַ בריוועל:

טאַטעֶ! געדענקסטו וויפיל מאָל דו האָסט מיר אָנגעזאָגט מיט'ן האַרבען וואָרט איך זאָל היטען מיין באָרד. איך געפין זיך אָבער איצט

אין דער פרעמד און קען עס נישט היטען ווי געהעריג, דערפאַר האָב איך זיך מישב געווען און שיק דיר אָפּ אַהיים, דו זאָלסט אַליין זעהן עס דאָרט למען־השם אָפּצוהיטען״.

77. פאַר מתּן־תּורה.

איינער פון די אַלטע אַפּיקורסים, וואָס פלעגען ליב האָבען זיך צו וויצלען אויף אַלעס אין דער וועלט און צוליב אַ שאַרף גלייכווערטעל קיין זאַך ניט געשוינט, האָט געפרעגט אַזאַ קשיא:

— פאַר וואָס האָט גאָט געהייסען די יודען אין מצרים פאַר׳ן ערשטען פסח זיי זאָלען מאַכען אויף די טירען פון זייערע הייזער סמנים פון בלוט, כדי דער „פערדאַרבער״ זאָל דורך דעם דערקענען די יודישע שטוב און זי איבערהיפּען, — איז דען פאַר אַ יודישער שטוב ניטאָ אַן אַלעמען סימנים: בערגלעך מיסט און שמוץ?

— דער תּירוץ איז — האָט דערויף דער אַלטער אַפּיקורוס אַליין געענטפערט — ס׳איז דעמאָלט נאָך געווען פאַר מתּן־תּורה...

78. דער יונגער אפּיקורוס.

אַ יונגערמאַן, אַ קליינשטעטעלדיגער אַפּיקורוס, איז געקומען צו אַן אַלטען אַפּיקורוס אין אַ גרויסער שטאָדט און בעט ביי אים, ער זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע תּורה פון אַפּיקורסות: דאָס הייסט, וואָס פאַר אַן עבירה פון די גרויסע און פעטע עבירות דאַרף ער טון, כדי ער זאָל האָ־בען די ווערטה צו טראָגען דעם נאָמען פון גאָר אַן עכטען אַפּיקורוס.

— זאָג, אַז קיין גאָט איז אויף דער וועלט ניטאָ — עצה׳ט אים דער אַלטער אַפּיקורוס.

— וואָס רעדט איר? — זאָגט דער יונגער מיט גרויס ציטערניש — איך האָב מורא דערויף זיך איינצושטעלען.

— נעם עסען טריפ׳ע מאכלים.

— מיין מאָגען קען עס ניט פערדייען אויף קיין פאַל.

— נעם רויכערען אַ פּאַפּיראָס אים שבת.

— איך רויכער ניט אַפילו אין דער וואָכען.

— אויב אַזוי — מאַכט דער אַלטער אַפּיקורוס מיט אַן ערענסטער מינע — האָב איך פאַר דיר קיין אַנדערע עצה ניט, נאָר דו זאָלסט אין אַ שענעם שבת׳דיגען פריהמאָרגען זיך אַנידערשטעלען אין אַ רשות־היחיד און פון דאָרטען טון דיין קליינע בעדערפעניש אין רשות־הרבים אַרויס...

79. אָן אַ ברכה.

צוויי קליינשטעטעלדיגע משכּילים זענען געזעסען און אַריינגעלאָזט זיך אין אַ טיפע חקירה, אויב ס'איז פאַראַן אַ גאָט וואָס פיהרט די וועלט צי ניין? לאַנג האָבען זיי אַוועקגעחקירה'ט מיט פייער און ברען, געדרונגען און געבראַכט פערשידענע בעווייזען, אַזוי און אַזוי, ביז זיי זענען ביידע געקומען צו איין דעה, אַז קיין גאָט, קיין מנהיג פון דער וועלט, איז טאַקי ניטאָ. דערנאָך נעמט איינער אַ גלאָז וואַסער און וויל טרינקען, רופט זיך אָן דער צווייטער:

נו און אַ ברכה?

שטעלט יענער אויף אים אָן אַ פּאָר פערוואונדערטע אויגען, ווי איינער רעדט: וויבאַלד קיין גאָט איז ניטאָ, צו וואָס טויג די ברכה?

— איך פערשטעה — זאָגט דער — וואָס דו קוקסט מיך אַזוי משונה אָן, נאָר עס געהער זיך גאָרניט אָן, צי ס'איז דאָ אַ גאָט צי ניין, אָבער אָן אַ ברכה טרינקט נור אַ גוי, ניט קיין יוד.

80. אַ מיטעל ניט צו פאַסטען.

אַ געוויסער אַפּיקורוס פלעגט זאָגען:

— ווען עס קומט אַ תענית האָב איך שוין מיין שטענדיגען מיטעל ניט צו פאַסטען, און דוקא על־פּי־דין, וואָס, מיינט איר, טו איך? איך נעם אַרויס די תפילין מיינע און לאָז אַרויסגליטשען פון דער האַנד אויף דער ערד דעם של־יד אַליין, און אויף דעם איז דאָך פאַראַן אַ בפירוש'ער דין אין שלחן־ערוך: אויב מע וואַרפט־אַראָפּ דעם של־ראש דאַרף מען פאַסטען, וואַרפט מען אָבער אַראָפּ דעם של־יד דאַרף מען נישט פאַסטען.

81. אַ יודישע המצאה.

איינער אַן אַפּיקורוס האָט געזאָגט:

— ס'איז נור צום בעוואונדערן די יודישע המצאות: אַז אַ יוד, אַ שטייגער, זאָל ניט קענען עסען אים תשעה־באב אַ גאַנצען טאָג האָט מען אים בעוואָרנט: מע לעגט ערשט תפילין צו מנחה — הייינט געה נעם עפּיס אין מויל פאַר תפילין־לעגען!

82. ניט קיין מסוכנ'ער חולה.

איינמאָל איז געקומען אַ יודישער יונגערמאַן פון די אַקציזניקעס תשעה־באב אין דער פריה פון דאָרף אין שטעדטל פערפאָהרען אין אַ יודישע אַכסניא און האָט געוואָלט בעשטעלען פאַר זיך אַ מיטאָג. דער

בעל־אכסניא האָט דאָס דערהערט איז ער פערציטערט געוואָרן: סטייטש אַ יוד זאָל וועלען אַזוינס טון אים תשעה־באב! לויפט ער געשווינד אַוועק צום רב און דערצעהלט אים די מעשה. דער רב שיקט באַלד דעם שמש זיינעם רופען צו זיך דעם אַקציזניק דעם הולטיי, און אַז יענער איז געקומען פאַלט דער רב אויף אים אָן:

— סטייטש, סטייטש, וואָס איז דאָס פאַר אַן הפקרות? אַ קלייניקייט עפּיס, אים תשעה־באב וועלען עסען אַ מיטאָג? וואָס, איר זענט קיין יוד נישט?

— רבי — זאָגט דער אַקציזניק געלאַסען — אָן כעס, ס'איז ניט כדאַי, חלעבען, זיך אָפּצועסען דאָס האַרץ, הערט מיך אויס, איך בין אַ יוד און ווייס גוט, גלויבט מיר, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט. ווי איז דער דין, זאָגט מיר, ווען איך בין אַ שטייגער איצט אַ מסוכנער חולה, מעג איך עסען?

דער רב הויבט־אויף די אויגען, חאַפּט אַ קוק אויפ'ן הויכען און פעטען פנים פונ'ם אַקציזניק און ענטפערט:

— חולה מסוכן, זאָגט איר, דאָס איז גאָר עפּיס אַנדערש. איר זענט דאָך אָבער ניט קיין חולה, הלואַי חוץ אייער שאָדען אויף אַלע יודישע קראַנקע געזאָגט געוואָרען!

— הייסט עס רבי — מאַכט דער אַקציזניק — אַז עסען אייגענטליך איז מיר ניט פערוועהרט אַפילו היינטיגען טאָג אויך, נאָר וואָס דען, אייך קוועטשט אינגאַנצען פאַר וואָס איך בין נישט דערצו קיין מסוכנ'ער חולה, פרעג איך אייך, רבי, ווי שעמט איר זיך ניט צו זאָגען, אַז אייך האַרט וואָס אַ יודישער יונגערמאַן איז, ברוך השם געזונד?

83. נאָך אַ טויזענדער.

תשעה־באב אין דער פריה באַלד נאָך די קינות קומט איינער אויף זיין אכסניא און בעט די בעל־הבית'טע זי זאָל אים צוגרייטען עפּיס אָנבייסען.

— וואָס רעדט איר? וואונדערט זיך די בעל־הבית'טע — איר האָט אַפּנים פערגעסען אַז היינט איז תשעה־באב.

— פערגעסען האָב איך ניט, — ענטפערט דער אורח—נאָר וואָס זאָל איך טון, אַז איך מוז היינטיגען מאָל אָפּלעגען דעם תענית אין אַ זייט צוליב אַ גרויסע מצוה: אַ אָרימע יתומה, נעביך, זאָל זיין פערזאָרגט מיט נאָך טויזענד רובל נדן.

— וואָס הייסט?

— ס׳איז גאָר אַ פּשוטע זאַך — זאָגט דער אורח — נעכטען אין אָבענד, געהענדיג פון שוהל נאָך די קינות, הער איך ווי צוויי ווייבער שמועסען צווישען זיך, און איינע זאָגט דער צווייטער: הלואי רבונו־של־עולם, איך זאָל קענען געבען דער טאָכטער מיינער דער יתומה נדן אַזוי פיל טויזענדער, וויפיל יודען וועלען היינטיגען תשעה־באב ניט פאַסטען!״ האָב איך זיך מישב געווען: לאָז די אָרימע כלה האָבען נאָך אַ טויזענדער! אַ רחמנות אויף דער בידנער יתומה נעביך!

84. צוליב דריי טעמים.

יודען האָבען דערטאַפּט שמערעל שניטקעווער אים צום־גדליה ווי ער זיצט זיך און עסט גאַנץ געשמאַק, פרעגט מען אים:

— ר׳ שמערעל, וואָס הייסט עס? ווי קומט עס צו אייך? ווייסט איר דען נישט, אַז ס׳איז היינט אַ תענית, צום־גדליה?

— איך, פערשטעהט איר — פערענטפערט זיך שמערעל — בין זיך ניט נוהג צו פאַסטען צום־גדליה צוליב דריי טעמים: ערשטענס, ווען אַ שטייגער גדליה בן אחיקם וואָלט דעמאָלט אין יענער צייט ניט געהרג׳עט געוואָרען, וואָלט ער דען סיי ווי סיי שוין לאַנג ניט געשטאָרבען? צווייטענס, וואָס זאָל איך עפּיס פאַסטען דערפאַר, וואָס מ׳האָט גדליה׳ן דערהרג׳עט; ווען די מעשה זאָל זיין פערקעהרט, דאָס הייסט מע זאָל מיך, שמערלען הרג׳נען, וואָלט דען גדליה דערויף געפאַסט? דריטענס, שיקט זיך גלאַט נישט, וויבאַלד איך פאַסט נישט יום־כפור, וועל איך פלוצים גאָר נעמען און פאַסטען צום־גדליה!

85. נאָך פליישיגס מילכיגס.

אַ יודישע דינסט פון אַ פרומער יודישער שטוב אין אַ קליין שטעדטעל קומט צו לויפען יום־כפור בייטאָג אין דער ווייבערשער שוהל, רופט־אַוועק די בעל־הבית׳טע אין אַ זייט און רוימט איר איין אַ שרעקליכען סוד, אַז דער בעל־הבית זיצט איצט אין דער היים און עסט פון די געבראָטענע ״כפרות״.

טויט ווי די וואַנד איז די בעל־הבית׳טע אַוועקגעלאָפען געשווינד אַהיים און טרעפט דעם מאַן שוין נאָך אַלעמען, ווי ער ווישט זיך אָפּ דאָס מויל און מאַכט זיך גלייך ווי ס׳איז גאָרנישט פאָרגעקומען.

— אַפּיקורוס, גזלן, הולטיי איינער! וועה איז צו מיר, וואונד איז צו מיר! וואָס האָסטו געטון אַזוינס? — ליאַרעמט דאָס ווייב און ברעכט די הענד.

דער מאַן מאַכט זיך ווי אַ תם און פרעגט, ווי איינער וואָס ווייסט פון גאָרנישט צו זאָגען:

— גאָט איז מיט דיר, מיין ווייב, וואָס גוואַלדעוועסטו אַזוי, זאָג, וואָס האָט זיך אַזעלכעס געטראָפען?

— וואָס, פרעגט ער, קאַרג דיר, פושע־ישראל, משומד, עסען „כפרות״ אים יום־כפור?!

— וועך כפרות, וואָס כפרות? וואָס האָט זיך דיר אַזוינס געחלומ׳ט?

דאָס ווייב טוט אַ ווינק אויף דער דינסט, וואָס שטעהט ביי דער טיר אַ דערשראָקענע, און מאַכט מיט אַ ביטער שמייכעל:

— קוקט אים נור אָן, איך בייט אייך, ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען! שולדיג איז גאָר זי, גענומען און אויסגעקלערט אויף אים נעביך אַ פאַלשען בלבול!

דער מאַן ווערט ווי אויפגעבראַכט, לויפט־צו געשווינד צום בופעט, עפענט אים האַסטיג אויף, חאַפּט פון דאָרט אַרויס אַ שטיק קעז און וואַרפט עס אַריין אין מויל און זאָגט דערביי מיט האַרץ:

— איצט זעה אַליין, וואָס פאַר אַ מיאוסע ליגנערין דאָס איז! ווען איך זאָל געוועזען עסען ערשט ניט לאַנג פליישיגס, וואָלט איך דען געקענט נעמען אין מויל מילכיגס?

86. די לעצטע שמיץ.

שמערעל שניטקעווער האָט פאַר׳ן טויט צוגערופען דאָס ווייב און געהייסען, זי זאָל אים געבען עסען אַ ווערעמדיגע פלאָם.

דאָס ווייב קוקט אים אָן פערוואונדערט און פערשטעהט נישט, וואָס ער מיינט דערמיט.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן — רופט ער זיך אָן צו איר — פערשטעהסטו, אויף יענער וועלט, אַז מע וועט שמייסען און אויסרופען יעדעס מאָל פאַר וואָסערע עבירה, איז וויבאַלד איך וועל דערהערען די ווערעמדיגע פלאָם וועל איך וויסען, אַז עס האַלט שוין ביים סוף און איך בעקום די לעצטע שמיץ.

87. ביי דער טיר פון גיהנם.

איינער פון די אַלטע אַפּיקורסים איז קראַנק געוואָרען און געהאַלטען ביים שטאַרבען. שיקט ער בעטען דעם רב ער זאָל צו אים קומען ווייל ער וויל זיך פאַר אים מתודה זיין און תשובה טון פאַר׳ן טויט. שטעהט

דערבײ אײנער פון די יונגע אַפּיקורסים׳לעך און װאונדערט זיך שטאַרק דערויף. רופט זיך אָן צו אים דער קראַנקער:

איך זאָלט, יונגערמאַן, זיך ניט װאונדערען. איך טו עס, דאַרפט איר װיסען, מיט׳ן קלאָרען זינען און מיט חשבון. איך װיל, פערשטעהט איר, דערמיט בעװײזען בעשײנפּערליך, אַז װאָס די גמרא זאָגט: „רשעים אַפילו בײ דער טיר פון גיהנם טוען ניט קײן תשובה״ – אַט דאָס אַפילו איז אויך ניט אמת.

בעלי־עבירות.

88. ערגער ווי געשמד'ט.

איינער אַ גרויסער הולטײַ איז געקומען צום רב פון זיין שטעדטעל און טוט אים אויף געלעכטער אַ פרעג:

— רבי, זאָגט מיר, ווען איך זאָל וועלען ווערען גוט און פרום, וואָס פאַר אַ תשובה אויף מיינע עבירות וואָלט איר מיר אַרויסגעגעבען?

— מיין עצה וואָלט געווען — זאָגט אים דער רב — אַז פריהער פון אַלעמען דאַרפסטו ווערען אַ געשמד'טער.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז דערווייל ביז איצט ביזטו ערגער ווי געשמד'ט.

89. אַן עבירה — אַ מצוה.

אַ בעוואוסטער בעל־עבירה'ניק איז געקומען אַמאָל צום פראָגער רב ר' יחזקאל לאַנדא און זאָגט אים מיט אַ עזותדיגען געלעכטער:

— הערט איר, רבי, אַלע עבירות פון דער וועלט, מעג איך זאָגען בעשטימט, איז מיר שוין געראָטען אָפּצוטון אויף מיין לעבען, עס פעהלט מיר נור איין עבירה פון מאבד עצמו לדעת (אַליין נעמען זיך דאָס לעבען).

— זעהסטו — זאָגט אים דערויף דער פראָגער רב, — אַזאַ מין עבירה אָפּצוטון וועט דיר קיינמאָל נישט געראָטען, ווייל דו וועסט גאָר דערמיט מקיים זיין אַ אמת'ע מצוה פון דער תורה, ובערת הרע מקרבך (זאָלסט אויס־רוימען דאָס שלעכטס פון דיר, ד. ה. פון יודען).

90. פותר חלום זיין.

איינער פון די הולטייעס, די וואולע יונגען, איז געקומען צו אַ רב און זאָגט אים אויף חוזק צו מאַכען:

— רבי, איך בין געקומען צו אייך איר זאָלט מיר פותר חלום זיין: יענע נאַכט האָב איך געזעהען אין חלום אַ שרעקליך בעזען הונדי...

— עס מאַכט ניט אויס — רופט זיך אָן דער רב — פאַר'ן אייגענעם שאָטען איז ניטאָ זיך וואָס צו שרעקען.

91. מעהר מקנא צו זיין.

דער בערדיטשעווער רב האָט אַמאָל געזאָגט ימים־נוראים צייט צו איינעם פון די גערויסע הולטייעס אין שטאָדט:

— איך בין דיר איצט מקנא. געוויס האָסטו פיל עבירות געטון איבערן יאָר, און אַז דו וועסט איצט תשובה וועלען דיר אַלע עבירות דיינע פערדעכענט ווערען פאַר זכיות.

— וואַרט אויס, רבי — רופט זיך אָן יענער — איבער אַ יאָר, אם ירצה השם, וועט איר מיר האָבען מעהר מקנא צו זיין...

92. עס קאָסט טייער.

איינעם פון די וואוילע יונגען האָט מען געפרעגט ראש־השנה, פאַר וואס ער געהט ניט צו תשליך?

— מיינע זינד — האָט ער געענטפערט — קאָסטען מיר זעהר טייער, איז פשוט אַ גרויסע עבירה זיי נעמען און אַריינוואַרפען אין וואַסער.

93. כדאי אַזוי איינצולעגען די וועלט.

אַ יוד פאָהרט אין אייזענבאַהן־וואַגאָן און לאָזט זיך אַריין אין אַ גאַנץ פריינדליכען שמועס מיט זיינעם אַ שכן אַ גוי. דערווייל שלעפט יענער אַרויס ביי זיך פון רענצעל אַ שטיק ברויט מיט קאָלבאַס און נעמט עסען. דער קאָלבאַס האָט דעם יודען שטאַרק פערשמעקט, און אַז דער שכן האָט אים פאַרגעלעגט, ער זאָל אויך פערזוכען אַ שטיקעל דערפון, האָט ער ניט געקענט ביישטעהן דעם יצר־הרע און האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט. ווי נור אָבער ער האָט אַ ביס געטון פונ'ם קאָלבאַס, האָט געגעבען אַ בליץ, און אַ שטאַרקער דינער האָט אַ שרעקליכען הילך געטון. דער יוד האָט זיך דערשראָקען אויף טויט און דער ביסען איז אים געבלי־

בען שטעקען אין האלז. דערנאך האט ער זיך בערוהיגט, איינגעשלינגען דעם ערשטען ביסען און ער וויל זיך נעמען ווייטער א ביס טון, ערשט ווידער א בליץ און א דינער, נאך שטארקער און שרעקליכער ווי פריהער. דער יוד גיט מיט שרעק א שטיפ פון זיך דעם קאלבאס און מאכט מיט א ברוגז'ער מינע:

— זעה נור זעה, צוליב איין קליין ברעקעלע, גרויס אפשר ווי א כזית, איז כדאי איינצוזעגען די וועלט!

94. פקוח־נפש.

א יוד א סוחר איז געקומען פון שטאדט אין דארף צום פריץ, ביי וועלכען ער האט געהאלטען אין האנדלען א וואלד. טרעפט ער דעם פריץ אין דער היים ביי א גוטען פריהשטיק. אויפ'ן טיש שטעהען הייסע קאט־לעטען מיט א פלאש טייערען וויין.

דער פריץ נעמט־אויף דעם יודען זעהר פריינדליך, בייט אים זיך אויך צוזעצען צום טיש און לעגט אים פאר א פרישען קאטלעט. דער יוד בעדאנקט און זאגט זיך אפ.

— וואס, עס שמעקט אייך ניט? — פרעגט דער פריץ.

— אדרבה — זאגט דער יוד — עס שמעקט מיר זעהר, נאר ביי אונז יודען איז עס פערוועהרט צו עסען.

— הא, איך וויים — מאכט דער פריץ און לאכט דערביי גוטמוטהיג — איך ווייס, ווי אזוי הייסט עס ביי אייך? טריף, טריף...

נאך די קאטלעטען גיסט־אן דער פריץ א גלאז וויין זיך און א צוויי־טען פאר'ן יודען. נאר דער יוד זאגט זיך ווידער אפ: מע טאר דאס אויך נישט.

דא קען שוין דער פריץ זיך נישט איינהאלטען און מאכט אזוי צום יודען:

— הערט איר וואס איך וועל אייך זאגען, דער גאט אייערער איז שוין צו א הארטער, ער לעגט־ארויף אויף אייך צופיל שווערע קלעצער, וואס איז ניט פאר א מענשליכען כוח עס איבערצוטראגען, מאהלט זיך אויס, א שטייגער, וואס וואלט איר געטון ווען איר ווערט פערבלאנזשעט ערגעץ אין א וואלד און עטליכע טעג האט איר ניט געהאט גארניט אין מויל און איר פיהלט, אז די לעצטע כוחות געהען אייך אויס, אט פאלט איר אנידער א טויטער, קומט־איינער און טראגט אייך אונטער, אויף צו דערהאלטען די נשמה, עפיס טריפה'ס?...

— דעמאָלט — זאָגט דער יוד — איז גאָר אַן אַנדערע זאַך׳ ווען עס האַלט ביי פקוח־נפש׳ דאָס הייסט ווען עס געהט אין מענשענס לעבען׳ זענען אַזעלכע זאַכען׳ לויט אונזער דין׳ ניט פערוועהרט׳

פלוצים טוט דער פריץ אַ שפרינג־אויף׳ דאָס פנים ווערט ביי אים אָנגעצונדען ווי ביי אַ גזלן און ער שטעלט־אָן אויפ׳ן יודען אַ פּאָר רציחה׳שע אויגען און באַלד טאַקי חאַפּט ער אַרויס אַ רעוואָלווער׳ האַלט אים אָנגע־שטעלט גלייך אַקעגען דעם יודען און בעפעהלט מיט אַ געשריי:

— די מינוט זאָלסטו אויסטרינקען די גלאָז וויין; אויב ניט בלייבסטו ביי מיר דאָ אויפן אָרט!

דער יוד חאַפּט באַלד און טרינקט־אויס איין גלאָז׳ דער פריץ גיסט אָן מיט דער לינקער האַנד אַ צווייטע גלאָז—טרינקט דער יוד די צווייטע׳

נאָכדעם לעגט דער פריץ אַוועק דעם רעוואָלווער אויף זיין אָרט און ער זעצט זיך צוריק אַנידער רוהיג ווי פריהער׳ און זאָגט צום יודען מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל:

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט׳ איך בייט אייך׳ איך האָב געמאַכט מעהר נישט ווי אַ שפּאַס׳ זענט איר אויף מיר דערפאַר ניט בעז?

— וואָס הייסט נישט בעז — ענטפערט דער יוד — געוויס בין איך בעז דערפאַר׳ וואָס איר האָט ניט געמאַכט דעם זעלבען שפּאַס אַביסעל פריהער׳ ביי די פרישע קאָטלעטען׳

95. הנאה האָבען מעג מען׳

איינער אַ לץ האָט זיך געוויצעלט און שפּיציג אויסגעדרונגען אַזוי:

— דריי מאָל שטעהט אין דער תורה „לא תבשל גדי בחלב אמו (זאָלסט ניט קאָכען אַ ציגעלע אין דער מוטער׳ס מילך)׳ זאָגען אויף דעם אונזערע חכמים׳ אַז איינס ווייזט אויף דעם אסור צו קאָכען׳ איינס — עסען׳ און נאָך איינס — הנאה צו האָבען׳ „לא תנאף” אָבער שטעהט נור צוויי מאָל׳ הייסט עס: קאָכען טאָר מען ניט׳ עסען טאָר מען ניט׳ דערפאַר הנאה האָבען מעג מען׳

96. דאַרפען אָנקומען׳

אין אַ שטעדטעל האָט מען מתפלל געווען אויף רעגען׳ געזאָגט תהלים און געפאַסט — און ס׳האָט אַלץ ניט געהאָלפען: קיין טראָפּען רעגען האָט זיך ניט געוויזען׳ האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אַסיפה׳ וואו עס זענען זיך צונויפגעקומען אַלע כלי־קודש און די פיינסטע בעלי־בתים׳

און ס'איז פערבליבען אנצונעמען דאס געװיסע מיטעל — צו זוכען אין שטעדטעל חטאים.

געזוכט — און געפינען! מ'האט זיך דערװאוסט, אז אײנער האט זיך מתיחד געװען אין א שטוב מיט א פרעמדער אשה אן א שומר...

דאס גאנצע שטעדטעל האט זיך געקאכט. מ'האט געשלעפט דאס זינדיגע פארעל צום רב מיט גרויס פאראד, אלע יודען פון קלײן ביז גרויס, זענען זײ נאכגעלעפען און געשאלטען מיט טויטע קללות, און אנדערע האבען זײ נאכגעװארפען שטײנדלעך מיט שטיקער בלאטע.

פלוצים רוקט זיך ארויס פונ'ם עולם שמערעל שניטקעװער, נעמט מאכען מיט די הענד און שרײט אויף א קול:

— יודישע קינדער, בערעכענט זיך װאס טוט איר? אומגליקליך מאכט איר זיך טאקי אלײן. עס קען דאך זעהר זײן מיר זאלען אלע צו דעם דאזיגען פארעל דארפען אנקומען.

— װאס רעדט איר, ר' שמערעל? — פרעגט מען אים פון אלע זײ־טען — פון זינען זענט איר אראפ צי װאס? װאס הײסט מיר װעלען דארפען אנקומען צו די דאזיגע זינדיגע לײט?

— יא יא, רבותי — ענטפערט ער — איך זאג אײך, אז ס'איז שטארק מעגליך. הײנטיגס יאר איז עצירת־גשמים און עס געהט ניט צוליב זײ קײן רעגען, װער װײסט אבער װאס איבעראיאר װעט זײן? אפשר װעט דעמאלט געהן צופיל רעגענס און מיר װעלען זיך מוזען װענדען מיט א בקשה צו די דאזיגע לײט, װאס װײסען א מיטעל װי אײנצו־האלטען דעם רעגען, זײ זאלען אונז בײשטעהן אין דער גרויסער נויט.

97 פײניגען זיך.

מ'האט געחאפט א יודען בײ א מיאוס'ער עבירה, ברײנגט מען אים צום רב, און דער רב לעגט אויף אים ארויף א תשובה, ער זאל א גאנץ יאר פאסטען הפסקות.

— רבי, איך װעל עס נישט קענען אויסהאלטען — בעט זיך דער זינדיגער מיט א דערשלאגען קול — איך בין זעהר א קרענקליכער.

— אויב אזוי װעסטו מוזען צעטײלען היבש געלד אויף צדקה־זאכען.

— רבי, איך קען דאס אויך נישט. איך בין א מטופל מיט א גרויס הויזגעזינד, קײן עין־הרע, און ציה פאר זײ קוים־קוים פרנסה.

— װאס־זשע, זאג קענסטו יא? פרעגט דער רב שוין אביסעל אויפ־געבראכט.

— װאס איך קען? — מאכט יענער מיט א נאך מעהר דערשלאגען

קול — איך קען, רבי, נעמען אויף זיך גאַנצע דריי יאָר דורכאַנאַנד ניט זייז אַפילו איינמאָל עולה לתורה.

98. לויט די יאָרען.

דעם נביא ישעיה׳ס ווערטער: אם יהיו חטאיכם כשנים, האָט איינער וויציג איינגעטייטשט אַזוי:

— אויב אייערע זינד וועלען זיין לויט די יאָרען, אַ שטייגער: ווען אַן אַלטער מאַן פיהרט די שטאָדט און אַ בחור פיהרט זיך אַרום מיט בתולות, דעמאָלט „כשלג ילבינו” — קען מען אייך מוחל זיין. אָבער הייני־טיגע צייטען, ווען ס׳איז פונקט דער היפך דערפון: דער בחור פיהרט די שטאָדט און דער זקן פיהרט זיך אַרום מיט בתולות — ווי קען מען עס מוחל זיין?

99. צעהן קלאָגען.

צוויי ווייבער אין אַ קליין שטעדטעל זענען אַרויסגעגאַנגען שבת ביי׳טאָג אַביסעל שפּאַצירען און זיך פערשמועסט אַזוי ביז זיי זענען צוגע־קומען צו דער באַהן־סטאַנציע, וואָס ביים שטעדטעל. דערווייל האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אַ צוג, וואָס איז פערבייגעפאָהרען, און פון איין וואַגאָן איז אַרויס אַ יונגערמאַן אויפ׳ן וואָקזאַל.

— זעה נור, זעה! — רופט זיך אָן איינע פון די ווייבער און טוט אַ טייט מיט די פינגער אויפ׳ן יונגעמאַן — אַ יוד פאָהרט אים שבת, אַ קלאָג איז צו מיר!

— קומט־אריין מיט מיר אין וואַגאָן — מאַכט צו דער יודענע דער יונגעמאַן — וועט איר זעהן, אַז ניט איין קלאָג, נאָר צעהן קלאָגען אויף אייך, ווייל מיר פאָהרען דאָרט צוזאַמען אַ גאַנצער מנין יודען.

100. אַ שבת׳דיגע גנבה.

איינמאָל איז מען געקומען זיך קלאָגען פאַר׳ן רב ר׳ עקיבא איגר אויף איינעם פון די שטאָדט־לייט, וואָס איז געפאָהרען שבת אין באַהן. דער רב האָט אויף דעם געזאָגט:

— מיינט ניט, אַז יענער האָט געטון דערמיט איין עבירה פון פאָה־רען אים שבת; איר דאַרפט וויסען, אַז ער איז נאָך דערצו בעגאַנגען אַ פשוטע גניבה אויך, ווייל ער האָט דאָך ניט גענומען קיין בילעטען פאַר די צוויי מלאכים, וואָס בעגלייטען יעדען יודען אים שבת.

גנבים.

101. אַ קל־וחומר.

איינער א געוויסער גנב אין ליטאַ, וואָס האָט נאָך געדענקט אַביסעל תורה פונ׳ם „חדר״, האָט איינמאָל געדרינגען זיינעם אַ באַקאַנטען, אַז ער מעג ביי אים על־פי־דין צונעמען זיין בייטעל מיט אַ קל־וחומר:

מה־דאָך דו, וואָס מיין בייטעל טאָרסטו ניט נעמען, מעגסטו דיין בייטעל יאָ נעמען, הייסט אַז איך מעג מיין בייטעל נעמען, — מעג איך דאָך דיינס געוויס נעמען.

102. אַ גאַנץ טיץ לעפעל.

נאָטקע גנב איז איינמאָל געליגען קראַנק אויף אַן אַלטער קרענק זיינער. דער דאָקטאָר איז געקומען, אים בעטראַכט און פערשריבען א רעצעפט, צו נעמען אַלע צוויי שעה אַ לעפעל.

— וואָס פאַר אַ לעפעל הייסט איר מיר נעמען, הער דאָקטער, אַ פראָסטען צו אַ זילבערנעם? — פרעגט דער חולה.

— עס מאַכט ניט אויס אַ פראָסטען אויך — ענטפערט דער דאָקטער מיט אַ שמייכעל.

— ליבער הער דאָקטער — מאַכט נאָטקע מיט אַן ערענסטער מינע — וואָס פאַר אַ רפואה, האָט מיר קיין פעראיבעל, קען דאָס שוין זיין, אַז איך וועל נעמען אַלע צוויי שעה נור איין לעפעל, און נאָך אַ פראָסטען דערצו? איך האָב שוין געפּרוּווט, גלויבט מיר, נעמען אין איין מינוט אַ גאַנץ טיץ לעפעל, און ניט פראָסטע נאָר דוקא זילבערנע — און מיר האָט עס צו מיין קרענק אויך גאָרניט געהאָלפען!

103. אונשולדיג געזעסען.

דערזעלבער נאַטקע גנב איז אָפּגעזעסען איינמאָל צוויי יאָר אין תפיסה פאַר אַ גניבה. געקומען אַהיים, געפונט ער ביים ווייב אַ קראַנק קינד פון אַ אַכט חדשים, וואָס האַלט שוין ביים אַוועקגעהן פון דער זינדי־גער וועלט. אויף מאָרגען איז עס אויסגעגאַנגען, געשטאָרבען — באַגראָבען, און נאַטקע מיט'ן ווייב זעצען זיך שבעה.

אָפּגעזעסען אַ פּאָר טאָג בעמערקט נאַטקע מיט אַ זיפץ:

— עפּיס בין איך דאָך אויף מיין לעבען שוין גענוג געזעסען, נאָר אַזוי אונשולדיג ווי איך זיץ איצט בין איך נאָך קיינמאָל ניט געזעסען.

104. נעביך, אַ גנב!

אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטען האָט מען געפיהרט איבער דער גאַס אין תפיסה אַריין. אויפ'ן וועג האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אַביסעל אָפּרוהען. שטעהען דערביי עטליכע יודענעס און שאָקלען מיט'ן קאָפּ און מאַכען:

— אַ גאָטס רחמנות, כמעט אַלע יודען, נעביך!

פרעגען זיי איין יודען: פאַר וואָס מ'האָט אים איינגעזעצט? ענטפערט ער: פאַר אַ פּאַס, וואָס איז געווען ניט אינגאַנצען כשר. מאַכען דערויף די יודענעס:

— נעביך פאַר אַ פּאַס!

דעם צווייטען פרעגען זיי? פאַר וואָס אים? ענטפערט ער: פאַר אַ פריזיווי. מאַכען זיי ווידער:

— נעביך, פאַר אַ פריזיוו!

דערנאָך פרעגען זיי אַ דריטען, איינעם אַ יונג מיט ביינער: פאַרוואָס אים?

— איך בין, נעביך, אַ גנב! — ענטפערט ער.

105. אַ פּרנסה־זאַך.

צוויי אונבעקאַנטע יודען זענען זומער־צייט פערפאָהרען פון באַהן אין איין אכסניה און כדי איינצושפּאָרען געלד האָבען זיי גענומען ביידע איין צימער. פאַרנאַכט האָבען זיי זיך געלאָזט געהן אין גאָרטען פון שטעדטעל אַביסעל שפּאַצירען. אויפ'ן וועג האָט איינער פון זיי פערלוי־רען פון קעשענע זיין ביימעלע געלד און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט האָט עס דער צווייטער געשווינד אויפגעהויבען, אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט ווייטער, קעהרט־אום דער יוד, וואָס האָט געפונען, יענעם זיין פער־לוירענע ביימעלע און זאָגט אים דערביי:

—בעשערט מיר אַ מצוה פון השבת־אבידה (אומקעהרען אַ פער־לוירענע זאַך).

אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָפּט זיך יענער ייד, אַז דאָס בייטעלע זיינס מיט׳ן געלד איז ווידער ניטאָ. מאַכט ער אַ גוואַלד, קומט אַ פּאָלי־ציאַנט און געפונט, אַז פריהער פון אַלץ דאַרף מען בעזוכען דעם צווייטען יודען, וועלכער האָט מיט אים אין איין צימער איבערגענעכטיגט. וויפיל דער האָט געטענה׳ט, אַז ער גלויבט יענעם יודען ווי זיך אַליין, האָט ניט געהאָלפען—דער פּאָליציאַנט האָט יענעם בעזוכט ווי עס דאַרף צו זיין און טאַקי געפונען ביי אים בעהאַלטען די גניבה.

— וואָס הייסט עס — וואונדערט זיך פערוואונדערט דער געליטענער צו יענעם — נעכטען אַז איר האָט אין גאַס געפונען מיין בייטעלע האָט איר עס מיר אַליין אומגעקעהרט, און דערנאָך האָט איר דאָס זעלבע בייטעלע ביי מיר אַוועקגע׳לקחנט!

— וואָס פערשטעהט איר דאָ ניט? — ענטפערט יענער — אומקעה־רען אַן אבידה איז אַ מצוה, און אויף אַ מצוה בין איך אויך אַ בעלן גלייך ווי יעדער ייד, אָבער גנב׳ענען איז ביי מיר אַ פּרנסה־זאַך, פון דעם לעב איך.

106. וואָס־זשע טוט גאָט?

אַ קליינשטעדטעלדיגער יוד דערצעהלט דעם צווייטען:

— אַנימעלט קום איך צופאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט, איבער־גענעכטיגט לאָז איך זיך אויף מאָרגען אַרומשפּאַצירען איבער די גאַסען און בעטראַכטען די חידושים פונ׳ם כרך. פערווילט זיך מיר עסען, געה איך מיר אַריין אין אַ פיינעם גאָרקוך, הייס מיר דערלאַנגען אַ שטיקעל פלייש מיט יויך און צום סוף אַביסעל צימעס. אָפּגעגעסען — אָפּגעבענשט. פרעג איך וויפיל עס קומט פון מיר, מאַכט מען מיר דעם שענעם חשבון אויף העכער אַ רובל. ווער איך נבהל ומשתומם רבונו־של־עולם, פאַר וואָס קומט דאָ אַ גאַנצע קאָרב נאָך מיט קאָפּיקעס? וואָס זאָל איך אייך זאָגען, ס׳האָט מיר געבערענט און געבראָטען! ס׳איז דאָך אמת׳ע בייטעלשניידערס! מילא וואָס העלפט עס? ווי זאָגט איר, אַ ברירה האָט מען? איך האָב גע־קרעכצט און בעצאָהלט. וואָס־זשע טוט גאָט? נעם איך און לאָז אַראָפּ־גליטשען צו זיך אין קעשענע אַ זילבערנעם לעפעל.

107. „מים גנובים“.

ביי ר׳ בועז דעם רב האָט דער משרת אין אַ יום־טוב׳דיגען טאָג אַראָפּגעבראַכט בגניבה פון טיש אַ פלאַש וויסען ווין און אַריינגעשטעקט עס צו זיך אין קעשענע. דער רב האָט עס בעמערקט, גיט ער אַ פרעג דעם משרת:

— זאָג, וואָס איז דאָרט אין יענעם פלעשעל, וואָס שטעקט דאָרט אַרויס בײַ דיר פון דער קעשענע?

— ווייס איך, קאַלטע וואַסער — ענטפערט דער משרת.

— גיב מיר נור אַהער אַביסעל צו פערזוכען.

דער משרת האָט קײן ברירה ניט געהאַט און אַרײנגעגאָסען אַביסעל פון פלאַש אין אַ גלאָז. דער רב האָט פערזוכט און זיך אָנגערופען:

— עפּיס האָט עס אַ זיסליכען טעם, הערסטו, שלמה המלך איז טאַקי געווען אַ חכם און ניט אומזיסט זאָגט ער: "מים גנובים ימתקו" (געגנב'עט וואַסער איז זיס.)

פראָצענטניקעס·

108·ביידע פון די ערשטע·

צוויי מחותנים· ביידע פעטע פראָצענטניקעס· זיצען ביי אַביסעל ספירט· פערבייסען גאַנץ געמיטליך· און פיהרען צווישען זיך אינטים אַ שמועס· דערצעהלט איינער דעם אַנדערען:

— ווייסט איר· מחותן· פון וואָס איך האָב געמאַכט אַ פערמעגען נור פון די ערשטע הלואות· דאָס ערשטע מאָל האָב איך יעדען גערן אַנטליהען· פערשטעהט זיך· גענומען אַ גוטען פראָצענט· און דאָס ערשטע מאָל בעצאָהלט מען געוועהנליך· כדי מע זאָל קענען לייען אַ צווייט מאָל· איך אָבער· אַז עס קומט צום צווייטען מאָל· גיב איך קיינעם נישט ער זאָל אפילו זיין מר־בר־רב־אשי אַליין· און אַזוי איז מיר נאָך עד היום קיינמאָל נישט פערפאַלען געוואָרען קיין איין פרוטה·

— און איך· מחותן — בעריהמט זיך דער צווייטער — האָב געמאַכט מיין ערשט ביסעל פערמעגען אויך פון די ערשטע· נאָר פון די ערשטע מלוות· דאָס הייסט· אין יענע צייטען ווען איך האָב· ניט היינט געדאַכט· ניט יענעם אַנטליהען· נאָר ביי יענעם בעדאַרפט לייהען· פלעג איך אַלע מאָל נעמען ביי אַן אַנדערען און קיינעם ניט אָפּגעגעבען דאָס ערשטע מאָל·

109· פול מיט ריבעס.

איינער איז פערפאָהרען ווינטער־צייט צו זיינעם אַ בעקאַנטען וואָכערניק· וואָס האָט געלעבט פון רבית (פראָצענט)· אין גאַס האָט געברענט דער פראָסט און אין שטוב איז אויך געווען אַ קרירה כמעט ווי אין דרויסען ווייל דער וואָכערניק איז געווען אַ גרויסער קמצן און מע האָט ביי

אים אין שטוב שוין אַ פּאָר טעג ניט געהייצט. רופט זיך אָן דער אורח צום בעל־הבית:

— ווי אַזוי שעמט איר זיך נישט, אין אַ שטוב וואָס איז פול מיט רבית (ריבעס) זאָל זיין אַזאַ שרעקליכע קעלט!

110. געשטעלט אויף די פיס.

אַ פּראָצענטניק איז געגאַנגען אין גאַס מיט זיינעם אַ נאָהענטען בעקאַנטען, ווייזט ער אים אָן פון ווייטענס:

— זעהסט געהן דאָרט יענעם פראַנט מיט'ן קורצען שענעם ראָק און מיט די לאַנגע הויזען, דאַרפסטו וויסען, אַז אייגענטליך האָב איך אים געשטעלט אויף די פיס.

— מיט וואָס?

— מיט דעם, וואָס פריהער פלעגט ער, ווי דו קוקסט אים אָן, שטענדיג אַרומפאָהרען אין זיינער אַ אייגענער קאַרעטע. איצט האָב איך זי ביי אים צוגענומען פאַר אַן אַלטען חוב, געהט ער ביי מיר צו פוס.

111. אַן אייביג פלאַץ.

אַ רייכער וואָכערניק איז געשטאָרבען, האָט די חברה־קדישא געפאָדערט ביי די יורשים אַ היבשע סומע געלד פאַר דער קבורה. די יורשים האָבען זיך געדונגען, געמאַכט קולות: "סטייטש, אַזאַ רציחה אין דער וועלט! גלאַט וועלען ראַבעווען! — ס'האָט ניט געהאָלפען. האָבען זיי זיך מיישב געווען און זענען געלאָפען זיך קלאָגען פאַר'ן גובערנאַטאָר. שיקט דער גובערנאַטאָר רופען דעם רב און פרעגט אים וואָס איז די מעשה. ענטפערט אים דערויף דער רב:

— דער פערשטאָרבענער איז געווען ביים לעבען אַ פּראָצענטניק, און אַזעלכע לייט, שטעהט געשריבען אין אונזערע הייליגע ספרים, וועלען ניט אויפשטעהן קיין תחית־המתים. הייסט עס, אַז מע גיט אים אַוועק אַ פּלאַץ ניט ווי אַן אַנדערען אויף אַ צייט, נאָר אויף אייביגע יאָרען; אודאי קומט צו נעמען טייערער פאַר אַזאַ אייביג פּלאַץ.

מוסרים.

112. תקיפות פון אַ מסור.

אין אַ שטעדטעל איז געווען איינער אַ מסור, וואָס האָט אָנגעטון שרעקליכע צרות די בעלי־בתים מיט זיינע מסירות. באַלד עפּיס איז ביי אים געווען פאַרטיג אַ "דאָנאָסעל" אויף דעם און אויף יענעם, נישט אויס־צוהאַלטען איז געווען פון אים. ועגען זיך מישב עטליכע בעלי־בתים, שיקען רופען דעם בחור און זאָגען אים אַזוי:

— זיי וויסען, אַז מיר האָבען אויף דיר אָנצייווייזען אַזעלכע פער־ברעכענס, וואָס דו קענסט פאַר זיי פערפוילט ווערען אין תפיסה, זענען מיר דיר מתרה, אַז אויב דו וועסט זיך דערוועגען צו געבען נאָך איין מסירה אויף ווער ס'איז, נעמען מיר אין שטעלען־צו, וואו מע דאַרף, דיר אַזאַ בענקעלע, אַז דו וועסט שוין פערזאָגען אויף קינדסקינדער צו זיין אַ מסור.

שטעהט דער מסור, הערט עס אויס און שמייכעלט.

— וואָס שמייכעלסטו? — פרעגען אים די בעלי־בתים — אויף וואָס פאַר אַ תקיפות שלאָגסטו עס?

— זאָלט איר טאַקי וויסען — ענטפערט ער — אַז איך בין מעהר תקיף פון אייך אַלע, ווייל איך ווייס פעסט, אַז קיינער פון אייך וועט ניט וועלען אויף קיין פאַל ווערען אַ מסור...

113. פאַר וואָס זאָל אַ יוד אַזוי הנאה האָבען?

אַ יודישער מסור אין מינסק האָט זיך מיט עפּיס פערזינדיגט און מען האָט אים מכבד געווען מיט היבשע שמיץ ביי דער פאָליציי. נאָכדעם

וואָס מע האָט אים שוין אָפּגעטון זיין רעכט. שטעלט ער זיך אַוועק ביי דער זייט און שמייכעלט.

— וואָס קוועלט איר עס אַזוי? — טוט אים אַ פרעג איינער אַ יוד, וואָס איז דערביי געשטאַנען.

— פערשטעהט איר מיך — ענטפערט דער מסור — מיר טוט דאָך וויילד הנאה, וואָס מ׳האָט גענומען און אָפּגעשמיסען אַ יודען.

— אויב עס טוט אייך אַזוי הנאה — פרעגט אים יענער ווייטער — פאַר וואָס־זשע האָט איר בשעת מעשה אַזוי געשריגען ניט מיט אייער קול?

— דערפאַר טאַקי — מאַכט דער מסור — האָב איך געשריגען, ווייל מיר האָט עס שטאַרק פערדראָסען, פאַר וואָס זאָל אַ יוד האָבען אַזאַ הנאה?

עזות־פנימ׳ער.

114. ״היינט און אַלע טאָג״.

צום באָברויסקער גביר ר׳ ברוך־מרדכי איז איינמאָל געקומען אַ יוד גאַנץ פריה זיך אויסצוטענה׳ן וועגען עפּיס אַ זאַך און גענומען רעדען מיט גרויס עזות. ר׳ ברוך־מרדכי האָט אויף דעם יודען אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און אים געזאָגט אַזוי:

— הערט איר, אַלע מיינע יאָרען פלעגט מיר זיין זעהר קשה די זאַך, ווי קומט עס וואָס ביי אונז איז איינגעפיהרט צו זאָגען אין דאַוונען: ״יהי רצון שתצילנו היום ובכל יום מעזי־פנים״ — וואָס דאַרפען מיר בעטען גאָט ער זאָל מציל פון עזות־פנימ׳ער ״היינט און אַלע טאָג״; אַ יוד פערפעהלט דאָך ניט איין טאָג צו דאַוונען, איז דען ניט גענוג צו בע־טען יעדען טאָג און אויף ״היינט״ אַליין, צו וואָס טויג נאָך צולעגען דער־צו ״אַלע טאָג״? איצט פערשטעה איך שוין דעם רעכטען טעם דערפון: די אַנשי־כנסת־הגדולה האָבען אַרויסגעזעהן מיט רוח־הקודש, אַז עס קען זיך מאַכען אַזאַ עזות־מחוצף־פנים וואָס זאָל גאָר קומען גאַנץ פריה נאָך פאַר׳ן דאַוונען, דערפאַר האָבען זיי איינגעפיהרט מע זאָל אויך זאָגען „און אַלע טאָג״ — בעטען גאָט אויך אויף מאָרגען פאַר טאָג...

115. ווי דער מנהג איז.

אַ יונגערמאַן אַ חצוף פון די נייע וואוילע יונגען איז געקומען צום מלבי״ם און אים אויף ליצנות אַ פרעג געטון:

— רבי, איך האָב אייך צו פרעגען אַ שאלה: ווען איינער געהט אין גאַס און בעגעגענט אַ בעזן הונד איז פאַראַן אַ מיטעל זיך אַנידערצוזעצען,

און פאַר אַ רב ווידער מוז מען זיך אויפשטעלען; ווי־זשע איז דער דין, אַ שטייגער, אַז מע בעגעגענט מיט אַמאָל אַ רב מיט אַ הונד צוזאַמען, וואָס דאַרף מען טון דעמאָלט?

— די דאָזיגע שאלה — ענטפערט דער מלבי״ם — איז טאַקי אַ גאַנץ שווערע, נאָר אין אַזאַ פאַל דאַרף מען שטענדיג קוקען, ווי דער מנהג־העולם איז, ווייסטו וואָס, לאָמיר ביידע צוזאַמען אַרויסגעהן אין גאַס, וועלען מיר זעהן וואָס דער עולם וועט טון.

116. צוויי טייטשען.

אַ רב איז געפאָהרען מיט זיין שמש אין אַ וואָגען, אַנטקעגען זיי זענען געזעסען צוויי געגאָלטע „דייטשען״ און איינער פון זיי האָט ניט אויפגעהערט חוזק צו מאַכען פונ׳ם רבי, רופט זיך אָן דער שמש צום רב:

— רבי, וואָס איז די מעשה וואָס איר שווייגט דעם חצוף און לאָזט אים אַזוי פלאַפלען?

— איר ווייסט דאָך — ענטפערט דער רב — אַז אומעדום וואו ס׳איז פאַראַן ביי רש״ין צוויי טייטשען, מוז שטענדיג זיין איינער פון זיי אַ „דבר־אחר״.

אָפּנאַרערס און ליגנערס.

117. אמת אויף דער וועלט.

איינער האָט געזאָגט:

— אָפּט וועט איר הערען טענה'ן, אַז אויף דער וועלט איז ניטאָ קיין אמת; זאָג איך אייך, אַז דאָס איז בפירוש אַ ליגען. ס'איז גאָרנישט. גלויבט מיר, אַזוי ווי מע מאַכט. אַ בעווייז ווילט איר? אָט טראָגט מיר אַ יודענע אַלע טאָג מילך, קען איך אייך זאָגען אויף געוויס, אַז דאָס איז אמת'ע וואַסער.

118. דעם רמב"ם'ס זייגערעל.

אַ גרויסער ליבהאָבער פון זעלטענע אַלטע זאַכען, איז איינמאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ קרעמעל, וואו עס פערקויפט זיך אַזעלכע אַנטיקוואַרישע זאַכען, און געזאָגט דעם קרעמער, ער זאָל אים ווייזען אויף צו קויפען עפּיס אַלטוואַרג פון די אַנטיקען. דער קרעמער וואַרפט אַן אויג אין אַלע ווינקעלעך, חאַפּט פון ערגעץ אַ ווינקעל אַן אַלט זייגערעל, דערלאַנגט דעם קונה און זאָגט אים:

— זעהט איר, מיין ליבער יוד, האָט איר פאַר אייך אַ זייגערעל פון די גרעסטע חידושים אויף דער וועלט. אַז דער רמב"ם איז געווען אַ בערימטער דאָקטאָר, ווייסט איר געוויס, איז אָט דאָס זיין זייגערעל, אויף וועלכען ער פלעגט קוקען ווען ער האָט געהאַלטען דעם דפק פונ'ם קראַנקען, און געבראַכט האָט עס דער רמב"ם מיט זיך ווען ער איז געקומען צוריק פון אַמעריקאַ.

— וואָס רעדט איר — וואונדערט זיך דער קונה — דער רמב"ם

איז דען געווען אַמאָל אין אַמעריקאַ? ווער האָט דען געוואוסט אין זיינע צייטען אפילו צי ס'איז פאַראַן אַן אַמעריקאַ גאָר אויף דער וועלט!

— הערסטו — מאַכט דער פערקויפער — אָט דאָס איז דאָך דער חידוש, און דערפאַר איז דאָך טאַקי דאָס זייגערעל אַן אַנטיקעל!

119. אַ יודישער טאַטע.

אין אַ קליין שטעדטעל איז געקומען איינער אַ פרעמדער, געזאָגט, ער הייסט אברהם און איז אַ גר, און ער איז אַרומגעגאַנגען און געמאַכט ביים עולם געלד. דערוויל האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער איז פשוט אַ יודישער רמאי, וועלכער האָט זיך געמאַכט אַ פרנסה דערפון, וואָס ער נאַרט־אָפּ דעם עולם, אַז ער איז כלומרשט אַ גר. שיקט אים רופען דער רב און נעמט זיך בעזערען אויף אים וואָס ער איז געקומען אַהער אין שטעדטעל אָפּנאַרען אַ גאַנצען קהל און דערצעהלען מעשיות, אַז ער הייסט אברהם און איז אַ גר.

— רבי — זאָגט יענער — איך האָב נישט אויסגעטראַכט, אברהם הייס איך טאַקי; אַי וואָס, איך קום־אַרויס פון יודען? הויב איך ניט אָן צו פערשטעהן מיט וואָס וואָלט אייך בעסער געווען ווען מיין טאַטע וואָלט געווען אַ גוי, וואָס, אַ שטייגער, קען אייך האַרען, אַז מיין טאַטע איז אויך געווען אַ יוד!

120. אָפּגענאַרט גאַנץ אָדעס.

אַ קליינשטעטלדיגער איז געקומען אַהיים פון דער גרויסער שטאָדט אָדעס צו זיך אין שטעדטעל, בעריהמט ער זיך, אַז ער האָט קינציג אָפּגענאַרט גאַנץ אָדעס.

— ווי אַזוי? — פרעגט אים איינער פון זיינע בעקאַנטע.

— גאָר פשוט — ענטפערט ער — ווען איך בין געקומען קיין אָדעס האָב איך יעדען בעזונדער געזאָגט, אַז רופען רופט מען מיך ניט ברוך, ווי איך הייס, נאָר גאָר זרח — און ביי די אָדעסער איז עס געבליבען רעכט ביז היינטיגען טאָג.

121. גאָר קיין קונץ ניט.

דער בריסקער גאון ר' יוסף־בער, דערצעהלט מען, האָט נישט שטאַרק געהאַלטען פון ר' הירשעל־ליב דעם וואָלאָזשינער ראש־ישיבה. דערנאָך זענען זיי געוואָרען צווישען זיך מחותנים, און ר' יוסף־בער'ס זוהן

האָט גענומען ר׳ הירשעל־ליב׳ס טאָכטער׳ אויף דער חתונה זענען געקומען די גרעסטע רבנים און למדנים פון יענער צייט׳ זיצט מען און מ׳איז זיך מפלפל׳ ווי דער שטייגער׳ אין תורה׳ רופט זיך אָן ר׳ יוסף־בער:

— הערט רבותי! גענוג זיך שוין מפלפל צו זיין׳ ס׳איז דאָך עפּיס אַ חתונה און מע דאַרף משמח זיין התן־כלה׳ ווייסט איר וואָס׳ אויב איר ווילט קען איך אייך בעווייזען אַ קונץ: זאָל אַקאָרשט דער מחותן ר׳ הירשעל־ליב אויף יעדען עק פון טיש אַוועקלעגען אַ זילבערנעם רובל און אינמיטען טיש זאָל מען אַוועקשטעלען אַ גלאָז׳ וועל איך זאָגען אַזעלכע ווערטער און אַלע פיר רובל ווערען זיך בעווייזען אינוועניג אין גלאָז׳ פערשטעהט זיך׳ אַז דאָס געלד וועט דאַמאָלס געהערען צו מיר׳ און כדי קיינער זאָל מיך ניט חושד זיין׳ אַז איך מאַך דאָ׳ חלילה׳ עפּיס אַ פאַלש׳ שטעל איך זיך אַוועק ווייט פונ׳ם טיש׳

וויבאַלד דער מחותן האָט אַוועקגעלעגט די פיר זילבערנע רובל אין די פיר עקען טיש׳ טוט ר׳ יוסף־בער אַ זאָג צום חתן:

— חיים׳קע! נעם אַקאָרשט די רובלען און לעג זיי אַריין אין גלאָז.

און חיים׳קע האָט אַזוי געטון׳ דאָ האָט זיך אויפגעהויבען ר׳ הירשעל ליב מיט אַ געשריי:

— ניין׳ דאָס איז ניט קיין קונץ׳ מחותן׳ דאָס הייסט גאָר פשוט אויסגענאַרט׳

בלייבט מע זאָל האָבען אַ דין־תורה׳ רבנים זוכען האָט מען ניט בעדאַרפט: ס׳איז געווען אויפ׳ן אָרט׳ ברוך־השם׳ איבער־גענוג׳ האָבען זיך די רבנים אַנידערגעזעצט צום דין־תורה׳ לאַנג־לאַנג האָט מען זיך גע־אַמפּערט; ביידע צדדים האָבען אַרויסגעוויזען גרויס בקיאות און שאַרפע חריפות׳ צום סוף האָבען די רבנים אַרויסגעטראָגען דעם פסק־דין׳ אַז דאָס געלד קומט ר׳ יוסף־בער׳ן׳ ווייל אַזוי אויסנאַרען הייסט אויך אַ קונץ׳

ווען ר׳ יוסף־בער האָט שוין געהאַט די פיר זילבערנע רובל ביי זיך אין קעשענע׳ רופט ער זיך אָן צו ר׳ הירשעל־לייב׳ן:

— איר ווייסט׳ מחותן׳ איר האָט געהאַט איין טענה אַ גוטע׳ מיט וועלכער איר וואָלט געקאָנט גאָר אינגאַנצען מבטל מאַכען דעם פסק־דין׳

— דהיינו?

— איר וואָלט געקענט טענה׳ן׳ אַז ביי אייך אויסנאַרען איז גאָר נישט קיין קונץ׳

122. אַלץ אמת אויסער אייניגע קליינינקייטען.

יודען זיצען אין אייזענבאַהן־וואַגאָן און פיהרען צווישען זיך אַ

שמועס. ווי דער שטייגער, נעמט איינער דערצעהלען חידושים פון דער גרויסער שטאָדט אָדעס:

—שטעלט זיך פאָר וואָס אין אַזאַ אָדעס קען מען זיך פערגינען: מ׳האָט אויסגעשריבען אַ חזן, אמת, שוין איינמאָל אַ חזן, אַ צאַצקע, אַ חזן פון חזן־לאַנד, אָדער ווי זיי רופען אים דאָרט „קאַנטער״ — וויפיל אָבער, אַ שטייגער, מיינט איר, פערגינען זיך אָדעסער שאַרלאַטאַנעס צו צאָהלען דעם נייעם „קאַנטער״ שכירות אַ יאָר? ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי צוואַנציג טויזענד קארבען, אַ חוץ זייטיגע הכנסות און גלאַט מתנות...

— צוואַנציג טויזענד! מאַכט איינער — דאָס איז שוין אַ שטיקעל גוזמא.

— און איך זאָג אייך — רופט זיך אָן אַן אַנדערער — אַז ס׳איז גאָרנישט קיין ברעקעל גוזמא. מ׳ר איז אויך בעקאַנט די מעשה, נאָר גע־ווען איז זי אַביסעל אַנדערש: ניט אין אָדעס איז דאָס פאָרגעקומען נאָר אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און ניט מיט אַ חזן נאָר מיט אַ סוחר פון געהילץ און ניט ער האָט פערדינט צוואַנציג טויזענד נאָר אָנגעוואוירען דרייסיג טויזענד. ווייטער, אויסער די אייניגע קלייניגקייטען, איז אַלץ אמת.

123. מיר האָבען אַ גרויסען גאָט!

— דו ווייסט, גוטער ברודער, איך בעדאַרף בענשען „גומל״.

— וואָס איז? וואָס פאַר אַ נס האָט זיך מיט דיר געטראָפען?

— אַ נס צו אַ נס איז ניט גלייך. שטעל זיך פאָר מיין לאַגע: אויפ׳ן וועג קומט מיר אויס דורכצופאָהרען אַרום האַלבע נאַכט אַ געדעכטען וואַלד. ס׳איז שטאָק־פינסטער, קיין לעבעדיגען נפש זעהט מען נישט, נאָר וואָס הערט זיך גאָר פון נאָהענט אַ שרעקליך ברומען פון אַלערליי חיות רעות. פלוצים וואַקסט־אויס אַקעגען מיר, גלייך ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, צוועלף גזלנים, אונגעהייערע ריזען, מיט אָנגעלאָדענע ביקסען אָנ־געשטעלטע אַלע אויף מיר—אַט־אַט שיסען זיי אויס און ס׳איז אַן עק פון מיר.

— ווי אַזוי־זשע פאָרט ביזטו ניצל געוואָרען?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגען? מיר האָבען דאָך אַ גרויסען גאָט, טוט גאָט איין קלייניגקייט: לאָזט זיך אויס, אַז די גאַנצע מעשה, פון אָנהויב ביז סוף, איז אַ ליגען.

124. אַ טאָקער.

אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר פון די געוויסע ליגנערס האָט זיך געקליבען צו פאָהרען אויף אַ שטיקעל צייט קיין מאָסקוואַ, און זיך גענומען נאָכפרעגען

ביי געניטע לייט, וואו מע געפונט דאָרט אַ זיכערע אכסניה, וואָס אַ יוד ווי ער זאָל קענען איבערנעכטיגען עטליכע נעכט אָן ציטערניש פאַר פאָליציי. רופט זיך אָן צו אים זיינער אַ גוטער ברודער:

— וואָס טויג דיר אַזעלכע קונצען? אַ יוד ווי דו האָט אין מאָסקווא אין אַלע צייטען וואוינרעכט גאָר אויף אַ כשר'ן אופן: דו האָסט דאָך אַ מלאכה אין די הענד.

— וואָס פאַר אַ מלאכה?

— וואָס פרעגסטו? דו ביזט דאָך אַ טאָקער אַ קינצלער, און האַלסט אין איין טאָקען ליגענס אויף וואָס די וועלט שטעהט...

125. קען אַריינפאַלען.

איינעם אַ געוויסען ליגנער פון אַ קליין־שטעדטעל נעבען ווילנאָ האָט מען אַמאָל געפרעגט:

— וואָס דאַרפסטו פאָהרען קיין ווילנאָ און דערנאָך דערצעהלען פון דאָרט אויסגעטראַכטע ליגענס; אַ מעהר קענסטו זיך רוהיג זיצען אין דער היים און דאָ אויפ'ן אָרט אויסטראַכטען די אייגענע ליגענס פון ווילנאָ?

— ווען איך פאָהר נישט — האָט ער געענטפערט — קען זיך מאַכען איך זאָל אַמאָל אַריינפאַלען און גראָד דערצעהלען אַן אמת.

געשעפטען און שטעלעס.

126. ווי אין „ספירה".

— ווי געהען דיָ געשעפטען? — פרעגט איינער אַ נאָהענטען בעַ־קאַנטען ביים בעגעגענען זיך.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגען? — ענטפערט יענער — דיָ געשעפטען, גיטער ברודער, געהען ווי אין „ספירה".

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז וואָס מעהר מע צעהלט ווערט אַלץ וועניגער, און יענעם טאָר מען ניט אויסזאָגען וואו מע האַלט אין דער „ספירה"...

127. אַ גוט געשעפט.

איינער קלאָגט זיך פאַר זײנעם אַ גוטען פריינד, אַ ווערטעל־זאָגער, אַז די אַלטע געשעפטען זיינע געהען אים שלים־שלימזל, און פרעגט ביי אים אַן עצה, וואו נעמט מען עפּיס אַ ניַי געשעפט, נאָר אַ גוטס, וואָס גוט הייסט.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען — מאַכט יענער — פאָלג מיך און געה אין דער ערד, ווייל דאָרטען ליגען היינטיגע צייטען דיָ בעסטע געשעפטען.

128. אַ געשעפט אויף כמה יאָרען.

— איר קלאָגט זיך — זאָגט איין יוד צום אַנדערען, אַז איר האָט ניט קיין געשעפטען, האָב איך פאַר אייך אַ געשעפט אויף גאָר אַ היבשע צייט: אַנו פּריוווט מיר אַנטלייהען אַ פאַר הונדערטער, וועט איר זעהן, אַז

איר וועֶט האָבעֶן מיט גאָטס הילף אַ געֶשעֶפט מיט מיר אויף כּמה וכמה יאָרעֶן.

129. אַ פּרנסה אויף קינדעֶר און קינדס־קינדער.

אַ יונגעֶרמאַן פון די „זיידעֶנעֶ איידעֶמלעֶך" האָט בּעֶדאַרפט אַראָפּ פון קעֶסט, האָט עֶר געֶנומעֶן האַנדלעֶן און בּאַלד, ווי דעֶר שטייגעֶר, אָנגעֶוואוירעֶן דעֶם גאַנצעֶן נדן. קומט עֶר צו איינעֶם פון די היינטוועֶלטיגעֶ סוחרים צו בּעֶטעֶן פאַר זיך עֶפּיס אַ פּאַס׳געֶ שטעֶלעֶ. רופט זיך אָן דעֶר סוחר צום זיידעֶנעֶם יונגעֶרמאַן:

— יאָ, ס׳איז פאַראַן אַ שטעֶלעֶ אַ בּכבוד׳יגעֶ. גלייך ווי אָנגעֶמאָסטעֶן פאַר אייך: איר ווייסט דאָך, אַז דריי טעֶג פאַר משיח׳ס קומעֶן וועֶט אליהו הנביא אַרויף אויפ׳ן בּאַרג מוריה און בּלאָזעֶן מיט׳ן גרויסעֶן שופר. וואָס־זשעֶ דאַרפט איר טון? ניט מעֶהר ווי שטעֶהן און וואַרטעֶן בּיי יעֶנעֶם בּאַרג, און בּאַלד ווי איר וועֶט נור דעֶרזעֶהן פון דערווייטעֶנס אליהו׳ן געֶהן מיט׳ן גרויסעֶן שופר, זאָלט איר לויפעֶן געֶשווינד אָנזאָגעֶן די בּשורה בּיי אונז אין שטעֶדטעֶל.

גוט — זאָגט דעֶר יונגעֶרמאַן — וויפיל וועֶל איך האָבעֶן דעֶרפאַר געֶהאַלט?

— צעֶהן גולדעֶן אַ וואָך.

— קעֶן מעֶן דעֶן לעֶבעֶן און מפרנס זיין ווייב און קינד מיט אַזאַ געֶהאַלט?

— אמת, יונגעֶרמאַן — מאַכט דעֶר סוחר — גערעֶכט זעֶנט איר, דאָס געֶהאַלט איז קליינליך, דעֶרפאַר אָבעֶר קעֶנט איר זיין בּעֶוואָרעֶנט מיט אַ שטעֶנדיגעֶר פּרנסה אויף קינדעֶר און קינדס־ קינדעֶר.

130. ניט געֶפּריוווט.

איינמאָל אין איינעם פון די יאַריד־טעֶג האָט מעֶן אין בּית־המדרש פאַרנאַכט־צייט אָנגעֶקלאַפּט אין פעֶנסטעֶר אַריינצורופעֶן אַ יונגעֶנמאַן, וואָס איז דורכגעֶגאַנגעֶן. דער יונגעֶרמאַן איז אַריינגעֶגאַנגעֶן און געֶפרעֶגט, וואָס מעֶ רופט אים.

— אויף וואָס רופט מעֶן אין אַ בּית־המדרש? — עֶנטפעֶרט מעֶן אים — ס׳איז שוין צייט מנחה צו דאַוונעֶן, פעֶהלט איינעֶר צום מנין.

— ניין — זאָגט עֶר — איך קעֶן ניט פעֶרבלייבּעֶן דאַוונעֶן מנחה, ווייל איך האָבּ שוין אויסגעֶפּריוווט, אַז שטעֶנדיג ווען איך דאַווען ניט קיין מנחה האָבּ איך אַ גוטעֶן יאַריד.

— נו און אַז איר דאַווענט יאָ?

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב עס קיינמאָל נאָך ניט געפּריוועט.

131. פון יענעמס שווייס.

יודען פאָהרען אין אייזענבאַהן־וואַגאָן און ווי געוועהנליך, שמועסט מען וועגען יודישע געשעפטען און פּרנסות. רופט זיך אָן איין יוד:

— מע זאָגט, אַז אַזאַ יוד ווי איך לעבט פון לופט; גלויבט עס נישט, ניט פון לופט: נאָר פון שווייס לעב איך, טאַקי ווי אין פּסוק שטעהט: „בזעת אפך"... אוי ברודער, בעגיסט מען זיך מיט טייכען שווייס איידער מע פערדינט דאָס שטיקעל ברויט.

און איך — זאָגט אַ צווייטער יוד — לעב אויך פון שווייס, אָבער ניט פון אייגענעם נאָר פון פרעמדען שווייס...

— וואָס הייסט — פרעגט מען אים — איר זענט אפשר אַ פאַבריקאַנט, און ביי אייך אויף דער פאַבריק אַרבייטען מיט שווייס אַ סך אַרבייטער?

— חלילה, ווי קום איך צו זיין אַ פאַבריקאַנט? איך בין פשוט אַ בעדער.

132. איבערנעכטיגען.

צו איינעם אַ גביר איז געקומען זיינער אַן אָרימער קרוב בעטען פאַר זיך עפּיס וואָס־עס־איז אַ שטעלע. דער גביר לעגט אים פאָר פערשידענע שטעלעס ביי זיך און דער קרוב זאָגט זיך אַלץ אָפּ: דאָס קען ער ניט, יענס שטעהט אים ניט אָן, צי ס'איז אים גלאַט שווער.

— אדרבא — מאַכט אים דער גביר — זאָגט איר אַליין וואָס פאַר אַ שטעלע ווילט איר ביי מיר בעקומען?

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט דער אָרימער קרוב — עס מאַכט זיך אַמאָל, מע פאָהרט אַלע אַוועק פון אַ שטוב, אויף אַ חתונה, אַ שטייגער, דאַרף מען דעמאָלט האָבען איינער זאָל בלייבען אין שטוב נעכטיגען, קען איך, פערשטעהט איר מיך, פערנעמען ביי אייך אויף שטענדיג די שטעלע פון אַ איבערנעכטיגער.

133. אַ גוטער בעל־יועץ.

צו אַ סוחר אַ גביר מיט אַ סך גרויסע געשעפטען איז געקומען איינער פון זיין ווייבס קרובים בעטען עפּיס אַ שטעלע.

— וואָס פאַר אַ שטעלע — פרעגט אים דער גביר — וואָלט איר געקענט פערנעמען? אַ בוך קענט איר פיהרען?

— ניין, דאָס קען איך נישט — ענטפערט יענער.

— אפשר קענט איר זיין אַ קאָרעספאָנדענט, דאָס הייסט בריף שרייבען?

— ניין, דאָס אויך נישט.

דער גביר רעכענט־אויס נאָך אַנדערע שטעלעס, און דער קרוב ענט־פערט אַלץ ניין און ניין.

— זאָגט־זשע מיר, מיין ליבער יוד — מאַכט דער גביר — וואָס פאָרט קענט איר יאָ?

דער קרוב פערטראַכט זיך אַביסעל און זאָגט דערנאָך מיט אַ געהויי־בענער שטימע:

— אָט וואָס: גאָט האָט אייך געבענשט און איר האָט, קיין עין־הרע, אַזעלכע גרויסע עסקים, איז חלעבען פאַר אייך שטאַרק נייטיג צו האָבען שטענדיג ביי דער זייט איינעם אַ מענשען אַזוינעם, מיט וועלכען מע קען זיך מישב זיין און עצה׳ן זיך ווען מע בעדאַרף. און דאָס, הערט איר, מעג איך זיך אַליין לויבען, אַז ווי איר קוקט מיך אָן בין איך ברוך השם, אַ גוטער בעל־יועץ.

— אויב אַזוי — רופט זיך אָן דער גביר — וויבאַלד איר זענט יאָ אַזאַ גוטער בעל־יועץ, וואָלט איך אייך געבעטען איר זאָלט מיר שוין תיכף טאַקי געבען די ערשטע עצה: ווי אַזוי ווערט מען אייערער פטור?

134. שענע געשעפטען!

אַ רב פון אַ קליין שטעדטעל איז געקומען קיין ווארשאָ צום דאָקטאָר און פערבליבען דאָרט אויף עטליכע טעג. שבת בייטאָג לאָזט ער זיך דורכ־געהן אַביסעל שפּאַצירען איבער די וואַרשאָווער גאַסען. געהט ער פער־ביי אַ היבשע קראָם, שטעלט ער זיך אָפּ און בעטראַכט זי. רופט זיך אָן צו אים דער קרעמער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר:

— רב קרוב, קומט־אַריין אין קראָם, דאָ האָט איר די טייערסטע סחורה בחצי חנם, פאַר האַלב געלד בעקומט איר דעם בעסטען אַנצוג.

דער רב וואונדערט זיך און טוט אַ זאָג דעם קרעמער:

— איר זענט אַ יוד, ווי־זשע שעמט איר זיך נישט צו פיהרען בפרהסיא אים שבת געשעפטען?

— געשעפטען רופט איר עס אָן — מאַכט דער קרעמער — אַז איך

זאָג איך בנאמנות איך גיב־אַוועק אַ גאַנצען אַנצוג פאַר האַלב געלד? שענע געשעפטען!

135. אַ שכחה־קרעמעל.

איינער דערצעהלט דעם אַנדערען, אַז די לעצטע צייט האָט ער זיך געמאַכט אַ שכחה־קרעמעל. און אויף יענעמס שאלה, וואָס דאָס הייסט, ערקלערט ער:

— דאָס הייסט ווייט פון מאַרק, און אין אַ פאַל פון שכחה, ווען אַ יודענע, מאַכט זיך, פערגעסט עפּיס איינצוקויפען אין מאַרק, קומט זי צו מיר אין קרעמעל דערקויפען וואָס עס פעהלט איר עפּיס דרויב־זאַכען.

— האָט איר פרנסה פון אייער שכחה־קרעמעל?

— אַ שענע פרנסה, אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען! מיינע קונים, וואָס קומען צו מיר אין קרעמעל, האָבען זיך ליב צו דינגען אין טאָג אַריין און איך מוז פערקויפען מיין סחורה ביליג, ביליגער אָפּט־מאָל ווי מיר אַליין קאָסט. היינט דאַרפט איר וויסען, אַז די יודענע וואָס פערגעסט איינצוקויפען אין מאַרק, פערגעסט אויך גאַנץ אָפט מיטצונעמען געלד, און ווען זי נעמט ביי מיר אין קרעמעל אָן געלד, פערגעסט זיי דערנאָך אָפּצוגעבען.

— צו וואָס־זשע, זאָגט מיר, טויג אייך אינגאַנצען האַלטען דאָס קרעמעל?

— וואָס רעדט איר, זאָלט איר מיר געזונד זיין! פון וואַנען דען וועל איך לעבען?

136. ניט געלעבט, ניט געשטאָרבען.

אַ קרעמער בעגעגענט זיינעם אַ גוטען פריינד און קלאָגט זיך פאַר אים אויף די שלעכטע צייטען.

— איך פערשטעה ניט וואָס דאָס איז — זאָגט ער — איך האָב מיין אייגענס ניט איין קראָם נאָר גאַנצע צוויי: פון ברויט און ליינוואַנד, און פוןביידע פערדינט זיך ניט קיין גראָשען אויף פרנסה. פערשטעה איך נישט וואָס דאָס הייסט: ממה־נפשך: לעבט די וועלט — דאַרף מען דאָך עסען ברויט, שטאַרבט מען — דאַרף מען דאָך ליינוואַנד אויף תכריכים!

— וואָס פערשטעהסטו דאָ נישט? — ענטפערט יענער — די וועלט, אייגענטליך, ניט זי לעבט, ניט זי שטאַרבט — זי מאַטערט זיך...

137. אינמיטען טוט מען אַ שטאַרב.

איינער אַ אונטערנעמער (פּאָדריאַטשיק), גאָר פון די גרויסע, רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר זיינעם אַ גוטען פריינד:

— די וועלט לעבט אין טעות און מיינט, אַז וויבאַלד אַ אונטער־נעמער פלאַמט און פלאַקערט, מאַכט ער געוויס די גלענצענסטע געשעפטען, און פון יעדער אונטערנעמונג שאַרט ער אָן גאָלד מיט לאָפּעטעס. עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, ס'איז נישטאָ, זאָג איך אייך, איין אונטערנעמונג וואָס מע זאָל צו דעם ניט דערלעגען, פון פערדינען איז אָפּגערעדט.

— וואו זשע, זאָגט מיר — פרעגט יענער — נעמט איר יעדעס מאָל צו דערלעגען?

— איך וועל אייך אויסזאָגען דעם סוד: אַלע מאָל נעם איך אָן וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערע אונטערנעמונג, עס זאָל זיין דערוויייל מיט וואָס צו פערדעקען די פריהערדיגע און אַביסעל פּאַלט־אַראָפּ אויף חיך־שעה אויך.

— אָבער עס מוז דאָך קומען אַמאָל צו אַ סוף?

— וואָס פאַר אַ סוף? דערווייל העלפט גאָט און אינמיטען טוט מען אַ שטאַרב.

סוחרים, באַנקראָטען.

138. וואָס די ערד דעקט צו.

— האָט איר שוין דאָס וועקסעל אונטערגעשריבען?
— יאָ, איך זוך נור אַביסעל זאַמד אויף צו בעשיטען.
— וואָס טויג אייך זאַמד? אָט האָט איר דאָך לעש־פּאַפּיר.
— ניין, איך האָב ליב אַ וועקסעל מיט זאַמד צו בעשיטען.
— פאַרוואָס עפּיס בעסער מיט זאַמד?
— פערשטעהט איר, די וועלט זאָגט: וואָס די ערד דעקט צו פאַר־געסט מען...

139. נו־נו.

איינעם אַ סוחר איז געקומען אַ היבשער חוב פון אַ צווייטען סוחר אין אַן אַנדערער שטאָדט, וויפיל ער האָט שוין געשריבען בריף און דער־מאָהנט מיט'ן האַרבען וואָרט וועגען דעם חוב, האָט אַלץ ניט געהאָלפען: יענער האָט זיך אַלץ אָפּגעבעטען אַלע מאָל אויף אַ נייעם טערמין, געקומען פאַר'ן לעצטען טערמין הייסט דער סוחר זיינעם אַ מענשען אין קאָנטאָר אָנשרייבען צו יענעם סוחר אַ דעפּעש, נאָר עס זאָל זיין וואָס קורצער, וויל יעדעס וואָרט קאָסט געלד. דער מענש האָט אָנגעשריבען גאָר אַ קורצע דעפּעש, דער סוחר האָט אָבער געפונען, אַז דאָס איז אויך צו לאַנג, און גלאַט שרייבען איבעריגע ווערטער אין אַ דעפּעש איז אַן עבירה פאַר גאָט, דאָס הייסט נעמען און פשוט ווארפען געלד אין בלאָטע.

— דאַכט זיך, אז מעהר קען מען ניט פערקורצען — מאַכט דער מענש.

— אָט וועל איך אייך ווייזען ווי מע שרייבט קורץ און שאַרף — זאָגט דער סוחר, נעמט די פען און שרייבט איין וואָרט: „נו".

מ'האָט אָוועקגעשיקט די דאָזיגע דעפּעש, און אויף מאָרגען קומט־אָן פון'ם בעל־חוב אַ טעלעגראַפישער ענטפער: „נו־נו".

140. אַ גרויסער בעל חוב.

אַן אָרים יונגעל איז אַריינגעקומען אין אַ גרויסער קראָם עפּיס צו קויפען. בלייבט ער שטעהן פאַרגאַפט און בעטראַכט די קראָם פון אַלע זייטען.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פערקוקט, יונגעלע, — פרעגט אים דער קרעמער, איינער פון די גרויסע סוחרים אין שטאָדט.

— איך קוק נור און קלער ביי זיך, — ענטפערט דאָס ציקאַווע יונגעל — ווען די מאַמע מיינע, וואָס האַלט אַ קליין קרעמעל פאַר עטליכע רובל, איז זי אויף דעם שולדיג גאַנצע צעהן קאַרבען, — היינט אַז ביי אייך אין קראָם געפינט זיך אַזוי פיל סחורה, — ווי אַזוי מוזט איר שוין זיין אַ גרויסער בעל־חוב!

141. פרעמדע האָר.

אַ סוחר, וואָס די געשעפטען זיינע האָבען געהאַלטען גאַנץ שמאָל, איז אַמאָל אין אַ פריהמאָרגען אויפגעשטאַנען פון בעט מיט אַ קאָפּ פול מיט פעדערען און אַזוי איז ער אַרויס פערטראָגענערהייד אין גאַס, בעגעגענט אים זיינער אַ גוטער פריינד און פרעגט אים פערוואונדערט: וואָס איז די מעשה, וואָס פאַר'ן אַרויסגעהן אין גאַס האָט ער פערגעסען צו פאַרקעמען אַביסעל די האָר?

— פערשטעהסטו מיך, גוטער ברודער — ענטפערט דער סוחר מיט אַ ביטערען שמייכעל — דיר מעג איך דאָך זאָגען, דו ווייסט קיינעם ניט געהן דערצעהלען: איך בין די לעצטע צייט, ניט פאַר דיר געזאָגט, שוין אַזוי פערבאָדען אין חובות איבער'ן קאָפּ, אַז ממש די האָר זענען ניט מיינע. היינט פרעג איך דיך, אַקעגען וואָס זאָל איך גלאַט נעמען און קעמען פרעמדע האָר?

142. פערעכענט פאַר אַ גביר.

ביי איינעם אַ סוחר האָט זיך דאָס רעדעל, ווי עס מאַכט זיך, אינגאַנצען איבערגעדרעהט און ער איז געוואָרען אַ שטאַרקער יורד; די

שטאָדט־לייט אָבער האָבען פון קיין זאַך ניט געוואוסט און אים אַלץ געהאַלטען פאַר אַ גביר ווי פריהער און ניט אויפגעהערט צו אים צו קומען נאָך אַ „שענע נדבה״. האָט ער זיך אויסגערעדט אַמאָל דאָס האַרץ פאַר זיינעם אַ גוטען פריינד:

— הערסטו, גוטער ברודער, ס'איז פאַראַן אַ יודישע ברכה, וואָס איז אַמאָל ערגער פון אַ קללה. אָט איז, למשל, איצט אין מיר מקוים געוואָרען אַזאַ מין ברכה, וואָס יצחק האָט געבענשט יעקב'ן: „הוה גביר לאחיך״ — זיי אַ גביר ביי דיינע ברידער, דאָס הייסט: ביי אַלעמען וועסטו זיין פעררעכענט פאַר אַ גביר און מע וועט דיך דערפאַר ניט לאָזען צורוה און פערביטערען וועט מען דיר דאָס לעבען.

143. „הנני העני״!

איינער האָט דערצעהלט מיט גרויס התפעלות פון אַ חזן מיט אַ זעלטענעם קול, וואָס אַז ער פלעגט געבען ימים נוראים אַ זאָג „הנני העני״, פלעגען אַלע אין שוהל פערציטערט ווערען. שטעהט דערביי אַ יוד אַ סוחר וואָס האָט געפיהרט מסחרים מיט אַ סך שטעדט, רופט ער זיך אָן:

— איך בין ניט קיין חזן און פערמאָג ניט קיין שטאַרקען קול, פון דעסטוועגען קען איך אייך פערזיכערען אויף געוויס, אַז ווי באַלד איך וועל, אם־ירצה־השם, נאָך ימים־טובים אַ זאָג טון „הנני העני״ וועט מען אין אַ סך שטעדט ווערען שטאַרק פערציטערט.

144. לאָז מען שוין ווייטער פויקען.

אין פריהערדיגע צייטען איז געווען איינגעפיהרט אין אייניגע שטעדט, אַז עס האט זיך געמאַכט איינער האָט אָנגעזעצט, פלעגט מען עס אין זיין גאַס אויספויקען. איינמאָל האָט אין אַ שטעדטעל איינער, וואָס איז שוין געווען גאָר נאָהענט צו באַנקראָטירען, דערהערט אין זיין גאַס פויקען, טראַכט ער זיך, אַז דאָס מיינט מען אים, ווערט ער אָבער געוואויר אַז מיינען מיט'ן פויקען דאָס מאָל מיינט מען גאָר דעם שכן זיינעם, רופט ער זיך אָן:

— הערט איר וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַז מע האַלט ביי פויקען לאָז מען שוין ווייטער פויקען, טאַקי צוליב מיר אויך.

145. צו אַ גרויסער אָטשערעדי.

ביי איינעם אַ גביר, וואָס האָט געדרעהט אַ וועלט, האָט זיך דאָס רעדעל איבערגעדרעהט און ער האָט אָנגעזעצט. קומט איינער צו אים מאַהנען אַ גמילות־חסד.

— מילא — טענה׳ט יענער — איר האָט זיך געשטעלט און צאָהלט ניט קיין וועקסעל· נאָר אַ גמילות־חסדי·

— און אַז אַ גמילות־חסד וואָס איז — זאָגט דער גביר — דאָס איז קיין געלד?

— וואָס טויג מיר אייערע גלייכווערטלעך? — רופט זיך אָן יענער— מיר ברענט עס און בראָט און איר ווערטעלט זיך גאָר· שעמען מעגט איר זיך!

— ווייסט איר גאָר וואָס איך וועל אייך זאָגען — מאַכט דער גביר— קושט מיר אין פּופּיק!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ דיבורים אַזעלכע — צעשרייעט זיך יענער אויף אַ קול — אַ לייטישער מענש· חלעבען· בעצאָהלט מיר שען פאַר מיין טובה!

— הערט איר — זאָגט דער גביר קאַלטבלוטיג — רעדט בעסער געלאַסען· איך האָב בטבע פּיינט· אַז איינער נעמט און שרייעט· וואָס־זשע· עס לוינט אייך ניט אין פּופּיק· איר ווילט דוקא פון הינטען? זעהט איר· איך וואָלט אייך ניט געעצה׳ט: דאָרטען· פערשטעהט איר· איז צו אַ גרויסער אָטשערעד!

146· גערשוויגען·

צו אַ גביר· וואָס האָט באַנקראָטירט· איז געקומען איינער מאָהנען אַ גמילות־חסדי· ער רעדט איבער אים און טענה׳ט מיט גוטען און מיט בעזען — און דער גביר שווייגט· ענטפערט ניט קיין איין וואָרט· גלייך ווי ניט אים מיינט מען עס·

— וואָס שוויגט איר? — שרייט שוין דער מאָהנער שטאַרק אויפגעבראַכט — וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג פון אַ מענשען? יענער ווערט שונאי ציון צעזעצט רעדענדיג און ער שווייגט! לאָמיך פון אייך הערען עפיס אַ וואָרט· חאָטש „קוש מיך..."

— ניין — מאַכט דער אָנזעצער געלאַסען — דעם דאָזיגען פסוק דאַרפט איר וויסען· זאָג איך ניט יעדען· נאָר אַזעלכען וואָס האָט אויף מיר אַ וועקסעל·

147· גענוג דעם קאָפּ געדרעהט!

איינער אַ סוחר האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען· ווי דער שטייגער איז· האָט ער אָן גרויסע הלוואות אין די בענק ניט געקענט אויסקומען

און אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען: געקומען דער טערמין צו דעקען אַ וועקסעל אין איין באַנק׳ למשל׳ אין אַזיאַטישער׳ איז כדי צו בעצאָהלען דאָרט אין דער צייט פלעגט ער נעמען אין קאָמערץ־באַנק׳ און דערנאָך ווען ער האָט באַדאַרפט איינצאָהלען אין קאָמערץ־באַנק פלעגט ער נעמען ווידער אין אַזיאַטישער׳ דריי יאָר דורכאַנאַנד האָט ער זיך אַזוי געדרעהט דעם קאָפּ ביז ס׳איז אים מיאוס געוואָרען די גאַנצע מעשה און ער האָט זיך מיַשב געווען און גאָר אויפגעהערט צו צאהלען׳ בעגעגענט אים זיינער אַ בעקאַנטער פון דער אַזיאַטישער באַנק און פרעגט אים: ווי קומט עס׳ וואָס ער האָט נאָך ניט געדעקט דאָס לעצטע וועקסעל׳

— איך פערשטעה ניט — מאַכט ער — וואו שטעהט עס געשריבען אַז איך דאַרף לויפען אין קאָמערץ־באַנק צו קריגען דאָרט געלד אויף צו בעצאָהלען דעם חוב אין אַזיאַטישער׳ און דערנאָך פערקעהרט? קראַנק׳ זענען אייערע בענק אַליין אויסצוצאָהלען איינע דער צווייטער? גענוג האָב איך זיך שוין דעם קאָפּ געדרעהט!

148. די סדרה׳

— וואָס פאַר אַ סדרה געהט? — פרעגט מען אַ סוחר׳ וואָס האָט זיך פערדרעהט אין זייגע געשעפטען׳

— גלויבט מיר — ענטפערט ער׳ — איך ווייס אייך ניט וואָס צו זאָגען׳ ווייל אייגענטליך קען ביי מיר געהן מיט אַמאָל אַ סך סדרות: דאָס לעבען׳ אַ שטייגער׳ לערנט מיט מיר די סדרה ״כי תצא למלחמה״ דאָס ווייב ״תולדות״ דאָס געלד—״וילך״ די געשעפטען—״נצבים״ די וועקסלען—״ויגש״ און אָט־אָט האַלט איך שוין ביי ״וישב״...

149. אויף עפּיס געניסען׳

איינעם אַ גרויסען סוחר האָט געפרעגט זיינער אַ גוטער בעקאַנטער:

— ווי קומט עס וואָס איר האָט גענומען און אויסגעגעבען אייערע איינציגע טאָכטער פאַר אייערען קאַסירער׳ אויף וועלכען איר האָט מיר אַליין געזאָגט׳ אַז שטאַרק טרויען קען מען אים נישט?

— דערפאַר טאַקי האָב איך עס געטון — ענטפערט דער סוחר׳ — ווייל ביי מיר טוט זיך אַלץ מיט חשבון׳ האָב איך זיך בערעכענט׳ אַז טאָמער מאַכט זיך׳ דער שענער בחור טוט מיר אָפּ אַ שפּיצעל און אַנטלויפט מיט מיין געלד׳ זאָל האָטש דעמאָלט מיין טאָכטער אויף עפּיס געניסען׳

150. אָנגעהויבען אויסצוצאָהלען.

— איך האָב געהערט, אַז אייער קאַסירער איז אַנטלאָפען און האָט פערנומען מיט זיך די קאַסע מיט דער טאָכטער אייערער, איז עס אמת?

— אמת איז עס, נאָר ווי עס ווייזט־אויס האָט דער פיינער בחור שוין חרטה און וויל תשובה טון. אַ סימן, ער האָט מיר ביסליכווייז אָנגעהויבען אויסצוצאָהלען.

— אַזוי, ער האָט אייך אָפּגעשיקט אַביסעל געלד?

— דאָס נאָך נישט, דערוויל האָט ער מיר נור אָפּגעשיקט די טאָכטער מיינע.

151. קוויט!

צוויי יודען סוחרים זענען געפאָהרען מיט געלד איינצוהאַנדלען סחורה אויף אַ יאַריד. איז זיי אויסגעקומען דורכצופאָהרען דורך אַ וואַלד, און גזלנים זענען זיי דאָרט בעפאַלען. די סוחרים האָבען געזעהן, אַז זיי שפּילען דאָ מיט'ן לעבען, האָבען זיי אַרויסגענומען דאָס געלד, יעדער וויפיל ער האָט ביי זיך געהאַט, אָפּצוגעבען די גזלנים, כדי צו ראַטעווען דעם נפש. פּלוצים טוט זיך איינער אַ חאַפּ און גיט אַ זאָג דעם אַנדערען:

— איך האָב גאָר פערגעסען, אַז איך בין אייך שולדיג אַ גאַנצען טויזענדער, אָט נאַט אייך אָפּ דעם טויזענדער, וואָס אייך קומט, און מיר זענען קוויט!

בעלי־מלאכות.

152. צוויי דריטעל מלאכה.

איינער האָט אַוועקגעגעבען זיין קינד פאַר אַ לעהרעניונגעל צו אַ שניידער אויף דריי יאָר מיט דעם תנאי, אַז אַלע יאָר זאָל ער צאָהלען דעם שניידער פאַר דער לעהרע צי הונדערט רובל. נאָכדעם ווי ס'איז אַוועקגעגאַנגען צוויי יאָר און דער שניידער האָט נאָך ניט געוויזען דעם יונגעל אַפילו ווי צו נעמען אַ נאָדעל אין דער האַנד, קומט דער פאָטער און מאַכט אַ געשריי: סטייטש, דער שניידער האָט אים אָפּגענאַרט! רופט זיך אָן דער שניידער:

— וואָס ליאַרעמט איר אומזיסט־אומנישט? איך האָב מיין וואָרט געהאַלטען, פון די דריי יאָר איז אַריבער ערשט צוויי און אייער קינד קען שוין צוויי דריטעל מלאכה.

— וואָס הייסט?

— איר דאַרפט וויסען, אַז אַ לערעניונגעל ביי אַ שניידער נאָכדעם וואָס ענדינט זיך זיין לעהרע דאַרף ער קענען דריי זאַכען: ערשטענס טון שטוב־אַרבייט ווי אויסקעהרען, אַרויסטראָגען דעם ציבער און ניאַנטשען דאָס פיצעל קינד; צווייטענס, געהן אַ גאַנג אין גאַס און אין מאַרק, און דריטענס, פערשטעהן אַביסעל אין שניידעריי. נו די ערשטע צוויי דריטעל קען ער שוין, ברוך־השם, פעהלט נאָך איין דריטעל, דאָס איז שוין אַ קלייניגקייט.

153. שטעהט און ליגט.

אַ שניידער לערענט זיין לעהרעניונגעל, ווי ער זאָל זיך פיהרען ווען ער טראָגט־אָפּ אַהיים צו אַ בעל־הבית אַ שטיקעל אַרבייט:

— זאָלסט ניט שלאָפֿען און קוקען מיט אויגען אין אַלע ווינקעלעך, און אַז דו דערזעהסט עפּיס אַ רעכטע זאַך ליגען פֿון אויבען, לאָזט מען עס אַראָפּ אין קעשענע אָדער מע פֿערשטעקט עס אונטער דער פּאָלע אַזוי אַז קיינער זאָל עס ניט בעמערקען·

דאָס לעהרענגיונגעל, אַ קינד פֿון אָרימע נאָר ערליכע עלטערן, שטעלט־אויס אַ פּאָר אויגען און זאָגט מיט גרויס וואונדער:

— בעל־הבית, מע מעג דען גנב׳ענען?

— פֿון וואַנען ווייסטו אַז מע טאָר ניט?

— דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי שטעהט אין דער תורה

— נאַרעלע איינער — מאַכט צו אים דער בעל־הבית — עס געהער זיך גאָר ניט אָן, דאָס וואָס עס שטעהט לאָז שטעהן, אָבער דאָס וואָס עס ליגט דאַרף מען צונעמען·

154· אַ גוטע וועטשערע·

אַ שניידער האָט גערופֿען צו זיך אַהיים פֿון דער גאַס אַן אָרומאַן אויף וועטשערע, אַליין איז ער געווען אַביסעל שכור׳לעך, קוים זיך גע־האַלטען אויף די פֿיס, קומט ער אַריין אין שטוב און זינגט אונטער דאָס לידעלע: „אבינו מלך — דאָס הארץ איז מיר פֿרעהליך״·

— חייקע — מאַכט ער צום ווייב — אַנו בעוויז זיך פֿאַר׳ן גאַסט מיט דער גוטער און שענער וועטשערע, זאָג וואָס האָסטו אַזוינס און אַזעל־כעס אין אַ גוטער מזל׳דיגער שעה געקאָכט?

— אַ גוטע קרענק — רופֿט זיך אָן דאָס ווייב·

— זעהט איר, שוין, מיין ליבער יוד — זאָגט דער שניידער צום אורח, — און איר האָט זיך געזאָרגט, אַז מיר וועלען ניט האָבען קיין גוטע וועטשערע!

155· אַ שידוך מיט אַ שניידער·

אַ פֿערמעגליכער שניידער האָט גענומען אַ רב׳ס אַ זוהן פֿאַר אַן איידעם· אויף דער חתונה, בשעת דער חתן האָט געזאָגט די דרשה זיינע, זעצט זיך דער מחותן דער שניידער אַוועק אין אַ ווינקעל און גיסט מיט טרערען, דער רב האָט עס בעמערקט, געהט ער צו און פֿרעגט אים:

— וואָס איז מיט אייך, מחותן?

— איך זעה־אַרויס — זאָגט דער שניידער ווישענדיג די טרערען—

אַז מיט דער צייט וועט דער חתן אונזערער אויך ווערען אַ רבֿ, וועט ער דאָך נעביך דאַרפען מיט זיין קינד אויך טון אַ שידוך מיט אַ שניידער!

156. לאָז ער דערווייל הייסען יענק׳על.

אַ שוסטער האָט זיך ניט געקענט אויף קיין פאַל אויסגלייכען מיט׳ן ווייב, וואָס איז געווען אויף דער צייט, ווי אָנצורופען דאָס קינד וואָס וועט געבוירען ווערען, אויב עס וועט זיין אַ יונגעל: ער האָט געוואָלט ניט אַנדערש, מע זאָל דאָס קינד אַ נאָמען געבען נאָך זיין פאָטער, און זי האָט זיך איינגעשפּאַרט — דוקא נאָך איר פאָטער. אַ היבשע צייט האָבען זיי זיך וועגען דעם אַוועקגעאַמפּערט און געקריגט — ביז ס׳איז ביי זיי פערבליבען צו פערלאָזען זיך אויפ׳ן רבֿ, און ווי ער וועט פּסק׳ענען אַזוי וועט זיין.

געקומען צום רבֿ, פרעגט ער דעם מאַן:

— ווי האָט געהייסען אייער פאָטער?

— יענק׳על — האָט ער געענטפערט.

— נו און אייער פאָטער? — ווענדעט זיך דער רב צו דער פרוי.

— אויך יענק׳על — זאָגט זי, — איך וויל אָבער דאָס קינד זאָל הייסען יענק׳על נאָך מיין פאָטער, ניט נאָך זיינעם.

— וואָס איז געווען אייער פאָטער? פרעגט זי דעם רב ווייטער.

— אַ שניידער.

— נו, און אייער פאָטער? — פרעגט ער דעם מאַן.

— דאָס אייגענע וואָס איך, אויך אַ שוסטער.

— אויב אַזוי — זאָגט דער רב — איז מיין עצה אָט־וואָס: הייסען זאָל דערווייל דאָס קינד יעקבֿ, דאָס הייסט יענק׳על, און דערנאָך וועט מען שוין זעהן: אויב עס וועט אויסוואַקסען אַ שוסטער, וועט עס הייסען נאָכ׳ן זיידען פון פאַטער׳ס צד, און אויב אַ שניידער — נאָכ׳ן זיידען פון מוטער׳ס צד.

אכסניות און בעלי־אכסניות.

157. זיך איבערקעהרען.

צוויי בעקאַנטע יודען זענען פערפאָהרען אין אַ שטאָדט אויף איין אכסניה, און כדי איינצושפּאָרען הוצאות האָבען זיי גענומען צוזאַמען איין קליין צימערעל מיט איין בעטעל. ביינאַכט האָבען זיי זיך ביידע געלעגט אויפ׳ן שמאָלען בעטעל, ניט געהאַט קיין מעגליכקייט זיך אַ ריהר צו טון מיט קיין האַנד און מיט קיין פוס און ניט געקענט אַנשלאָפען ווערען.

אַזוי זענען זיי אָפּגעלעגען אין געהאַקטע וואונדען אַ פּאָר שעה, פּלוצים האָט זיך איינער פון זיי אויפגעהויבען און גענומען אַראָפּקריכען פונ׳ם בעטעל.

— וואוהין איז? — פרעגט אים דער צווייטער.

— איך געה — ענטפערט יענער — זיך איבערקעהרען אויף דער אַנדערער זייט.

158. צוויי פוילע.

אין אַן אכסניה האָבען זיך אָבגעשטעלט צוויי יודען אין איין חדר. ביינאַכט האָט זיך יעדער פון זיי געלעגט אויף זיין בעטעל שלאָפען און דעם לאָמפּ אויפ׳ן טיש האָבען זיי פערגעסען צו פערלעשען. עס געהט־אַוועק אַ היבשע ווייל, ביידע שלאָפען נאָך נישט.

— מע וואָלט שוין לאַנג בעדאַרפט פערלעשען דעם לאָמפּ, נאָר איך פויל זיך פשוט פונ׳ם געלעגער אויפצושטעהן.

— און איך — זאָגט דער צווייטער — האָב שוין לאַנג געטראַכט דערפון, נאָר איך האָב זיך געפוילט דאָס צו זאָגען.

159· אַ גרויסע לויה·

אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין שטעדטעל אין אַ יודישער אכסניא· ביי נאַכט אין בעט איז אים אויסגעקומען מלחמה צו האַלטען מיט די וואַנצען׳ וואָס זענען אויף אים אָנגעפאַלען גאַנצע מחנות׳ און ער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט געקענט צו מאַכען· אויף מאָרגען פרעגט אים די בעל־הבית׳טע׳ ווי אים האָט זיך געשלאָפען באַנאַכט·

— ניט אַזוי גוט — ענטפערט ער·

— פאַר וואָס איז עס?

— איך ווייס׳ עפּיס האָב איך אָנגעטאַפּט ביינאַכט אויף מיין געלעגער אַ טויט ווענצעלע·

— איין וועַנצעלע און נאָך אַ טויטס דערצו· וואָס מאַכט עס אויס?

— יאָ׳ עס וואָלט געווים טאַקי גאָרניט אויסגעמאַכט׳ האָט אָבער דאָס טויטע וועַנצעלע געהאַט אַ גרויסע לויה און ס׳איז נאָך דעם נאָכגע־גאַנגען שענע עטליכע מנינים לעבעדיגע און היבש־אָנגעפּאַסעטע וואַנצען·

160· אַלטע נייעס·

אין אַ גאָרקוך ביי אַ יודישער אכסניא האָט מען איינעם דערלאַנגט אַ קאָפּ פון אַ פיש׳ וואָס האָט שוין אַביסעל געהאַט אַ ריח· בייגט זיך יענער אָן צום טעלער און מאַכט מיט די ליפּען׳ גלייך ווי ער פיהרט מיט דעם פיש עפּיס אַ שמועס· פרעגט אים דער בעל־הבית:

— רב קרוב׳ וואָס מאַכט איר עס עפּיס מיט די ליפּען?

— גלאַט אַזוי — ענטפערט יענער — איך שמועס זיך דורך אַ ביסעל מיט דעם דאָזיגען פיש׳ איך האָב אים אַ פרעג געטון׳ צו פיהלט ער זיך גוט אויף דער וועלט? האָט ער מיר געענטפערט: „זעהר גוט און וואויל׳ איך שמעלץ זיך אין פּוטער״· פרעג איך אים ווייטער: פון וואַנען ער איז אַהער אָנגעקומען? ענטפערט ער: „פונ׳ם טייך דווינאַ״· בעט איך מיר צו דערצעהלען די לעצטע נייעס פון דאָרט׳ מאַכט ער דערויף: „איך קען אייך נור דערצעהלען גאָר אַלטע נייעס׳ ווייל ווי איר קוקט מיך אָן בין איך שוין אַ היבש שטיק צייט פונ׳ם טייך·

161· אַ מעלה מיט אַ חסרון·

אַן אורח האָט געטרינקען קאַווע אין אַ יודישער אכסניא· פרעגט אים דער בעל־אכסניא:

— ווי געפעלט אייך אונזער קאַווע?

— די קאַווע אייערע — ענטפערט יענער — האָט אַ מעלה מיט אַ

הסרון. די מעלה אירע איז, וואָס זי האָט כמעט ניט קיין ציקאָריע, און דער הסרון וואָס ס'איז אין איר ניטאָ קיין קאַווע.

162. דער חשבון.

אויף אַן אַכסניה איז אַן אורח אָפּגעשטאַנען עטליכע טעג. פאַר'ן אוועקפאָהר דערלאַנגט אים דער בעל־הבית אַ חשבון. דער אורח האַפּט אַ קוק אין חשבון און זעהט, אַז אַנשטאָט איין פלאַש, וואָס ער האָט גענומען, איז דאָרט אַריינגערעכענט, אויף זעהר אַ הויכע פּרייז, צוויי פלעשער. רופט ער זיך אָן:

— איך מוז אייך זאָגען, אַז איר האָט אַביסעל איבערגעכאַפּט די מאָס. מילא אויף דער צווייטער פלאַש ווײן, וועלכע איך האָב אין די אויגען ניט געזעהן, וועל איך ניט פרעגען קיין קשיא. אפשר האָט איר מיט דעם געמיינט אַ טייערע פלאַש ווײן, טאַקי פרימאַ פון'ם ערשטען סאָרט; אָבער די ערשטע פלאַש ווײן, וואָס איך האָב יאָ בעקומען און געטרונקען, ווייס איך דאָך וואָס פאַר אַ טעם, מישטיינסגעזאָגט, עס האָט געהאַט דער ווײן—ווי־זשע פאַלט איר אויס צו רעכענען פאַר דעם אַזאַ אונגעהייער טייערען פּרייז?!

שענקערס.

163. ביליגער אויף באָרג.

אײַן שענקער זאָגט דעם צווייטען:

— איך גיב בראָנפען זעהר זעלטען אויף באָרג, דערפאַר אָבער ווען איך באָרג שוין איינעם אַמאָל, זעה איך שוין יענעם אַריינהאַקען אַ פּרייז ווי איך פערשטעהע.

— און איך — זאָגט דער צווייטער — רעכען, פונקט פערקעהרט. אויף באָרג ביליגער ווי פאַר מזומן.

— וואָס איז דער שכל?

— דער שכל איז גאָר אַ פּשוט׳ער: זעהר אָפט מאַכט זיך, אַז יענער צאָהלט דערנאָך ניט אָפּ; לאָז־זשע חאָטש דעמאָלט ווינציגער ווערען פערפאַלען.

164. פון וואַנען נעמט זיך דער דלות?

אַ שענקער זיצט מיט׳ן ווייב אין אַ רוהיגער שעה און שמועסען צוויי־שען זיך מכוח דער שענער פרנסה זייערער, און ביידע וואונדערן זיך דערויף, וואָס די האָראָוואַניע איז אַזוי גרויס און קיין מזל־ברכה זעהט מען ניט אַרויס.

— איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן — רופט זיך אָן די שענקערין — דאַכט זיך מיר וואָלטען בעדאַרפט זיין רייך ווי קורח: פאַר בראָנפען לע־זען מיר, דאַנקען גאָט, גאָר ניט שלעכט, ניט צו פערזונדיגען, דערצו נאָך גיסען מיר צו אינ׳ם בראָנפען היבשליך וואַסער; היינט וויפיל, צווישען

אונז געֶרעֶדט, מאַכט זיך, אַז מיר שרייבעֶן־צו מיט׳ן קריידעֶל די בעלי־חובות אונזעֶרעֶ, צום סוף···

— העֶרסטו, מיין ווייב — מאַכט דעֶר שעֶנקעֶר — איצטעֶר איז מיר איינגעֶפאַלעֶן פון וואַנעֶן ביי אונז נעֶמט זיך דעֶר דלות: אין יעֶנעֶם בראָנ־פעֶן, וואָס מיר שרייבעֶן־צו, גיסעֶן מיר דאָך נישט צו קיין איין טראָפּעֶן וואַסעֶר!

165. דעם וויינשענקער׳ס סוד·

אַ וויינשעֶנקעֶר איז שטאַרק קראַנק געֶוואָרעֶן און האָט געֶהאַלטעֶן ביים שטאַרבעֶן. פאַר׳ן טויט האָט עֶר צוגעֶרופעֶן די קינדעֶר זיינעֶ און זאָגט זיי אַזוי:

— העֶרט איר, מיינעֶ ליבעֶ קינדעֶר, איך געֶה פון דעֶר וועֶלט און איר וועֶט געֶוויס זיך אויך בעֶשעֶפטיגעֶן מיט דעֶר זעֶלבעֶר פרנסה וואָס איך, מיט וויינשעֶנקעֶריי, זאָג איך אייך דעֶם סוד: איר האָט זעֶהר אָפט מיך געֶזעֶהן גיסעֶן וואַסעֶר אין פאַס, קעֶנט איר דאָך מיינעֶן, אַז וויין מאַכט זיך נור פון הוילעֶ וואַסעֶר; זאָלט איר וויסעֶן, אַז אייגעֶנטליך מאַכט זיך וויין אויך פון טרויבעֶן···

בעלי־עגלות.

166. געקומען גאַנץ פריה.

איינער אַ סוחר האָט בעשטעלט אַ בעל־עגלה אויף זונטאָג צו פאָהרען אין אַ נאָהענט שטעדטעל. ס׳איז אַריבער כמעט אַ גאַנצע וואָך, דער סוחר האָט שוין אין דער צייט בעוויזען צו פאָהרען מיט אַן אַנדערען וואוהין ער האָט בעדאַרפט און קומען צוריק, — ערשט פרייטאָג גאַנץ פריה קומט־אַריין דער בעל־עגלה צום סוחר אין שטוב בּרייטליך מיט׳ן בייטש אונטער׳ן אָרם און רופט אים שוין פאָהרען: די פיהר שטעהט אין דרויסען און וואַרט.

— וואָס הייסט — פרעגט אים יענער פערוואונדערט — איך האָב דאָך אייך בעשטעלט נאָך אויף זונטאָג און היינט איז שוין, ברוך־השם, פרייטאָג!

— איך ווייס — ענטפערט דער בעל־עגלה רוהיג — אויף ווען איהר האָט מיך בעשטעלט. נאָר וויבאַלד איהר האָט מיר געהייסען קומען זונטאָג ביי טאָג, האָב איך אַליין פערשטאַנען, אַז מיינען מיינט איהר ניט זונטאָג, און מאָנטאָג אוודאי ניט, נאָר דינסטאָג. נו האָב איך שוין געוואָלט קומען מיטוואָך, האָב איך זיך צוריך בערעכענט, אַז מיטוואָך איז אויך נישט קיין גוטער טאָג און ס׳איז גלייכער דאָנערשטאָג, נאָר איך האָב אַביסעל אָפּגעלעגט ביז פרייטאָג, און אָט, זעהט איהר, בין איך היינט געקומען גאַנץ פריה.

167. צוויי משיח׳ן.

אַ רב איז געפאָהרען אויף אַ וואָגען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער. אויפ׳ן וועג איז אים אויסגעקומען, ווי דער שטייגער, שטאַרק

צו ליידען פונ׳ם בעל־עגלה מיט זיינע גראָבע בעל־עגלה׳שע שטיק· נאָר ער האָט אויף אַלץ אָפּגעשוויגען· אינמיטען וועג רופט זיך אָן דער בעל־עגלה צום רב:

— רבי· איך האָב געהערט אַנימעלט שמועסען אין שוהל־הויף פון יודען וואָס קענען אין די קליינע אות׳ילעך· אַז קומען דאַרף צו אונז יודען ניט איין משיח· נאָר גאַנצע צוויי· זאָגט· איז דאָס טאַקי אמת?

— יאָ· ס׳איז אמת — ענטפערט דער רב — איינער הייסט משיח בן יוסף און דער צווייטער משיח בן דוד·

— גיט־זשע מיר צו פערשטעהן· רביניו· צוליב וואָס טויג צוויי? וואָס איז· איינער אַליין איז קליין אויסצולעזען אונזערע יודעלעך פונ׳ם גלות?

— ניין· מע מוז האָבען צוויי — זאָגט דער רב — איינער זאָל אויסלעזען יודישע קינדער פון ג ל ו ת· און דער צווייטער זאָל זיי אויס־לעזען פון די ב ע ל י ־ ע ג ל ו ת·

168· אַ דין־תורה מיט אַ פערד·

דער דובנער מגיד איז אַמאָל געפאָהרען אין וועג מיט אַ בעל־עגלה· געקומען באַרג־אַרויף· נעמט דער מגיד און קריכט־אַראָפּ פונ׳ם וואָגען· מאַכט צו אים דער בעל־עגלה:

— רבי· איר קענט זיצען אויף אייער אָרט· דאָס פערד· ניש־קשה· מעג אייך פיהרען באַרג־אַרויף אויך·

— עס קען זיין — זאָגט דער דובנער מגיד — אַז אויב דאָס פערד וועט מיך איבערקעהרען און איך וועל ברעכען רוק־און־לענד· און דער־נאָך קומען אויף יענער וועלט און האָבען מיט׳ן פערד אַ דין־תורה וועל איך טאַקי געווינען; די מעשה איז אָבער· וואָס איך וויל ניט האָבען קיין דין תורה מיט אַ פערד·

169· אַ זומערדיגע תורה·

אַ סוחר האָט געדונגען ווינטער־צייט אַ בעל־עגלה איבערצופיהרען גלאָזוואַרג· אויפ׳ן וועג איז אַ טייל דערפון צעבראָכען געוואָרען· רופט דער סוחר דעם בעל־עגלה צום רבי· און דער רב פסק׳עט· אַז על־פּי־דין־תורה איז מחויב דער בעל־עגלה צו בעצאָהלען פאַר׳ן שאָדען·

— רבי — רופט זיך אָן דער בעל־עגלה צום רב — זאָגט מיר· איך בעט אייך· ווען איז געגעבען געוואָרען די תורה?

— דעמאָלט ווען די יודען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים — ענטפערט דער רב·

— ניין, איך מיין אין וואָס פאַר אַ צייט פון יאָר?

— ווער ווייסט נישט, אַז אַ מתן תורה איז געווען אים שבועות.

— האַ! — מאַכט דער בעל־עגלה — זומער־לעב הייסט עס, ווען דער וועג איז טרוקען און גלאַט. אויב אַזוי, רבי, פערשטעה איך איצט פאַר וואָס די תורה הייסט מיר בעצאָהלען, וואָלט אָבער די תורה געשריבען געוואָרען ווינטער־צייט, ווען עס רעגענט און שנייעט און דער וועג איז גליטשיג, וואָלט זי דעמאָלט, ניש־קשה, גערעדט גאָר אַנדערע ווערטער.

170. פול מיט פערד.

איינעם אַ בעל־עגלה אין אַ קליין שטעדטעל האָט דאָס מזל געשפּילט און קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי אַרום, נאָר ער איז שטאַרק אויפגעקומען. אויף דער עלטער האָט ער זיך געקויפט אַ שטאָדט אין בית־המדרש אויבען־אָן אין מזרח־וואַנד. איינמאָל שבת צום דאַוונען קומט־אַריין אין בית־המדרש אַ פרעמדער, וואָס איז אַמאָל בעקאַנט געווען מיט'ן געוועזענעם בעל־עגלה, דערזעהט ער יענעם זיצען אויבענאָן, חידוש'ט ער זיך און גיט אַ פרעג ביי איינעם פון די אונטערשטע בעלי־בתים:

— ווי קומט עס, זאָגט מיר, אַ בעל־עגלה זאָל פערנעמען ביי אייך אַ פלאַץ אין מזרח?

— זאָל אייך קיין חידוש ניט זיין — ענטפערט יענער — דער מזרח איז פול מיט פערד, דאַרף מען צו זיי האָבען אַ בעל־עגלה.

171. תשובה טון.

אַן אָרומער בעל־עגלה איז עפּיס דורך אַ מין צופאַל אויפגעקומען און ער האָט אָנגעהויבען צו פיהרען גרויסע געשעפטען. אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקעל צייט האָט זיך דאָס רעדעל געגעבען אַ דרעה־איבער און ער איז ווידער געבליבען אַזאַ קבצן ווי פריהער. וואָס טוט מען? פאָהרט ער צום רבי'ן, רעדט־אויס פאַר אים דאָס האַרץ און פרעגט אַן עצה אויף ווייטער. זאָגט אים דער רבי קורץ:

— פאָהר אַהיים טו תשובה.

ווייסט ער ניט דעם פשט דערפון: וואָס פאַר אַ חטא האָט ער אַזוינס געטון ער זאָל דערפאַר תשובה טון? קומט ער אַהיים און דער־צעהלט עס זיינעם אַ נאָהענטען בעקאַנטען, וואָס אַלע האָבען אים געהאַל־

טעָן פאַר אַ יודעָן אַ פּקח, און בעָט יעָנעָר זאָל אים עָרקלעָרעָן די כונה פון'ם רבי'נס ווערטער. זאָגט אים יענער:

— תשובה איז די טייטש אַ ווידעָרקעָהר צוריק, און "טו תשובה" הייסט גאָר פשוט: אַ בעל־עגלה ביזטו געוועָן — וועָר־זשע ווידער אַ בעל־עגלה.

שדכנים און בדחנים.

172. אַן איין און איינציגען חסרון!

אַן אַלטער שדכן איז געקומען רעדען איינעם אַ יונגענמאַן אַ שידוך מיט זיינער אַ בעקאַנטער בתולה עפּיס גאָר אַ פערזעהעניש. דער יונגערמאַן קוקט־אָן דעם שדכן ווי אַ משוגענעם און זאָגט אים אויפגעבראַכט:

— וואָס הייסט, איר קומט מיר רעדען אַזאַ מין שידוך? ניט אַנ־דערש, אַז איר מאַכט מיט מיר גלאַט אַ שפּאַס.

— דו האָסט אַ טעות — רופט זיך אָן דער שדכן — איך האָב פיינט צו מאַכען שפּאַס. איך מיין עס גאַנץ ערענסט. וואָס איז דיר דאָ, זאָג מיר, אַזוי פריקרע?

— סטייטש, זי איז דאָך גאָר אַ בלינדע!

— אַ חסרון איז דאָס ביי דיר? וועדליג איך קען דיך, רעכען איך גאָר פערקעהרט, אַז ס'איז פאַר דיר אַ מעלה: זי וועט ניט קענען זעהן דיינע שענע גענג.

— זי איז דאָך שטום אויך...

— דאָס איז געוויס אַ מעלה ביי אַ ווייב: דו וועסט מיט איר אָפּלע־בען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר און קיינמאָל פון איר מויל ניט הערען קיין סימן אפילו פון אַ קללה.

— זי איז דאָך טויב אויך...

— וואָס קען זיין אַ בעסערע מעלה דערפון? אַלע צייטען קענסטו זיך רעדען פאַר איר אין די אויערען אויף אַ קול וואָס דו ווילסט, אַפילו שעלטען זי מיט טויטע קללות וויפיל דיין האַרץ גליסט.

— זי איז דאָך קרום אויך...

— דאָס איז אפשר אויך אַ חסרון? חלעבען, גאָר שלעכט וועט דיר זיין, אַז דו וועסט מעגען זיך אַרומדרעהען ווי אַ פרייער פויגעל, און זי וועט דיר ניט קענען נאָכלויפען וואו דו שטעהסט און געהסט, ווי דער שטייגער פון אַנדערע ווייבער.

— זי איז דאָך האָרבאַטע אויך...

— איך פערשטעה דיך נישט — מאַכט דער שדכן שוין אַביסעל בעזליך — אַפּנים, דו וואָלסט חשק געהאַט, אַז די כלה דיינע זאָל זיין טאַקי מיט הוילע מעלות, אָן איין און איינציגען חסרון!

173. עס מאַכט ניט אויס.

אַ שדכן איז געקומען צו אַ יונגענמאַן אים רעדען אַ שידוך.

— די כלה — זאָגט דער שדכן — איז זעהר אַ פיינע און אַ וואוילע — אַ זעלטענע בתולה, וואָס האָט מען דאָ צו רעדען, אַזאַ יאָר אויף אַלע מיינע ליבע, נאָר וואָס דען, אויסגעקליידעט איז זי שען וואָס שען הייסט. אָבער קיין נדן פערמאָגט זי ניט צו געבען.

— עס מאַכט ניט אויס — זאָגט דער יונגערמאַן.

— נאָך אַ קליינעם חסרון האָט זי: אויף איין אויער הערט זי אַביסעל שלעכט.

— עס מאַכט ניט אויס.

— היינט דאַרף איך אייך זאָגען, אַז אויף איין אויג זעהט זי ניט גאָר גוט.

— עס מאַכט ניט אויס.

— זי הינקט נאָך אַביסעל אונטער אויך.

— עס מאַכט ניט אויס.

— נאָך איין קלייניגקייט מוז איך אייך זאָגען, ווייל איך בין ניט גלייך צו אַנדערע שדכנים, איך האָב ליב שטענדיג דערצעהלען אַלצדינג פריהער, עס זאָל דערנאָך ניט זיין חלילה, קיין טענות מיט קיין תרעומות. זי האָט אַ קליינעם האָרב.

— עס מאַכט ניט אויס.

— ווען זשע — פרעגט דער שדכן — געהען מיר אָנקוקען די כלה?

— וואָס דאַרף איך זי אָנקוקען? געזאָגט האָב איך „עס מאַכט ניט אויס“, ווייל געוויס מאַכט מיר כלל ניט אויס, ווייבאַלד איך וועל זי סיי ווי סיי ניט נעמען.

174. אַ ליבע־שידוך.

— איך האָב פאַר דיר — זאָגט אַ בעריהמטער שדכן איינעם אַ בחור — אַ גאַנץ צעטעל שידוכים אויף אויסצוקלויבען וואָס דיין האַרץ גליסט. אין מיין צעטעל, זאָג איך דיר, איז איין שידוך בעסער פונ׳ם אַנדערען. ווילסטו געלד — האָב איך פאַר דיר אַ כלה מיט נדן גאָר אַ היבשען; ווילסט שענקייט — האָסטו ביי מיר אַ פאַרשוין, מע דאַרף אויספאָהרען גאַנצע מדינות אויף אַזעלכע צו געפינען; ווילסטו ווידער יחוס — קען איך דיר געבען אַזעלכע, וואָס איז איינגעטינקט אין יחוס, טאַקי פון דער אמת׳ער גאָלדענער פאָהן.

דער שדכן רעדט און רעדט און דער בחור הערט זיך ניט אויף צו קנייטשען, ווי איינער זאָגט: ניין, ניין, ניט דאָס מיין איך. צום סוף רופט ער זיך אָן:

— הערט איר, מיין ליבער יוד, איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אַז אייער טרחה איז אומזיסט, אַרויסגעוואָרפען אַלע אייערע רעד. איך בין ניט פון די אַלט־מאָדישע יונגעלייט און ניט אויף אַזעלכע שידוכים קוק איך אַרויס.

— אויף וואָס פאַר דען שידוכים?

— איך וויל נור טון אַ שידוך דורך ליבע.

— אָך, אַ ליבע־שידוך! — מאַכט דער שדכן — וואָס־זשע שווייגסטו! ביי מיר אין צעטעל געפונט זיך פון אַלע מינים. ווילסט אַ ליבע־שידוך, מיט׳ן גרעסטען פערגניגען!

175. מעג זיין אַ משוגע׳נע.

אַ שדכן הערט־אויס פון אַ יונגענמאַן וואָס פאַר אַ כלה ער פערלאַנגט. מע זאָל אים רעדען, רופט ער זיך אָן צו אים אַביסעל אויפגעבראַכט:

— איך מוז אייך זאָגען, יונגערמאַן, האָט מיר קיין פאַריבעל ניט, אַזאַ כלה ווי איר פערלאַנגט מיט אַלע מעלות פון דער וועלט: אי אַ שענהייט, אי פון פיינסטען יחוס און נאָך מיט היבש נדן דערצו, דאַרף זי דאָך זיין אַ ריינע משוגע׳נע, זי זאָל אַזעלכען ווי איר וועלען!

— זעהט איר — מאַכט דער חתן קאַלטבלוטיג — דאָס האַרט מיר גראַד ניט, זי מעג זיך זיין אַ משוגע׳נע.

176. די משוגע׳נע שעה.

אַ ישיבה־בחור האָט געבעטען אַ שדכן:

— זוכט פאַר מיר אויס אַ כלה אַזעלכע, וואָס זאָל זיין מיט אַלע

מעלות: אי רייך, אי אַ פּאַרשוין און דערנאָך פון שענסטען יחוס. ווייל מיר אַליין, מוז איך אייך זאָגען דעם אמת. פעהלען די אַלע זאַכען: קיין גרויסער פּאַרשוין, ווי איר זעהט. בין איך ניט, קיין רייכער געוויס ניט, און פון קיין הויכען יחוס. צווישען אונז זאָל עס בלייבען, קום איך אויך נישט אַרויס.

— איך האָב פאַר דיר אַ כּלה — זאָגט דער שדכן — איינס אויף דער וועלט, מיט אַלע מעלות וואָס דו פערלאַנגסט אויפ'ן בעסטען אופן, זי האט אָבער איין שטיקעל חסרון.

— איין חסרון מאַכט ניט אויס. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין חסרון?

— איין שעה אין יאָר איז זי משוגע.

— איין שעה אין יאָר מאַכט ניט אויס. הכלל, איך בעשטעה דע־רויף, מאַכט־זשע איר ניט קיין לאַנגע שהיות און נעמט זיך אין אַ גוטער שעה צום עסק, נאָר תּיכף־ומיד.

— ניין—מאַכט דער שדכן ערנסט— תּיכף־ומיד איז אונמעגליך, די זאַך מוז האָבען אַביסעל געדולד.

— פאַר וואָס?

— ווייל פון אַזאַ חתן ווי דו, פערשטעהסטו מיך, וועל איך קענען קומען מיט איר רעדען ערשט דעמאָלט ווען עס וועט איר אָנקומען די משוגע'נע שעה.

177. אַ זעלטענע טייערע סחורה.

אַ שדכן האָט געפרעגט איינעם ער זאָל אַרויסזאָגען זיין מיינונג וועגען זיינעם אַ בעקאַנטען יונגענמאַן מכּוח אַ שידוך.

— דעם דאָזיגען בחור – ענטפערט יענער — קומט געוויס צו נעמען גאָר היבש נדן, ווייל אַזאַ סחורה איז זעלטען טייער היינטיגע ציי־טען, צוליב כּמה טעמים: אַ פערד וואָס פלעגט אַמאָליגע יאָרען קאָסטען העכסטענס אַ פינפאונצוואַנציגער, דאַרף מען פאַר אים איצט אַוועקגעבען אַ גאַנצען הונדערטער; אַ חזיר ווידער, וואָס די העכסטע פרייז פאַר אים איז געווען אַ צעהן־רובל־שטיק, קאָסט־אָפּ איצט דריימאָל אַזויפיל; היינט גלאַט אַ בחור, וואָס פלעגט אַמאָליגע צייטען נעמען קוים הונדערט רובל נדן, בעקומט איצט עטליכע הונדערט. היינט וויפיל־זשע, בערעכענט איר אַליין, קומט אָפּצוצאָהלען פאַר דער דאָזיגער סחורה, וואָס איז אי אַ פערד איינס אין דער וועלט, אי אַ חזיר וואָס זיין גלייכען איז ניטאָ, און דערצו נאָך אַ בחור אויך.

178. אַביסעל פילאָסאָפיע.

אַ געניטער שדכן האָט געפֿירט אַ חתן אָנצוקוקן אַ כלה. דער חתן איז געווען, עס זאָל אים צו קיין שאַנדע ניט זיין, אַ רעכטער לעקיש. לערנט אים דער שדכן ווי ער זאָל זיך האַלטן ביים מחותן אין שטוב. און דער עיקר וואָס אַזוינס ער זאָל שמועסן מיט דער כלה ווען זיי וועלן בלייבן איינע אַליין.

— מיט היינטוועלטיגע כלות — זאָגט ער אים — מוז מען וויסן ווי אַזוי צו פירן דעם שמועס. פריער פון אַלץ דאַרף מען רעדן פון ליבע, דערנאָך שמועסט מען פון משפחה־זאַכן, און צום סוף מוז מען אַביסעל אַ שמועס טון אויך חקירה, אָדער ווי זיי רופן עס היינט פילאָסאָפיע, דער גוטער יאָר ווייסט זיי דאָרט.

דער חתן האָט דאָס גענומען אין זינען און זיך גוט איינגעחזר׳ט. געקומען צו דער כלה, פירט מען אים אַריין אין דער ליכטיגער, יום־טוב׳דיגער זאַל, וואו עס געפינען זיך אַלע שטוב־לייט. צו ביסלעכווייס געהן אַלע, ווי דער שטייגער, אַרויס פון זאַל און עס בלייבן דאָרט נור חתן־כלה אַליין. דער חתן געדיינקט גוט, אַז ער דאַרף אָנהויבן דעם שמועס פון ליבע, גיט ער אַ פרעג די כלה:

— זאָגט מיר, איר האָט ליב, אַ שטייגער, לאָקשן?

— פאַר וואָס זאָל איך ניט ליב האָבן קיין לאָקשן? — ענטפערט זי. נעמט ער ווייטער פרעגן וועגן משפחה־זאַכן:

זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר האָט אַ ברודער?

— ניין — ענטפערט זי — קיין ברודער האָב איך ניט.

איצט האָט זיך דער חתן אויף אַ ווײַלע פערטראַכט: ער מוז דאָך רעדן צום סוף אַביסעל פילאָסאָפיע. געטראַכט — און אויסגעטראַכט.

— ווי מיינט איר, אַ שטייגער — זאָגט ער און פערקנייטשט דעם שטערן — ווי וואָלט געווען ווען איר זאָלט, למשל, האָבן אַ ברודער, ווי מיינט איר, וואָלט ער ליב געהאַט לאָקשן?

179. ווער וועט אַזוינע לייט געטרויען?

אַ שדכן געהט־אַרויס מיט׳ן חתן נאָכ׳ן „אָנקוקען“ די כלה, מאַכט ער צו אים:

— נו ווי געפעלט אייך? אַ יאָ איך האָב אייך ניט אָפגענאַרט, אַז ס׳איז אַ רייכע שטוב? האָט איר געזעהן וואָס פאַר אַ זילבער־געשיר עס האָט געשיינט אויפ׳ן טיש?

— איז עס אפשר ניט געליהענס ביי איינעם פון די שכנים? — פּריוועט זיך דער חתן אַ זאָג טון׳

— וואָס רעדט איר׳ מחילה׳ אַזעלכע נאַרישקייטען? — גיט זיך דער שדכן אַ חאַפּ — אַזויפיל זילבער ווער וועט עס נעמען און אַזוינע לייט געטרויען?

180. לאַנג צו וואַרטען׳

אַ רייכער יוד טענה׳ט מיט אַ שדכן:

— איר זאָגט׳ אַז פאַר ווינציגער פון צוואַנציג טויזענד וועל איך ניט קענען געפונען היינטיגע צייטען קיין רעכטען חתן פון די געענדיגטע פּאַר מיין איינציגע טאָכטער׳ איך האָב מורא׳ אַז איר זענט אפשר טאַקי גערעכט׳ אָבער גיט מיר צו פערשטעהן׳ איר זענט דאָך אַ קלוגער יוד׳ פאַר וואָס איז אַזאַ צרה נור אויף אונז יודען? ערשט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק׳ האָט איינער׳ אַ שכן אַ גוי׳ וואָס איך פערמאָג ניט אַ צעהנטעל פון אים׳ אויך אויסגעגעבען זיין איינציגע טאָכטער פאַר אַ חתן ״מיט אַ דיפּ־לאָם״ און געגעבען האָט ער נדן׳ וויפיל מיינט איר? סך־הכל פינף טוי־זענד רובל׳ ניט מעהר!

— וואָס גלייכט איר — מאַכט דער שדכן — אַ גוי צו אַ יודען? אַ גוי בשעת אויסגעבען זיין איינציגע טאָכטער זאָגט ער דעם חתן: ״אַלץ וואָס דו זעהסט וועט זיין דיינס נאָך מיין טויט״; אַ יוד אָבער זאָגט דעם חתן: ״אַלץ וואָס דו זעהסט וועט זיין דיינס נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָר״׳ נו וואָס פאַר אַ שוטה האָט חשק אַזוי לאַנג צו וואַרטען׳

181. אַ דערוואַקסענע בתולה׳

אַ שדכן איז געקומען צו איינעם אַ גביר רעדען דער טאָכטער זיינער אַ שידוך׳

— איר האָט זיך אַביסעל צוגעאיילט — זאָגט דער פאָטער מיט אַ שמייכעל צום שדכן — איך האַלט נאָך גאָרנישט דערביי צו טון אַ שידוך מיט מיין טאָכטער׳ זאָל לעבען׳ זי איז נאָך דערווייל גאָר אַ יונג קינד׳

— וואָס רעדט איר׳ זאָלט איר מיר געזונד זיין! — רופט זיך אָן דער שדכן מיט היץ — וואָס איז שייך צו זאָגען צו יונג? וויבאַלד עס מאַכט זיך אַ גוטער און פיינער שידוך טאָר מען ניט אָפּלעגען אויף שפּע־טער׳ אויסער דעם מוז איך אייך זאָגען׳ מיין ליבער יוד — זאָגט ווייטער דער שדכן מיט אַ קרעכץ — איך ווייס נישט׳ אפשר איז אייער טאָכטער

טאַקי נאָך גאָר אַ יונג קינד, מיין טאָכטער אָבער איז שוין זעהר אַ דער־וואַקסענע בתולה, און כּדי זי זאָל נעביך געהאָלפען ווערען, איז נויטיג איך זאָל אויספיהרען אַ ליטישען שידוך און פערדינען מיט אמאָל אַ היבש שדכנות.

182. אַן אייגען הויז.

איינער אַ שדכן פלעגט זאָגען:

— היינטיגע צייטען בוי איך מיר אויס פון יעדען שידוך בעזונדער אַן אייגען הויז: פריהער לויף איך זיך אָן ביז איך בעקום פלאַץ; דערנאָך ציהט זיך די אַרבייט ווייטער אין מיין הויז־געזונד ליגט דערוויל ניין איילען אין דער ערד; דערנאָך פיהר איך צונויף אַ וואַנד מיט אַ וואַנד; צום סוף לאָזט זיך אויס "בוידעם־פּאָליצע" און עס פיהרט זיך אויס פונ'ם גאַנצען אַ קוימען מיט רויך...

183. טאַקי אַן גלייכווערטלעך.

ביי אַ מינסקער גביר אויף אַ חתונה האָט דער בדחן אַ היבשע צייט געשאָטען מיט גראַמען און געזאָגט גלייכווערטלעך איינס נאָכ'ן אַנדערן און דער עולם האָט זיך משמח געווען. ווען ער האָט אויפגעהערט זענען צו אים צוגעשטאַנען עטליכע גבירים פון די מחותנים און פערלאַנגט פון אים ער זאָל ווייטער זאָגען גלייכווערטלעך מיט די גראַמען.

— ביטער ווי גאַל, איך בין בדיל־הדל, אויסגעשעפּט דער גאַנצער קוואַל — זאָגט דער בדחן.

— נו נו, דערצעהלט ניט, איר האָט נאָך גענוג!

— איך זאָג אייך אויסגעשעפּט אינגאַנצען, לאָז דער עולם געהן טאַנצען.

— ווייסט איר וואָס — שרייען די גבירים פרעהליך — זאָגט נאָך איין שען גלייכווערטעל מיט אַ פיינעם גראַם, לאָזען מיר אייך צורוה!

— נו הערט, רבותי — זאָגט דער בדחן, וואָס איז שוין געווען אַביסעל מבוסם'דיג — "ויסעו מסכות ויחנו ברפידים" פערברענט זאָלען ווערען אַלע מינסקער נגידים.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גלייכווערטעל? — רופען זיך אָן די נגידים ברוגז'לעך.

— וואָס — מאַכט דער בדחן — איך מיין עס טאַקי אַן גלייכ־ווערטלעך.

184. אַלמן.

אַ געוויסער בדחן פלעגט זאָגען:

— "אַלמן" מאַכט די ערשטע צייט אַזוי: „איטליכער לדיפט מיך נאָך, נאָכדעם אָבער ווי עס געהט־איבער עטליכע יאָר און ער זיצט אַלץ אַן אַלמן, מאַכט שוין אַ ל מ ן גאָר אַנדערש: "אחד מהם לא נותר" (איינס פון זיי בלייבט ניט).

כלי־קודש:

רבנים·

185· „תנו רבנן״·

צו איינעם אַ רב פון די גרויסע רבנים איז געקומען אַ יונגערמאַן בייטען סמיכה אויף רבנות· דער רב האָט געפּריווט אַ שמועס געבען מיט׳ן יונגענמאַן און באַלד אים אָנגעטאַפּט ביים דופק· אַז ער איז זעהר שוואַך אין לערנען· נעמט ער אַרויס פון שאַפע אַ גמרא און ווייזט־אָן דעם יונגענמאַן· וואָס ער זאָל זאָגען· דער יונגערמאַן נעמט זאָגען אויף אַ קול: „תנו רבנן״ — די רבנן האָבען געלערענט״· שטעלט אים באַלד אָפּ דער רב און זאָגט:

— ניין· יונגערמאַן· איך קען אייך קיין סמיכה ניט געבען·

— פאַר וואָס? — וואונדערט זיך יענער·

— דערפאַר — ענטפערט דער רב וואָס „תנו רבנן״ איז די אמת׳ע טייטש ניט „די רבנן האָבען געלערענט״ נאָר „געלערנט האָבען די רבנן״· פריהער· יונגערמאַן· דאַרף מען לערנען· דערנאָך ערשט ווערט מען אַ רב·

186. אָט דאָס טאַקי הייסט „קורקבן״!

אַ יונגערמאַן· וואָס האָט אַ נאָמען געהאַט פון אַ גרויסען עלוי· האָט בעקומען סמיכה אויף רבנות און באַלד טאַקי געוואָרען רב אין אַ קליין שטעדטעל· קומט צו אים אַ יודענע מיט אַ פופּיק פון אַ היהן· אין וועלכען מע האָט געפונען אַ נאָדעל· צו פרעגען אַ שאלה·

דער יונגער רב האָט געדרעהט דעם פופּיק אַהין און אַהער· בע־טראַכט אים פון אַלע זייטען און קלערט ווי אַזוי פּסק׳ענט מען די שאלה· רופט זיך אָן דער אַלטער דין· וואָס איז דערביי געזעסען:

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו קלערען? ס'איז דאָך אַ בפירוש'ער דין „מחט שנמצאה בקורקבן" (אַז מע געפונט אַ נאָדעל אין אַ פופיק···)

— אַזוי — גיט זיך אַ כאַפּ דער יונגער רב — אַט דאָס טאַקי הייסט „קורקבן"!

187· געה פרעג דעם רב!

צום ווילנער רב ר' אַבילע פּאָסווילער איז אין דער פריה געקומען אַ יודענע, אָנגעטון ווי ערשט פון דער קוך, און זאָגט אים:

— רבי, איך האָב אייך צו פרעגען אַ שאלה: וואָס זאָל איך היינט קאָכען מיטאָג?

— געהט אַהיים — ענטפערט דער רב — און מאַכט קרעפּלעך.

די שטוב־מענשען האָבען זיך אַלע געוואונדערט אויף דער משונה'ר שאלה מיט דער תשובה.

נאָכדעם וואָס די יודענע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיי דער רב גע־געבען די זאַך צו פערשטעהן:

— די יודענע, ווי עס ווייזט־אויס, איז אַ קעכין, און אַז זי האָט גע־צומען אין דער פריה דולען אַ קאָפּ דער בעל־הבית'טע, ווי דער שטייגער איז, וואָס זי זאָל היינט קאָכען, האָט זי אויף איר געוויס אָנגעשריגען: „געה פרעג דעם רב!"—און דערפאַר איז זי צו מיר געקומען.

188· די ערשטע שאלה·

אַ רב איז אָפּגעזעסען אין אַ שטעדטעל העכער אַ יאָר און קיינער איז אים די גאַנצע צייט ניט געקומען פרעגען קיין איין שאלה, האָט ער זיך בעשלאָסען אַרויסצופאָהרען אין אַן אַנדער שטאָדט, וואו ער האָט בע־קומען אַ ניי פלאַץ אויף רבנות. איינער פון די בעלי־בתים פון שטעדטעל, ווען ער האָט זיך דערפון דערוואוסט, זאָגט דעם רב:

— רבי, האָט קיין פעראיבעל ניט וואָס איך וועל אייך פרעגען: ווי קומט עס וואָס איר האָט געוואָרפען אַזאַ אומ'חן אויף אונזער שטעדטעל און ווילט אונז פערלאָזען?

— דאָס איז דערפאַר — ענטפערט דער רב — וואָס זינט איך בין דאָ פרעגט מען מיך איצט די ערשטע שאלה.

189· ווער וועמען געהערט·

צום בריסקער רב ר' יוסף־בער סאָלאָווייציג זענען איינמאָל געקו־מען צוויי בעלי־בתים זיך לאָדען וועגען אַ קליין שטיקעל פלאַץ צווישען

זייערע ביידענס נחלאות. דער טענה׳ט מיט היץ, אז דאס שטיקעל פלאץ געהער צו אים, און יענער שרייט אויף קולות: ניין, ס׳איז ניט קיינעמס נאר מיינס!

נאכדעם ווי דער רב האט אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים האט ער זיך אביסעל איינגעבויגען און ווי צוגעלעגט דעם אויער צו דער ערד.

— הערט איר, מיינע ליבע יודען — רופט זיך אן צו זיי דער רב — אויסהערענדיג ווי איר קריגט זיך אזוי שטארק און לעגט־איין די וועלט צוליב א שטיקעל ערד פון א ד׳ אמות, האב איך זיך מישב געווען, אז ס׳איז רעכט אויסצוהערען וואס זי, די ערד אליין, האט וועגען דעם סכסוך צו זאגען, און אט וואס זי פון איר זייט טענה׳ט: זי געהערט ניט צו קיי־נעם פון אייך; פערקעהרט גאר, איר ביידע געהערט צו איר.

190. א מנחה אן כלבים.

דער זעלבער בריסקער רב ר׳ יוסף־בער איז איינמאל געפאהרען אויף א שיף. מנחה־צייט האבען יודען געמאכט א מנין און זיך געשטעלט דאווגען בצבור. נור איינער א יודישער גלוח, האט זיך פערקרומט בשעת ער האט דערזעהן יודען גרייטען זיך צום דאווגען און איז געשווינד אוועק אין עק שיף. נאכ׳ן דאווגען קומט ער צום עולם יודען, פרעגט אים איי־נער: וואו ער איז פריהער נעלם געווארען? ענטפערט ער:

— איך, פערשטעהט איר מיך, האב א שלעכטען מאגען, ער פערדייעט ניט קיין „מנחה״.

רופט זיך אן צו אים דער רב:

— געוויס האט איר געלערנט אמאל חומש קינדווייס, געדיינקט איר מן־הסתם, אז יעקב אבינו האט געשיקט א געשענק, א מנחה הייסט עס, צו זיין ברודער עשו פון אלץ וואס איז געווען ביי אים צו דער האנד: ציגען און צאפעס, שעפעלעך און ווידערס, קעמלען, קיה און אקסען, עזלען און מוילעזלען, פרעגט זיך: פאר וואס האט ער אים שוין ניט געשיקט צום רימעל הינט אויך? נאר דער תירוץ איז פשוט: וואס פאר א שיכות האבען כלבים צו א „מנחה״?

191. אדוואקאטען וועלען געווינען.

א יודישער אדוואקאט האט אמאל אויף געלעכטער פערגעבען א רב אזא שאלה:

— צווישען גיהנם מיט׳ן גן־עדן, ווי איר ווייסט, טיילט־אפ איין

וואַנד; היינט ווי איז דער דין, רבי, אויב די דאָזיגע וואַנד איז איינגעפאַ־לען? די גן־עדן־לייט זאָגען, אַז אויפבויען די וואַנד מוזען די גיהנם־לייט, און יענע טענה׳ן פערקעהרט, אַז ניט זיי נאָר די לייט פונ׳ם גן־עדן דאַרפען די איינגעפאַלענע וואַנד צוריק אויפבויען. ווי קומט־אויס, נאָך אייער מיינונג, ווער פון די ביידע צדדים וועט דעם משפט געווינען?

— אייגענטליך — ענטפערט דער רב — וואָלטען בעדאַרפט געווי־נען די גן־עדן־לייט, ווייל גיכער איז די וואַנד איינגעפאַלען צוליב דעם העלישען פייער וואָס פלאַקערט דאָרט אין גיהנם; נאָר מע קען ניט וויסען, אין גיהנם געפונען זיך אַזוי־פיל יודישע אַדוואָקאַטען מיט געשליפענע צינגלען, מן־הסתם וועלען זיי דעם משפט געווינען.

192. „יהגה חכמה“.

אַ מחבר איז געקומען צו אַ רב נאָך אַ הסכמה אויף אַ חבור זיינעם מיט׳ן נאָמען „יהגה חכמה“. נאָכדעם וואָס דער רב האָט אַביסעל דורכ־געבלעטערט דעם ספר, רופט ער זיך אָן צום ספר אויף גוי׳איש:

— צאָ יעגאָ טאָ ניע חכמה, צאָ חכמה טאָ ניע יעגאָ [1].

193. נאָך אַ צרה אויף איוב׳ן.

צו איינעם פון די גרויסע רבנים איז געקומען אַ מחבר צו בעטען אַ הסכמה אויף אַ פירוש וואָס ער האָט געמאַכט אויף משלי. דער רב האָט געהאַפּט אַ קוק אין איניגע ערטער און געזאָגט:

— פירושים אויף תנ״ך איז ביי אונז פאַראַן, ברוך השם, גענוג אַלטע און גאָרנישט קיין שלעכטע, דערפאַר בין איך זיך ניט נוהג צו גע־בען הסכמות אויף נייע פירושים.

— ערשט פאַר אַ פאָר יאָר — וואונדערט זיך דער מחבר — בין איך דאָך געוועזען ביי אייך און איר האָט מיר דעמאָלט געגעבען אייערע הסכמה אויף מיינעם אַ נייעם פירוש, וואָס איך האָב געמאַכט אויף איוב.

— איוב — מאַכט דער רב — דאָס איז גאָר אַן אַנדערע זאַך, איוב פערשטעהט איר, איז אויסגעשטאַנען אַזויפיל צרות, האָב איך זיך גע־טראַכט, וועט פאַר אים ניט אויסמאַכען, אַז ער וועט האָבען אויף זיך נאָך אַ צרה.

194. ניט זיין קיין נאַקיטער.

אַ רב האָט אַביסעל אַריינגעקוקט אינ׳ם ספר, וואָס איינער אַ מחבר

---

[1]) וואָס אייגענס איז ניט קיין חכמה, וואָס חכמה איז ניט אייגענס.

האָט אים געבראַכט און געבעטן אויף דעם אַ הסכמה. דערנאָך גיט ער אָפּ דעם מחבר זיין חבור און זאָגט אים דערביי:

— איך ווינש אייך, אַז אייער ספר זאָל ניט זיין אַזוי קיין נאַקיטער ווי ער וועט ניט זיין קיין הונגעריגער.

דער מחבר קוקט־אָן און פערשטעהט ניט קיין פירוש פון די ווערטער.

— פערשטעהט איר — ערקלערט אים דער רב — אַ הונגעריגער וועט אייער ספר געוויס ניט זיין, ווייל מע וועט מן הסתם אין אים איינ־פּאַקען הערינג און פּוטער און קעז; איך ווייס אָבער ניט צי עס וועט זיך געפונען איינער אַ בעלן אים איינצובינדען, ער זאָל ניט זיין קיין נאַקיטער.

195. אַ סגולה אַקעגען מזיקים.

אַ מחבר איז געקומען פאַר מנחה־צייט מיט זיין ספר צו אַ רב און געוואָלט פון אים בעקומען אַ הסכמה. דער רב האָט גענומען בלעטערען דעם ספר, געכאַפּט אַ קוק אַביסעל דאָ, אַביסעל דאָרט; דערנאָך רופט ער זיך אָן, אַז ס׳איז שוין צייט צו געהן אין שוהל דאַווענען מנחה. זאָגט דער מחבר צום רב:

— אפשר זאָל איך איבערלאָזען מיין חבור ביי אייך איבערנאַכט, וועט איר אין אים נאָך אַביסעל קוקען?

— ניין, ס׳איז ניט נויטיג — מאַכט דער רב — היינט וואָלט איך אייך גלאַט ניט גע׳עצה׳ט צו געהן ביינאַכט איבער דער שטאָדט אַליין אָן דעם חבור אייערען.

— פאַר וואָס איז?

— איר ווייסט דאָך, אַז אַ תלמיד־חכם טאָר ניט געהן אַליין ביי־נאַכט צוליב די מזיקים. און אַקעגען דעם קען אייער חבור זיין די בעסטע סגולה: די מזיקים וועלען פון אים באַלד קענען אַרויסזעהן, אַז ס׳איז אַ טעות און זיי האָבען דאָ לחלוטין ניט צו טון מיט קיין תלמיד־חכם.

196. מגלה חידושים.

צום גאון ר׳ יוסף פון דווינסק, וואָס איז געווען בעוואוסט מיט׳ן נאָמען „ראָגאַטשאָווער עלוי״, איז געקומען אַ מחבר מיט זיין ספר, וואָס איז שוין אָפּגעדרוקט אין פּעטריקאָוו, און איצט וויל ער צונויפנעמען ביי רבנים הסכמות און צודרוקען צו דעם ספר. בעט ער דערפאַר ביים ראָגאַט־שאָווער זיין הסכמה. דער ראָגאַטשאָווער נעמט דעם ספר, בעטראַכט דעם

שער, קוקט אַביסעל אינוועניג, מישט ווידער אויף דעם שער, און זאָגט דעם מחבר:

— אמת, איר זענט מיט אייער ספר מגלה חידושים, נאָר קיין הסכמה וועט איר ביי מיר ניט בעקומען.

דער מחבר איז אַביסעל אַראָפּגעפאַלען ביי זיך, וואָס דער ראָגאַטשאָ־ווער וויל אים קיין הסכמה ניט געבען; פון דער אַנדערער זייט אָבער איז ער ביי זיך געהויבען געוואָרען וואָס דער בעריהמטער „ראָגאַטשאָווער עלוי" געפונט ביי אים אין ספר חידושים, פרעגט ער דעם רב:

— זאָגט מיר, רבי, וואָס פאַר אַ חידושים האָט איר אין מיין ספר געפונען?

— פאַר מיר — זאָגט דער ראָגאַטשאָווער — איז דער ספר אייערער באמת מגלה חידושים, אַז ס'איז פאַראַן אין פּעטריקאָוו אַ דרוק.

197. אַ זעלטענע המצאה!

צום גרויסען רב ר' דוד אין נאָווגרודאָק איז געקומען איינער פון די יונגע לייט בעטען אַ הסכמה אויף זיין פירוש, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דער תורה און אָנגעשריבען עס טאַקי אין אַ געדרוקטען חומש אויפ'ן לעדיגען פלאַץ אַרום ביי די זייטלעך. דער רב בעטראַכט דעם כתב־יד, בלעטערט אים און קוקט־אַריין אַלע מאָל אַביסעל אויף אַן אַנדער זייטעל, און פון צייט צו צייט וואונדערט ער זיך און מאַכט: אַ זעלטענע המצאה! אַ שאַרף־שפּיציגער איינפאַל!

דער מחבר זיצט ביי דער זייט, קוקט אויפ'ן רב און האָט שטאַרק הנאה דערפון, וואָס דער פירוש זיינער, ווי עס־וויזט־אויס, האָט אַזוי אויסגענומען אין די אויגען פונ'ם בערימטען רב. צום סוף האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און ער גיט דעם רב אַ פרעג:

— רבי, געפעלט אייך אַזוי די המצאות פון מיין פירוש?

— חלילה! — ענטפערט דער רב מיט אַ שמייכעל — אדרבא, דער פירוש טויג אויף גאָר נישט, נאַרישע זאַכען, און ער האָט כשר פערדינט מע זאָל נעמען און אַוועקשליידערען אים אויף דער ערד, נאָר איך בעוואונדער דיין המצאה צו שרייבען אַזאַ משונה פירוש אויף די זייט־לעך פונ'ם הייליגען חומש און דורך דעם אויפטו דיינעם האָסטו בעוואָרענט דיין פירוש, אַז קיינער זאָל ניט וואַגען אים אויף דער ערד וואַרפען.

198. איוואַן קען יודיש.

איינעם אַ רב פון אַ גרויסער שטאָדט אין רוסלאַנד האָט מען אַמאָל

געפרעגט: ווי קומט עס, וואס ער קען ניט קיין איין ווארט רעדען אויף דער לאנדסשפראך, ס׳איז דאך אונמעגליך אן דעם זיך צו בעגעהן?

— איך קען זיך בעגעהן — ענטפערט דער רב — וואס פאר א געשעפטען האב איך מיט גוים?

— אט האט איר א געשעפט אלע פאר פסח מיט איוואנ׳ען צו פער־קויפען אים דעם חמץ, דארפט איר דאך מיט אים קענען רעדען?

— מיין איוואן קען יודיש.

199. א גליק וואס ער פאסט.

א קליינשטעטעלדיגען יודען האט מען געפרעגט:

— ווי קען עס דער רב אייערער לעבען פון דער גראשענדיגער שכירות וואס ער בעקומט?

וואס מיינט איר — האט יענער געענטפערט — אונזער רב וואלט געוויס פון הונגער שוין לאנג פון דער וועלט געגאנגען; דער גאנצער גליק איז, וואס ער פאסט גלאט אלע מאנטאג און דאנערשטאג, און אפט־מאל פאלט־אונטער א תענית־חלום אויך.

200. א ברכה לבטלה!

איינער א רב האט שטארק געהאלטען פון מצות מילה און געוועזען אפט ביי בעלי־בתים אויף ברית׳ען א מוהל, אפילו אויף דער עלטער, ווען ער איז שוין שטארק געוועזען געשלאגען אויף דער ראיה, האט ער זיך אלץ ניט געוואלט אפזאגען פון דער גרויסער מצוה. איינמאל אויף א ברית האט ער אפגעזאגט מיט גרויס כונה די ברכה „על המילה״ און ניט־זעהענדיג פערקראכען מיט׳ן מוהל־מעסער אין א זייט און געגעבען א רעכטען שניט ביי׳ם סנדק.

דער סנדק האט פאר גרויס וועהטיג געגעבען א געשריי ניט מיט זיין קול. דער אלטער מוהל האט זיך באלד אנגעשטויסען, אז ער האט דא געהאט א שטיקעל טעות, זאגט ער מיט הארץ:

— הוי־וואי, הוי־וואי, א ברכה לבטלה!

201. ברוך דין אמת.

אויף איינעם א דין ר׳ ברוך האט מען אין שטאדט געמורמעלט, אז ער ווייסט צופיל א צורת מטבע און ער איז שטארק געחאפט אין נעמען אמאל שוחד אויף גערעכט צו מאכען דעם שולדיגען. איינמאל, נאכדעם

וואָס ס'האָט זיך געענדיגט ביי אים אַ דין־תורה, האָט אים איינער פון די צדדים געגעבן אָנצוהערן גאַנץ אָפען, אַז דער פסק־דין זיינער איז ניט קיין אמת'ער. רופט זיך אָן דער דין:

— אויף מיר קען מען אַזאַ זאַך ניט זאָגען, ווייל עס שטעהט דאָך בפירוש: „ברוך דין אמת" (ד. ה. ברוך איז אַן אמת'ער דין).

— הערט איר, רבי, — מאַכט יענער אויפגעבראַכט — שלמה המלך דער גרויסער חכם האָט שוין לאַנג געזאָגט „יהללך זר" (לאָז דיך לויבען אַ פרעמדער), דערפאַר וואָלט גלייכער געווען, אַז אַנדערע זאָלען אויף אייך דאָס דאָזיגע זאָגען.

202. דער טויבער רבי.

אין אַ שטעדטעל איז געוועזן אַ טויבער רבי. איינמאָל, אין אַ שמועס צווישען די בעלי־בתים, רופט זיך איינער אָן:

— ווייסט איר פאַר וואָס אונזער רב איז טויב? דאָס נעמט זיך נור פון שוחד.

— צוליב שוחד ווערט מען דען טויב? — פרעגט אַ צווייטער — אויף שוחד זאָגט דאָך אונזער תורה, אַז עס מאַכט בלינד.

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט יענער — דער וואָס נעמט טאַקי שוחד און זעהט עס ממש מיט די אויגען ווערט ער בלינד; אונזערען רב אָבער נאַרט מען נור אָפּ מיט צוזאָגען שוחד און בעקומען בעקומט ער ניט, הייסט עס, אַז ער הערט נור דערפון מיט די אויערען, דערפאַר האָט עס אים געמאַכט טויב.

203. אַ דין־תורה מיט גאָט.

איינער פון אַ קליין שטעדטעל איז געקומען צום רב פון דער נאָהענטער גרויסער שטאָדט.

— רבי — זאָגט ער אים — איך בין אַליין פון אַ קליין שטעדטעל דערביי, געקומען בין איך צו אייך וועגען אַ דין־תורה, איך וויל פאַר האָבען אַ דין־תורה מיט גאָט. די מעשה דערפון אין קורצען איז אַזוי: געהאַט האָב איך מיין אייגענס אַ ווייב און אַ צעהן טויזענד רובל דערצו. וואָס האָט גאָט געטון? פריהער האָט ער ביי מיר צוגענומען די צעהן טויזענד רובל און דערנאָך דאָס ווייב. טענה איך: וואָס וואָלט אים, אַ שטייגער, געהאַרט ווען ער טוט דאָס אייגענע פערקעהרט: ער זאָל פריהער צונעמען דאָס ווייב, וואָלט איך, אַן אַלמן מיט צעהן טויזענד רובל, גאַר גרינג געקענט נעמען אַן אַנדער ווייב מיט צעהן טויזענד רובל נדן, דער־

נאָך האָט ער געמעגט, אויב ער האָט געוואָלט, צונעמען ביי מיר איינע צעהן טויזענד רובל, וואָלט איך אַלץ געהאַט אַ ווייב מיט צעהן טויזענד און ער טאַקי אויך.

— זאָגט מיר, מיין ליבער יוד — פרעגט אים דער רב — פאַר וואָס עפּיס זענט איר געקומען מיט דער דין־תורה צו מיר און ניט געגאַנגען צום רב פון אייער שטעדטעל?

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט יענער — אויף אונזער רב האָב איך זיך ניט געקענט פערלאָזען אין אַזאַ זאַך, ווייל איך ווייס, אַז ער האָט צופיל מורא פאַר גאָט, וואָלט ער געוויס אים צוגעפּסק׳עט. וועגען אייך אָבער האָב איך געהערט, אַז איר האָט פאַר גאָט ניט אַזוי שטאַרק מורא, דערפאַר בין איך צו אייך געקומען האָבען דעם דין־תורה מיט גאָט.

204. קיינעם ניט געגאַנגען פרעגען.

— הער ראַבינער — פרעגט אַ יוד אין דייטשלאַנד דעם רב פון שטאָדט — מיין באָרד מעג איך זיך ראַזירען?

— חלילה! — ענטפערט דער ראַבינער — ס׳איז בפירוש פער־ווערט, אַן איסור מן התורה.

— אויב אַזוי, רבי, פאַר וואָס געהט איר אַליין ראַזירט די באָרד?

— דאָס איז עטוואָס אַנדערש. איך, פערשטעהט איר, בין קיינעם ניט געגאַנגען פרעגען.

205. אַ דאָקטאָר צו אַ טויטען.

אַ פּויליש מיידעל איז אַריינגעקומען אין אַ דייטשער שטאָדט צום ראַבינער, געוועזען אַ דאָקטאָר פילאָזאָפיע, מיט אַ געקוילעטער הון און זאָגט אים:

— איך בין געקומען צו אייך מיט אַ שאלה, רבי...

— מיך רופט מען ניט רבי — זאָגט ער איר — נאָר דאָקטאָר. דאָס מיידעל נעמט די הון און לאָזט זיך צוריק אַוועקגעהן.

— וואוהין? — שטעלט זי אָפּ דער ראַבינער.

— וואָס קען — זאָגט זי — אַ דאָקטער העלפען אַ טויטען?

דער דראַזשנער רבי

206. I וואָס פאַר אַ זייגער.

א יוד איז געקומען צום דראַזשנער רב און קלאָגט זיך:

— רבי, מיין לעבען מיט מיין ווייב איז גאָר קיין לעבען ניט און איך מוז זעהן וואָס גיכער פון דער צרה פטור צו ווערען. ס׳איז אַ בושה צו דערצעהלען, זי טראָגט אַרויס וואָס אין דער שטוב געפינט זיך. אַ זייגער האָב איך געהאַט, האָט זי דאָס אפילו אויך אַוועקגעלקח׳ענט.

— פון וואַנען — פרעגט דער רב — קענסטו וויסען, אַז זי האָט עס גענומען, טאָמער ביזטו גאָר אומזיסט חושד אַ כשר׳ע און אומשולדיגע יודישע טאָכטער?

— וואָס רעדט איר, רבי, איך האָב זי אַנימעלט אַליין בעזוכט און געפינען מיין זייגער ביי איר טאַקי, מחילה, אונטער׳ן העמד.

— איצט זאָג מיר — צעפרעגט זיך ווייטער דער רב — וואָס פאַר אַ זייגער איז דאָס געווען, אַ קעשענע־זייגער צו אַ וואַנד־זייגער?

207. II ברייגגען די שיף אַהער!

צוויי יודען תבואה־הענדלער זענען געקומען אַ דין־תורה האָבען פאַר׳ן דראַזשנער רב: געפאָהרען זענען זיי צוזאַמען אויף אַ שיף און געפיהרט מיט זיך ווייץ, האָט זיך געמאַכט אין דער שיף אַ שפאַלט און ס׳איז אַריינגערינען אַהין וואַסער און פאַרנעצט אַ טייל פונ׳ם ווייץ; טענה׳ט יעדער פון די צוויי סוחרים, אַז די פערנעצטע ווייץ איז יענעמס, ניט זיינס. דער רב נעמט אַרויס גמרות און פוסקים, ראשונים און אחרונים, קוקט און זוכט דאָרט אין אַלע ווינקעלעך, קלערט און קנייטש דעם שטערען, צום סוף רופט ער זיך אָן צו די סוחרים:

— הערט איר, מיינע ליבע יודען, אַזוי קען מען ניט וויסען; קיין אַנדערע עצה איז ניטאָ, איר מוזט זיך מטריח זיין און ברענגען די שיף אַהער!

208. III. אויך גערעכט.

איינער איז געקומען צום דראַזשנער רב און זיך בעקלאָגט פאַר אים אויף זיינעם אַ שותף. אויסגעהערט די טענות זיינע, זאָגט אים דער רב, אַז ער איז גערעכט.

דער איז אַוועקגעגאַנגען, קומט נאָך דעם דער צווייטער שותף און דערצעהלט דעם רב זיינע טענות, גיט אים דער רב אויך גערעכט.

די רבי־צען האָט עס געהערט, וואונדערט זי זיך, און נאָכדעם ווי דער צווייטער שותף איז אַוועקגעגאַנגען פרעגט זי דעם רב:

— ווי קען דאָס זיין, אַזביידע זאָלען זיין גערעכט?

דער רב האָט זיך אַביסעל פאַרטראַכט און געענטפערט:

— וואָס מיינסטו, דו ביזט טאַקי אויך גערעכט.

209. IV. אַלץ אויף דער לינקער זייט.

געוועזען איז דער דראַזשנער רב אַ גרויסער שלימזל׳ניק און דאָס ווייב זיינס האָט מיט אים דעריבער געהאַט תמיד צו זינגען און צו זאָגען. מעהר פון אַלצדינג פלעגט זי מיט אים האָבען צו טון אַלע ערב שבת מכוח דעם העמד: ווי דער שטייגער איז, האָט זי מיט געגעבען אין מרחץ פריש וועש יעדעס מאָל אָנגעזאָגט, ער זאָל בשעת אָנטון געדיינקען צו נעמען דאָס העמד און איבערקעהרען עס אויף דער רעכטער זייט, און ער געוועהנליך פלעגט שטענדיג פערגעסען און אָנטון דאָס העמד אויף דער לינקער זייט. פערשטעהט זיך אַז אַלע מאָל, ווען ער איז געקומען פון מרחץ אַהיים, האָט ער שוין געהאַט דערפאַר פון דער רבי־צען זיין עהרליך אויסקומעניש. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפען: געקומען דער אַנדערער פרייטאָג — ווידער די אייגענע מעשה.

איינמאָל אין אַ ערב שבת איז זיך מישב די רבי־צען און איידער זי גיט דעם רב מיטצונעמען אין מרחץ די ווייסע וועש, נעמט זי און קעהרט אַליין דאָס העמד איבער אויף דער רעכטער זייט. דאַרף זיך גראָד דעמאָלט מאַכען, ווי אויף צו להכעיס, דער רב זאָל זיך דערמאָהנען ביי׳ם אָנטון וועגען דעם וואָס די פלונית זיינע האָט מיט אים צו טון אַלע ערב־שבת, חאַפּט ער און קעהרט־איבער דאָס העמד און טוט עס אָן.

דער רב קומט פון מרחץ אַהיים, די רבי־צען גיט אַ קוק אויפ׳ן העמד

— ווידער די אייגענע צרה. הויבט זי אָן אויף אים צו ליאַרמען מיט קולות:

— וואָס איז פאַר אַ שלאַק? סטײטש. איך אַליין האָב דאָך שוין היינטיגעס מאָל מיט מיינע אייגענע הענד איבערגעקערט דאָס העמד אויף דער רעכטער זייט. צום סוף טראָגסטו עס אַלץ אויף דער לינקער זייט!

— אַזוי? — מאַכט דער דראַזשנער רב שטאַרק פערוואונדערט — דו זאָגסטו. האָסט אויך איבערגעקערט. אַ מעשה. אַמעשה! איך זאָג דיר. טאַקי נור פלאי־פלאים! אי דו האָסט איבערגעקערט. אי איך האָב איבערגעקערט. — און עס קומט־אויס אַלץ אויף דער לינקער זייט!

210. V. חכמה פון הינער.

אַלע שבת פאַר'ן טשאָלענט איז דער דראַזשנער רב געוואוינט געווען צו עסען געהאַקטע אייער. איינמאָל שבת האָט מען אים ניט דערלאַנגט צום טיש דעם דאָזיגען מאכל.

— רבי'צען — פרעגט דער רב — ווי קומט עס. וואָס היינטיגען שבת האָסטו משנה געווען פונ'ם מנהג?

— ס'איז שוין נאָך זומער — ענטפערט די רבי'צען — האָבען די הינער אויפגעהערט אַזוי צו לעגען אייער. פריהער האָט אַן איי געקאָסט איין גראָשען. איצט קאָסט שוין דריי גראָשען.

— געלויבט איז גאָט. ברוך־הוא — מאַכט דער דראַזשנער רב — וואָס גיט פערשטאַנד ניט נור דעם האָן. נאָר אויך דער הון: פאַר איין גראָשען וויל זי ניט לעגען קיין איי. און זי לעגט נור פאַר דריי גראָשען!

מגידים.

211. גוט זיך אויסגעשלאָפען.

אַ מגיד איז געקומען אין אַ שטעדטעל און געהאַלטען אין שוהל שבת בייטאָג אַ דרשה. אַ גרויסער עולם איז געקומען הערען דעם מגיד׳ס דרשה. איז געווען אין שטעדטעל איינער אַ שטיקעל משכיל, זעהט ער ווי דער עולם לויפט אַזוי הערען דעם מגיד, געהט ער אויך. אויף מאָרגען בעגעגענט זיך דער מגיד מיט׳ן משכיל, געוואוסט האָט ער, אַז נעכטען איז אים יענער אויך געקומען הערען, פרעגט ער אים: ווי ס׳איז אים געפעלען די דרשה?

— איך קען אייך נור זאָגען — ענטפערט דער משכיל — אַז איך האָב נאָך דער דרשה אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען.

— אַזאַ רושם האָט אויף אייך געמאַכט מיין דרשה?

— ניין — זאָגט יענער — איך האָב ניט געקענט שלאָפען דערפאַר: ווייל איך האָב שוין אַזאַ טבע, אַז וויבאַלד איך שלאָף זיך אויס בייטאָג קען איך שוין ביינאַכט קיין אויג ניט צומאַכען.

212. גוף.

— אַלע צרות און שלעק אויף דער וועלט — אַזוי האָט אויסגעדרונגען אַ מגיד אין זיין דרשה — נעמען זיך נור פונ׳ם גראָבען גוף, וואָס פיהרט־אַראָפּ דעם מענשענס איידעלע נשמה פונ׳ם גלייכען וועג און פערפיהרט זי צו אַלעס בעז אין דער וועלט. אָט דער פערגרעבטער חומר, דער גוף, וויל נור וויסען פון תאוות עולם־הזה און תמיד איז ער להוט נור צו עסען און שלאָפען, ניט אומזיסט הייסט ער גוף: גוף מאַכט — שרייעט דער מגיד מיט היץ — גוואַלד, וואָס פרעסטו? גוואַלד, וואָס פאַפסטו?

— גוף מאַכט נאָך — זאָגט דערבײַ שטילערהייד אײנער פון די צוהערער צום נאָהענטען שכן זײנעם — גוואַלד, וואָס פלוידערסטו? גוואַלד וואָס פלאַפּלסטו?

213. נאָך אַ בעסערער תּירוץ.

אַ מגיד האָט אַמאָל געזאָגט אין זײן דרשה:

— עס שטעהט אין פסוק: „אתם נצבים היום כלכם לפני ה׳ אלהיכם ראשיכם, שבטיכם, זקניכם ומלכיכם״ — וואָס פאַר אַ מלכים האָבען דען יודען געהאַט אין יענער צייט?

רופט זיך אָן אײנער פונ׳ם עולם אויף אַ קול:

— דאָס וואָרט „ומלכיכם״ שטעהט דאָך גאָר ניט דאָרט אין חומש!

— אמת — זאָגט דער מגיד — דאָס איז טאַקי, זעהט איר, אויך ניט קײן שלעכטער תּירוץ אויף דער קשיא; ס׳איז אָבער פאַראַן דערויף נאָך אַ בעסערער תּירוץ, גאָר אַ שכל׳דיגער און אַ שאַרפער, הערט־זשע, רבותי...

214. אויף דער וועלט ניט געווען.

די מחלוקת פון איוב מיט זײן ווייב האָט אַ מגיד אין זײן דרשה ערקלערט אַזוי:

— זיי בײדע האָבען זיך ניט גלאַט אַזוי געאַמפּערט, ווי עס מאַכט זיך אַ פּאָר פאָלק צווישען זיך, נאָר זיי האָבען זיך ניט געקענט אויסגלײ־כען מיט דער דעה וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין: איוב האָט געהאַלטען ווי דער מאן־דאמר (דער וואָס זאָגט) אַז „איוב לא היה ולא נברא״ (איוב איז גאָר אויף דער וועלט ניט געווען), און דאָס ווייב זײנס האָט געהאַל־טען פערקעהרט, און דערפאַר, אַז ער האָט דערהערט פון איר די ווערטער „ברך אלהים ומת״ (לעסטער גאָט און שטאַרב) איז ער געוואָרען אָנגעצונ־דען און אויסגעשריגען מיט כעס: „כדבר אחת הנבלות תדברי״ (דו רעדסט ווי אײנע פון די מיאוסע הולטייקעס), ווארום ווי זאָגט מען עס „שטאַרב״ צו אַזוינעם וואָס איז גאָר אויף דער וועלט ניט געווען!

215. אָן ציין.

דער קעלמער מגיד האָט געגעבען צו פערשטעהן דעם פסוק אין תהלים „שני רשעים שברת״ (דו האָסט צעבראָכען די רשעים׳ס ציין), פאַר וואָס גראָד עפּיס די ציין?

— ווען דער רשע קומט אויף יענער וועלט מיט אַ געגאָלטער באָרד,

פרעגט מען אים: רשע, זאג וואו איז די באָרד דיינע? ענטפערט ער אַזוי: בין איך דאָך געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט אָן אַ באָרד.

— אויב אַזוי — זאָגט מען אים — ביזטו דאָך געבוירען געוואָרען אָן ציין אויך, צום סוף ביזטו אַהער געקומען מיט ציין אין מויל.

נעמט מען באַלד און מע האַקט אים אויס אַלע ציין ביז איינעם.

216. גאָר קיין פערד ניט.

דער זעלבער מגיד האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ דרשה:

— מענשען זענען געגליכען צו פערד. ס'איז דאָ, רבותי, פערשי־דענע פערד: פאַראַן אַ גוט פערד, וואָס לויפט גיך פון זיך אַליין און מע דאַרף אים גאָר ניט טרייבען, אַפילו קיין בייטש ווייזען; פאַראַן ווידער אַ פערד פון די מיטעלע, וואָס פוילט זיך אונטער אַביסעל, נאָר קוים ווייזט מען אים אַ בייטש געהט ער זיין וועג געשמאַק; און נאָך אַ דריטער מין פערד איז פאַראַן, גאָר אַ פוילער, וואָס העלפט אים ניט קיין טרייבען מיט קיין בייטש, ער הייבט ניט קיין פיס און וויל זיך ניט ריהרען פונ'ם אָרט, אַזאַ פערד טויג צו גאָר נישט. אַזוי, רבותי, איז פאַראַן אַ צדיק גמור וואָס איז גוט און פרום, מע דאַרף אים גאָר קיין מוסר ניט זאָגען, ניט טרייבען צו עבודת הבורא — דאָס איז רבותי, אַ גוט פערד; פאַראַן ווי־דער אַ בינוני, אַ מיטעלער, וואָס מע דאַרף אים מעורר זיין, וועקען און מוסר'ען, נאָר דאָס טרייבען אים העלפט, ער זאָל זיך דערמאָהנען צו טון זיין חוב — דאָס איז נאָך אויך ניש־קשה פון אַ פערד; פאַראַן אָבער אַ גוי גמור, וואָס וויפיל מע זאָל אים מוסר'ען און טרייבען וועט ער זיך ניט ריהרען צו געהן דאַוונען אָדער אַזוי עפּיס אַ מצוה צו טון — דאָס, רבותי, איז גאָר קיין פערד ניט.

217. אויסמעקען פרעמדס.

דער בערימטער "ווילנער מגיד" איז געקומען ערב שבת אין אַ פרעמדע שטאָדט. קומט ער אין דער גרויסער שטאָדט־שוהל און זאָגט דעם שמש, אַז ער איז דער "ווילנער מגיד" און וויל זאָגען שבת פאַר'ן עולם אַ דרשה. רופט זיך אָן צו אים דער שמש:

— רב יוד, אַ מגיד אפשר זענט איר, דאָס ווייס איך ניט, אָבער דער "ווילנער מגיד" איז שוין געקומען אַהער מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק און דרש'ט פאַר'ן עולם. היינטיגען שבת וועט ער אויך זאָגען ביי אונז אין שוהל.

שבת פאַרנאַכט קומט אין שוהל צווישען דעם עולם אויך דער

אמת׳ער ״ווילנער מגיד״ צו הערען די דרשה פון דעם וואס פעררופט זיך אויף זיין נאָמען. יענער דרשן האָט פריהער געזאָגט גאַנצע שטיקער טאַקי פונ׳ם ״ווילנער״ מגיד׳ס דרשות, צום סוף האָט ער גענומען זאָגען אייגענס, עם־הארצות׳דיגע פשט׳לעך מיט גלאַט נאַרישקייטען. דאָ האָט זיך שוין דער ״ווילנער מגיד״ מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און איז אַרויף אויף דער בימה און געזאָגט:

— הערט מיך אויס, רבותי, דער ״ווילנער מגיד״ בין איך, ניט אָט דער יוד, וואָס שטעהט דאָרט און דרש׳עט פאַר אייך. ווערט איר אָבער פרעגען: ווי קומט עס וואָס איך האָב געשוויגען ביז איצט? וועל איך אייך דערויף דערצעהלען אַ מעשה און בעט איר זאָלט מיך אויסהערען ביז׳ן סוף:

אין אַ שטעדטעל האָט אַ גביר אויסגעגעבען זיינע אַ טאָכטער. די חתונה איז געווען, פערשטעהט זיך, אַ גרויסאַרטיגע כיד הגביר. איז געווען אין שטעדטעל דעם גביר׳ס אַ קרוב, אַ גרויסער אָרימאַן, האָט ער דעם גאַנצען טאָג פון דער חתונה געפאַסט, גלייך ווי די חתן־כלה, גאָר־נישט גענומען אין מויל, כדי ער זאָל האָבען דעם רעכטען אַפּעטיט צו דער גביר׳ישער חופּה־סעודה אויף דער חתונה. און ער איז געזעסען און געוואַרט דעם גאַנצען טאָג דער שמש זאָל אים קומען בעטען אויף דער חתונה. ווי אויף צו להכעיס אָבער האָט דער גביר אין אים פערגעסען און קיינער איז ניט געקומען אים רופען. ביז שפּעטליך פאַר נאַכט האָט ער אַלץ געוואַרט און אַרויסגעקוקט, ער זעהט, אַז קיינער קומט ניט און דאָ חלש׳ט ער עסען, זאָגט ער דעם וויינ, זי זאָל אים געבען עפּיס וואָס עס איז איבערצוכאַפּען. דערלאַנגט זי אים דאָס איינציגע, וואָס ס׳האָט זיך געפונען אין שטוב פון עסענוואַרג: אַ פולען טעלער קאַלטען פּאַסאָ־ליעס־צימעס. נאָך אַזאַ תענית האָט ער עס איינגעשלינגען ביז׳ן סוף. ווי ער האָט געענדיגט עסען הערט ער מע קלאַפּט אין פענסטער. וואָס איז? דער שמש איז אים געקומען רופען: דער גביר האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז דער קרוב איז ניטאָ, האָט ער געשיקט בעטען תיכף צו קומען. דער אָרי־מער קרוב האָט געכאַפּט אויף זיך די שבת׳דיגע קאַפּאָטע און איז אַוועק אויף דער שמחה. געקומען איז ער גלייך צו דער סעודה. מע האָט דער־לאַנגט צום טיש די טייערע פיש. יענער האָט פון זיין גרויסען חלק פיש ניט איבערגעלאָזט קיין ברעקעל, דערנאָך האָט ער זיך געקוויקט מיט דער ״גאָלדענער יוך״; געקומען צום געבראָטענעם איז ער שוין אַביסעל צוגעשטאַנען, נאָר ווי אַזוי לאָזט מען איבער? ס׳איז דאָך אַן עבירה פאַר גאָט! האָט ער זיך אָנגעטון אַ כוח און גובר געווען דעם גאַנצען חלק גע־

בראָטענס אויך. פערשטעהט זיך, אַז באַלד האָט דער קרוב אָנגעהויבען צו מאַכען דעם ברי׳יטען מחזור און געבען פון זיך צוריק כסדר: דאָס עוף מיט די פיש, געקומען צום סוף צום פּאַסאָליעס־צימעס, רופט זיך אָן דער גביר שטאַרק אויפגעבראַכט:

— מילא ווען דו האָסט אויסגעמעקעט דאָס, וואָס דו האָסט ביי מיר געגעסען, האָב איך געליטען און געמוזט שווייגען, אַ ברירה האָב איך געהאַט? אָבער אַז דו האָסט גענומען אויסמעקען דיינע אייגענע פּאַסאָליעס בין איך כלל ניט מחויב צו ליידען. אַרויס פון דאַנען!

218. אָפּגעגעבען דעם שליסעל.

אַ מגיד האָט געזאָגט אַ דרשה אין אַ שוהלכעל אין אַ וואָכענדיגען טאָג נאָך מעריב. וואָס ווייטער איז דער עולם געוואָרען אַלץ וועניגער ביז ס׳איז געבליבען, אַ חוץ דעם שמש, אַ פּאָר מקבלים, וועלכע זענען גע־זעסען אין ווינקעל און געדרימעלט — און דער מגיד האַלט אַלץ אין איין זאָגען. דער שמש האָט געזעהן, אַז ס׳איז אַ מעשה אָן אַן עק, איז ער זיך מישב און געהט־צו צום מגיד, דערלאַנגט אים דעם שליסעל פון שוהל און זאָגט אים דערביי:

— נאַט אייך דעם שליסעל. ווען איר וועט ענדיגען די דרשה זאָלט איר זיך מטריח זיין צו פאַרשליסען די שוהל און דערנאָך צו מיר דעם שליסעל אַריינטראָגען.

219. זיי לאָזען דעם פּסוק ניט זאָגען.

אין אַ חסידיש׳ער שוהל איז געקומען איינער פון די בעוואוסטע מגידים צו זאָגען דאָרטען אַ דרשה. ווי דער מגיד איז אַרויף אויף דער בימה און געוואָלט זיך שטעלען זאָגען, האָט דער עולם אָנגעהויבען קלאַפּען מיט די סטענדערס און שרייען אויף קולות: „קיין מגידים דאַרפען מיר ניט, ביי אונז אין שוהל זאָגט מען ניט קיין דרשות!" הייסט דער מגיד דעם שמש אויסרופען פאַר׳ן עולם, אַז ער מיינט גאָר דאָ ניט צו זאָגען קיין דרשה, ער וויל מעהר ניט ווי דערצעהלען אַ קורצע מעשה, וואָס האָט זיך פערלאָפען מיט אַ יודען אַ סוחר, און ס׳איז כדאי די דאָזיגע מעשה אויס־צוהערען. דער עולם איז דערויף בעשטאַנען און דער מגיד נעמט דערצעהלען:

איינמאָל געהט אַ יוד אין גאַס מי׳ט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און זעהט־אויס צו זיין שטאַרק פערזאָרגט. בעגעגענט אים זיינער אַ באַקאַנטער, אַ גוטהאַרציגער אַלטער מאַן, און גיט אים אַ פרעג:

— וואָס איז מיט אייך, פעטער, אַזוינס געשעהן, וואָס איר זענט אַזוי פערדאגה'ט?

— ווי אַזוי זאָל איך ניט זיין פערדאגה'ט — ענטפערט אים יענער — אַז איך האָב אַ גרויסע צרה, און דער פערדראָס איז נאָך גרעסער וואָס אינגאַנצען איז עס גאָר איבער איין קלייניגקייט: אַליין בין איך, ווי איר ווייסט, אַ סוחר און איך האַלט איצט ביי מאַכען אַ גוט געשעפט מיט'ן היגען פריץ, און עס שטעהט מיר פאָר צו פערדינען אַ היבש ביסעל געלד, אַזוי אַז איך וואָלט געקענט שען חתונה מאַכען מיין טאָכטער און מיר זאָל נאָך בלייבען היבשליך אין קעשענע, קען איך אָבער נישט פערענדיגען דעם עסק צוליב אַ נאַרישקייט: דער פריץ האָט מיר געהייסען קומען צו זיך אַ היים, און ווי איך קום נור צום פריץ'ס הויף, פאַלען אויף מיר דאָרט אָן שרעקליכע בעזע הינט ווי די בערען און זענען גרייט מיך צעררייסען אויף שטיקער, אַז איך מוז אַנטלויפען פון דאָרט אָן אַ נשמה.

— זייט רוהיג — זאָגט אים דער אַלטער מאַן — איך האָב אַ גוטע עצה דערצו: איר געהט ווידער צום פריץ, און אויב די הינט וועלען אייך בעפאַלען, זאָלט איר באַלד אויפ'ן שטעל אַ זאָג טון דעם פסוק: "ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו" וועט איר זעהן, אַז זיי וועלען פערשטומט ווערען און אייך ניט טון קיין שום בעז.

דער סוחר איז ווידער אַוועק צום פריץ, לאָזט זיך אַריינגעהן אין הויף, נאָר די הינד בעפאַלען אים, ווי געוועגליך, און איידער ער האָט גענומען זאָגען דעם פסוק, האָבען זיי אים שיער ניט צעריסען, קוים מיט'ן לעבען האָט ער זיך געראַטעוועט פון זייערע מיילער. געהט ער צוריק אין גרויסע צרות און בעגעגענט ווידער דעם אַלטען מאַן. פרעגט אים יענער:

— נו האָט איר געזאָגט דאָרט דעם פסוק? האָט עס געהאָלפען?

— אפשר וואָלט עס געהאָלפען — זאָגט דער סוחר מיט אַ טיפען קרעכץ פון האַרצען — דער אומגליק איז אָבער, וואָס יענע זענען אַזוינע כלבים, אַז זיי לאָזען ניט פון אָנהויב־אָן דעם פסוק זאָגען.

אָט די דאָזיגע קורצע מעשה האָב איך אייך, רבותי, געוואָלט דערצעהלען און מעהר ניט — האָט אויסגעלאָזט דער מגיד, און איז אַראָפּ פון דער בימה און גלייך אַוועק פון שוהל.

220. אַ פסוק פאַר אַ פסוק.

אַן אָרימער מגיד איז געקומען צו אַ קאַרגען גביר נאָך אַ נדבה, זענען אים הינט בעפאַלען אין הויף. דער גביר קוקט פון אָפענעם פענסטער

און זעהט ווי דער מגיד האָט זיך איבערגעשראָקען אויף טויט, לאַכט ער אויף אַ קול און רופט זיך צו אים אָן:

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקען, רב מגיד? איר קענט דאָך זיי, די כלבים מיין איך, אַ זאָג טון דעם געוויסען פסוק: לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך". 1)

— איידער זיי צו זאָגען יענעם פסוק — ענטפערט דער מגיד מיט מיט אַ שטאָך צוריק — וועל איך בעסער זאָגען אייך אַן אַנדערען פסוק: „האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה?" 2)

221. דער חילוף.

צו איינעם אַ קאַרגען גביר אַ בן־תורה איז געקומען אַ מגיד, מיט דער מיין, יענער זאָל אים בעהילפיג זיין מיט אַ שענער נדבה. דער מגיד איז דערוויל מכבד דעם גביר מיט אַ שאַרף שטיקעל תורה, יענער הערט אויס מיט הנאה און ווייזט טאַקי באַלד דעם מגיד, אַז תורה זאָגען קען ער אויך. דער מגיד זאָגט ווידער אַ שען פשט׳ל און דער גביר פון זיין זייט בלייבט ניט שולדיג און צאָהלט־אָפּ אויפ׳ן שטעל ווייטער מיט אַ תורה, און אַזוי אויך אַ דריט מאָל. דער מגיד זעהט־אַרויס, אַז דער קאַרגער גביר איז דאָ אויסען צו מאַכען גלאַט אַ חילוף און מיינט אָפּצוקומען מיט אַ פשט׳על, דער־צעהלט ער אים אַזאַ משל:

— געווען אַמאָל אַ גרויסער אָרימאַן, וואָס האָט כל ימיו געליטען נויט. ער מיט זיין הויזגעזונד. איינמאָל רופט זיך אָן צו אים דאָס וויב:

וויפיל, מיין מאַן, וועט זיין דער שיעור אונז צו ליידען הונגער און דחקות? פריוו אויך אַרויספאָהרען אויף דער וועלט, ווי אַנדערע טוען, און הויב אָן מיט עפּיס צו האַנדלען, אפשר וועט גאָט העלפען.

דער אָרימאַן האָט אַזוי געטון, פערקויפט דאָס לעצטע פון שטוב, צונויפגעשלאָגען עטליכע גראָשענס און אַוועק אין מאַרק צו קויפען דאָרט דאָס ערשטע וואָס ער וועט אָנטרעפען. האָט ער אָנגעטראָפען ציבעלעס. מן־הסתם אַ בעשערטע זאַך. געקויפט אַ זאַק ציבעלעס און זיך אַוועקגע־לאָזט מיט דער סחורה אויפ׳ן ים. דאַרף זיך מאַכען אַ גרויסער שטורם־ווינד און ס׳האָט פערטראָגען די שיף ווייט־ווייט צו א אינזעל ערגעץ. אויף דעם אינזעל האָט מען דערזעהן דעם סוחר מיט די ציבעלעס, האָבען אַלע געגאַפט: קיינער דאָרט האָט אַזאַ מין פרי קיינמאָל אין די אויגען

1) אַ פרעמדען זאָלסטו בייסען און דיין ברודער זאָלסטו ניט בייסען. 2) אייערע ברידער זע־נען אַרויס אויף דער מלחמה און איר זיצט דאָ?!

ניט געזעהן. בקיצור מ׳האָט דעם סוחר געבראַכט צום מיניסטער, און דער מיניסטער האָט אים גלייך געפיהרט צום מלך אַליין, און דער מלך האָט באַלד בעפוילען, צונעמען פאַר זיך די נייע פּרי און דעם סוחר צו בעלוי־נען כּיד המלך: אָנשיטען אים דעם זאַק, וואָס ער האָט געבראַכט, פיל מיט רענדלעך.

דער אויפגעקומענער מיליאָנער האָט זיך תּיכף געלאָזט אַהיים. אין דער היים האָט ער קיינעם ניט דערצעהלט קיין וואָרט ווי אַזוי אַרום ער איז נתעשר געוואָרען, נאָר איינעם גאָר אַ נאָהענטען גוטען פריינד האָט ער עס דערצעהלט בסוד־סודות און אים געראָטען ער זאָל זיך אויך אַוועק־לאָזען אַהין, אין יענעם ווייטען אינזעל, און מיטנעמען מיט זיך אַ קליין זעקעלע קנאָבעל, ווייל דאָרטען איז די דאָזיגע פּרי אויך נישטאָ, וועט מען אים דערפאַר אָפּגילטען.

יענער האָט אַזוי געטון, געקומען מיט זיין סחורה אינ׳ם ווייטען אינזעל ברייננט מען אים אויך פאַר׳ן מלך. דער מלך דערזעהט די נייע זעלטענע פּרי, ווערט ער שטאַרק ענטציקט און בעפוילט מע זאָל אים בעלוינען דערפאַר אויך טאַקי כּיד המלך: פאַר דעם קנאָבעל אָנשיטען אים אַ פול זעקעלע מיט אַזוינס וואָס איז נאָך טייערער פון גאָלדענע רענד־לעך, היינו: מיט ציבעלעס...

222. דאָס פּעקעל אויף די פּלייצעס.

דעם פּסוק אין תהילים: „השלך על ה׳ יהבך והוא יכלכלך״ [1] האָט דער דובנער מגיד געגעבען צו פערשטעהן מיט אַזאַ משל:

אַן אָרימאַן האָט זיך געשלעפּט צופוס אין וועג מיט אַ שווער קלי־מעקעל אויף די פּלייצעס. פאָהרט־אָן אַ רייכער מאַן מיט זיין טייערען וואָגען, בעקומט ער רחמנות אויף דעם אָרימאַן, וואָס געהט איינגעבויגען און קוים־קוים וואָס ער שלעפּט זיך, און ער נעמט אים אַרויף צו זיך אויפ׳ן וואָגען אונטערצופיהרען. דער אָרימאַן זיצט אויפ׳ן וואָגען, די פערד לויפען געשמאַק — און יענער האַלט אַלץ דאָס פּעקעל זיינס אויף די פּלייצעס. פרעגט אים דער רייכער מאַן:

פאַר וואָס, רב יוד, נעמט איר ניט אַראָפּ דאָס פּעקעל אייערס פון די פּלייצעס אַנידערצולעגען עס אין וואָגען?

---

1) וואַרף־אַרויף אויף גאָט דיין לאַסט און ער וועט דיך שפּייזען.

איך רעכען — זאָגט דער אָרימאַן — אַז ס׳איז גאַנץ גענוג וואָס אייער וואָגען טראָגט מיך, זאָל איך נאָך נעמען און אָנלאָדען אויף אים מיין פעקעל אויך?

שמייכעלט דער רייכער און מאַכט צו אים:

— נאַרישער מענש! ס׳איז גאָר קיין שום חילוק ניט; סיי ווי סיי טראָגט מיין וואָגען אייך מיט אייער פעקעל צוזאַמען.

223. גענוג איינצוטיילען

אַ מגיד איז איינמאָל אַריינגעקומען אין אַ שטוב, וואו עס זענען געזעסען אַ חברה לצים און זיך לוסטיג געמאַכט אויף זייער שטייגער. רופט זיך אָן איינער פון די לייט צום מגיד:

— איר זענט דאָך געוויס אַ יוד אַ בן־תורה, מוזט איר אודאי וויסען פאַר וואָס האָט מען עפּיס גענומען די עשר מכות און אָוועקגעשטעלט זיי אין דער הגדה? דאַכט זיך, אַז עס וואָלט געווען פיל גלייכער די מכות זאָלען שטעהן אין „ויתן לך״ — און דערביי האָט דער וואוילער יונג שטאַרק געקוועטש דעם „לך״ און אַלע חברים זיינע האָבען אָנגעקוואָלען.

— איך וועל אייך געבען צו פערשטעהן — ענטפערט דער מגיד, — ווען די מכות וואָלטען שטעהן אין „ויתן לך״ וואָלט מעהר ניט געווען, ווי איינמאָל „לך״ אין דער „הגדה״ אָבער איז גאָר אַן אַנדערע זאַך, ס׳איז פאַראַן גענוג איינצוטיילען: „לך ולך, לך כי לך, לך אַף לך״ — און דערביי האָט דער מגיד געטייט מיט׳ן פינגער אויף יעדען בעזונדער.

224. היגע מזיקים.

אַ חברה לצים פון די וואוילע יונגען האָבען אין אַ שטאָדט בעגעגענט אַמאָל דעם דובנער מגיד ביינאַכט אין גאַס. גיט אים איינער פון זיי אַ פרעג מיט געשפעט:

— ווי קומט עס, רבי, איר זאָלט ניט מורא האָבען ביינאַכט פאַר מזיקים? עס שטעהט דאָך געשריבען בפירוש, אַז אַ תלמיד־חכם טאָר ניט געהן אַליין ביינאַכט!

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט דער דובנער מגיד — מורא האָב איך נישט דערפאַר, ווייל איך בין זיכער, אַז זיי, די היגע מזיקים, האַלטען מיך ניט פאַר קיין תלמיד־חכם.

225. אין מיטעלפונקט.

דער ווילנער גאון, דערצעהלט מען, האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם דובנער מגיד מיט זיינע משלים, און ווען דער מגיד איז געקומען קיין ווילנאָ פלעגט ער מוזען אָפּט אַריינקומען צום גאון, וואָס האָט אויסגעהערט זיין דרוש און די משלים זיינע מיט גרויס הנאה. איינמאָל פרעגט אים דער גאון:

— ווי פאַלט עס אייך איין אין קאָפּ צו יעדען ענין פונקט אַזאַ משל, וואָס איז צו אים אַזוי גלייך צוגעפּאַסט?

ענטפערט אים דער דובנער מגיד:

— איך וועל אייך דערצעהלען דערויף אַ משל: אַ פריץ האָט געהאַט אַ בן־יחיד זעהר אַ געראָטענעם, האָט ער אים געשיקט קיין אויסלאַנד שטודירען, אַז דער יונגערמאַן האָט אויסגעשטודירט און געקומען אַהיים האָט דער פאָטער געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע אַרומיגע פריצים און מע פאָהרט צוזאַמען אויף פּאָלעוואַניע, און דער יונגער פריץ ווייזט אַרויס, אַז אויסער זיינע גרויסע קענטענישען איז ער נאָך דערצו אַ קונציגער שיסער אויך, און עס מאַכט זיך זעהר זעלטען ער זאָל ניט טרעפען אין ציל, אָדער לכל־הפחות גאָר נאָהענט נעבען דער ציל. צוריקוועגס פאָהרט מען פערביי אַ גרויסען פאַרקאַן, וואו מיט קרייד איז אויסגעמאָהלט אַ סך עיגולים און אין מיטעלפונקט פון יעדען עיגול איז פאַראַן אַ סימן פון אַ שאָס. איינער פון די פריצים האָט אָנגעוויזען דערויף און אַלע האָבען זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט און געגאַפט: אָט דאָס הייסט אַ שיסער, וואָס האָט ניט זיין גלייכען! אַ קליינינגקייט, אַזויפיל מאָל אויסשיסען און ניט איינמאָל פערפעהלען די ציל אויף איין האָר. בעזונדערס האָט אַרויסגעוויזען זיין גרויס התפעלות דער יונגער פריץ און האָט געגאַרט זיך צו בעקענען מיט דעם גרויסען קונצלער, וואָס שטייגט אים איבער אין שיסעריי. מ׳האָט אָנגעהויבען זיך נאָכצופרעגען ווער דער שיסער איז, לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ פשוט׳ער פויער, איוואַן דער וואַלד־היטער. שיקט מען אים רופען און דער יונגער פריץ נעמט זיך ביי אים צופרעגען: וואו און ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעלערנט די קונץ צו טרעפען שטענדיג אין מיטעלפונקט?

— איר מיינט — ענטפערט ער בתמימות — איך מאַך פריהער אַן עיגול און דערנאָך שיס איך אויס צו טרעפען פונקט אין מיטען? ניין, איך שיס־אויס פריהער און דערנאָך מאַך איך אַרום דעם לעכעל, וואו איך האָב געטראָפען אַן עיגול אַרום און אַרום.

— דאָסזעלבע — האָט געענדיגט דער דובנער מגיד — איז אויך מיט מיר. די זאַך איז גאָר פשוט און ניטאָ זיך וואָס צו חידוש׳ען. ניט צו יעדען ענין קלער איך אויף אויסזוכען אַ פּאַסיגען משל; נאָר פערקעהרט. ווען איך הער פון יענעם אָדער עס פאַלט מיר אַליין איין אַ שענער משל. זעה איך שוין אויפצוזוכען אַזאַ ענין פאַר אַ נמשל, וואָס זאָל זיין צו אים צוגעפּאַסט.

חזנים.

226. דער קלוגער חזן.

איינמאָל איז אַ בעל־תפלה אַרויסגעפאָהרען אין אַ נאָהענט שטעדטעל צו דאַוונען דאָרט „אַ שבת מברכין". אויפ'ן וועג האָט אים דער בעל־עגלה עטליכע מאָל, ביי יעדען „באַרג־אַרויף" מטריח געווען אַראָפּצוקריכען פונ'ם וואָגען און געהן אַביסעל צו פוס. צוריקוועגס אָבער איז דער חזן דעם גאַנצען וועג געזעסען ווי אַ פּריץ און איינמאָל אפילו ניט בעדאַרפט זיך רירען פונ'ם אָרט. חידושט ער זיך דערויף און פרעגט בתמימות דעם בעל־עגלה:

— זאָגט מיר, איך בייט אייך, ווי אַזוי איז עס כלה געוואָרען איבער איין שבת אַזוינע בערג?

227. „גשם".

יוסי גאָלדער דער חזן האָט מתפלל געווען „גשם". נאָך איידער ער האָט געענדיגט די תפלה האָט אָנגעהויבען צו געהן אַ רעגען. נאָכ'ן דאַוונען געהט־צו דער חזן צום גבאי, גיט אים אָפּ אַ ברייטען גוט יום־טוב און מאַכט צו אים דערביי:

— ווי זאָגט איהר, ווי מיין תפלה איז באַלד אָנגענומען געוואָרען אויבען ביים רבונו־של־עולם און האָט געבראַכט באַלד אַ רעגען?

— וואָס איז דאָ דער חידוש — זאָגט דער גבאי — נאָך גאָר אַמאָל אין די אַלטע צייטען האָבען אַזוינע לייט ווי איר געבראַכט אויף דער וועלט ניט גלאַט אַזוי אַ רעגען, נאָר אַ גאַנצען מבול.

228. אָהן אַ ש״ץ.

דער גערויסער חזן ניסי בעלזער פלעגט קומען פון צייט צו צייט אויף אַ שבת קיין טאַלנע צום רבי׳ן ר׳ דוד׳ל, וואָס איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון נגינה. ניסי בעלזער אַליין האָט ניט פאַרמאָגט קיין גוטע שטימע, זי איז ביי אים געווען הייזעריגליך און געשלאָגן, און דער טאַלנער רבי פלעגט זיך דערויף ווייצלען.

איינמאָל רופט זיך אָן דער רבי צו ניסי׳ן:

— הערסטו, ניסי, דיין דאַוונען, זאָג איך דיר, האָט ניט קיין שאַץ (ש״ץ).

אַן אַנדערס מאָל, נאָכדעם וואָס ניסי בעלזער האָט מיט זיין גאַנצער קאַפּעליע אויסגעזונגען פאַר׳ן טאַלנער ראש־השנה׳דיגע „מלכיות זכרונות און שופרות״ און דער רבי האָט אויסגעהערט מיט גרויס הנאה, פרעגט ער ניסי׳ן:

— זאָג מיר, ניסי, וויפיל קאָסט דיר אָפּ אַ יאָר די קאַפּעליע דיינע?

— אַנדערטהאַלבען טויזענד — ענטפערט ניסי.

— אויב אַזוי — זאָגט ווייטער דער רבי ר׳ דוד׳ל — מוז איך דיר זאָגען, אַז, ווי עס ווייזט־אויס, ביזטו פאַרט אַ גרויסער קמצן: עס קאָסט דיר שוין אָפּ אַזוי פיל לאָזט מען זיך קאָסטען נאָך עטליכע הונדערטער אַ יאָר און מע דינגט שוין אַ חזן אויך, דעמאָלט וואָלט שוין געווען דאָס זינגען טאַקי גאָר מיט אַלע מעלות.

229. אויך אַ באַנדאַר.

אַ בעל־תפלה איז געקומען אין אַ שטעדטעל, אָפּגעדאַוועט דאָרט אַ שבת און זעהר ניט אויסגענומען ביים עולם. נאָכ׳ן דאַוונען געהט־צו צום חזן איינער פונ׳ם עולם און זאָגט אים:

— שווערליך קומט אונז אָן די פרנסה אונזערע.

— איר זענט אויך אַ חזן? — פרעגט אים דער בעל־תפלה.

— ניין — ענטפערט יענער — איך בין אויך אַ באַנדאַר.

230. אַ בעל־צדקה.

אַן אַלטער בעל־הבית אין שוהל, וואָס איז אַמאָל אין דער יוגענד געווען אַ שטיקעל בעל־תפלה, האָט איינמאָל אין „אַ שבת מברכין״ מנדב געווען צו דאַוונען פאַר׳ן עולם אַ מוסף. נאָכ׳ן דאַוונען רופט זיך אָן איינער:

— הערט איר וואָס איך וועל אייך זאָגען, אונזער היינטיגער בעל־מוסף איז געוויס אַ גרויסער בעל־צדקה: ער קען נעביך ניט און גיט נדבות.

231. טאַנצען דעם טאַנץ.

אַן אַלטער בעל־תפלה איז געלעגען אין בעט אויף אַ שווערער קרענק און שטאַרק געקרעכצט. דערביי הערט ער ווי דער איידעם זיינער ביי זיך אין חדר זינגט זיך אַ פרעהליך חסידיש ניגונ'דעל. דערנאָך קומט דער איידעם אַריין און מאַכט צום קראַנקען:

— וואָס קרעכצט איר אַזוי, שווער לעבען? מילא, סוף אדם, יעדער מוז טאַנצען דעם טאַנץ.

רופט זיך אָן דער קראַנקער בעל־תפלה:

— הערסטו, אפשר וואָלט געווען אַ סברא פערקעהרט, איך זאָל זינגען און דו זאָלסט טאַנצען דעם טאַנץ.

גבאים און ראשי־הקהל.

232. אַן עֶהרליכער גבּאי.

אַ גבאי פון אַ שוהל האָט אַמאָל אַ פרעג געטון איינעם פון די יונגע משכילים:

— איר זענט דאָך אַ יונגערמאַן, וואָס פּערמאָגט, ווי זאָגט מען עס, תורה מיט חכמה, אפשר פּאָרט קענט איר מיר געבּען צו פערשטעהן אָט וואָס: פון מצרים זענען יודען אַרויס, ווי מיר ווייסען, גאַנצע ששים רבוא און אַרויסגעפיהרט האָבּען זיי אַלע פון דאָרטען גענוג גאָלד און צירונג, דערנאָך האָבּען אַלע יודישע ווייבּער אַראָפּגענומען פון זיך זייער גאַנצע צירונג און אַלץ איבּערגעגעבּען אהרן׳ען, צום סוף איז פון דעם אַלעמען אַרויס מעהר ניט ווי איין קעלבעל.

— און איך רעכען, אדרבא — האָט געענטפערט דער יונגערמאַן דעם גבאי — אַז אהרן איז נאָך געווען גאָר פון די עהרליכסטע גבאים, ווייל ביי אַן אַנדער גבאי וואָלט אַרויס דערפון פונקט אַ מין פליגעלע.

233. אדם הראשון׳ס אַ שפּיי.

מאָטקע חבד האָט איינמאָל געזאָגט:

— איר ווייסט פּאַר וואָס ס׳איז אַ שטענדיגע בּלאָטע ביי דער שטוב פון פייטעל טראַצקי, אונזער ווילנער שטאָדט־גבּאי? איך וועל אייך געבּען צו פערשטעהן, פון וואַנען עס קומט, ווי אונזערע חכמים דערצעהלען האָט גאָט אָדם־הראשון׳ען געוויזען "דור דור ודורשיו, דור דור ופרנסיו, ד. ה. די פּאַרשטעהער און שטאָדט־גבּאים פון יעדען דור. וויבּאַלד אדם הראשון האָט דערזעהן, אַז אין ווילנאַ איז שטאָדט־גבּאי פייטעל טראַצקי האָט ער אויסגעשריגען: "טפו! אַזאַ יוד איז שטאָדט־גבּאי אין אַזאַ שטאָדט

ווי ווילנאָ!״ און דערביי געטון אַ רעכטען שפּיי· און אדם הראשון׳ס אַ שפּיי· דאַרפט איר וויסען· איז ניט קיין קלייניקייט: דער דאָזיגער שפּיי האָט דערלאַנגט ביז פּיטעל׳ס שטוב און דערפון איז געוואָרען אַ בלאָטע, וואָס טרוקענט ניט אויס עד היום·

234· ניט קומען אין קהל·

איינער אַ ראש־הקהל פון אַ שטאָדט איז געווען אַ שלעכטער און אַ ביטערער מענש· אָרימע לייט האָט ער ממש געטראָטען מיט די פיס· נאָר אזוי בעלי־בתים האָבען אויך פון אים גענוג געליטען· און אַלע שטאָדט־לייט האָבען דעם מיאוסען פאַרשוין פיינט געהאַט און ניט געקענט אָנקוקען ווי אַ שפּין· און דאָך האָבען שטענדיג געמוזט אַלע אָנקומען צו אים מיט פערשידענע בקשות· האָט אויף דעם אַ יוד אַ פּקח דערצעהלט אַזאַ מעשה:

— דריי זענען איינמאָל געקומען פאַר גאָט· ברוך הוא· יעדער מיט זיין טענה: ״עלינו״ ״שלש־סעודות״ און דער ממזר·

״עלינו״ האָט געטענה׳ט פאַר גאָט: רבונו־של־עולם· פאַר וואָס קומט עס מיר· איך זאָל עפּיס זיין ערגער פון אַלע תפלות פונ׳ם דאַווגען אַלע טאָג· וואָס מיך האָט מען אַנידערגעשטעלט גאָר צום סוף און מע האַפּט מיך אָפּ גיך און געשווינד נאָך מיט אַ שפּיי דערצו?

״שלש־סעודות״ האָט גע׳טענה׳ט: רבונו־של־עולם· פאַר וואָס קומט עס מיר· איך זאָל זיין ערגער פון די ערשטע צוויי שבת׳דיגע סעודות· וואָס יענע זענען ביי יודען אַזוי חשוב· און מע עסט אין זיי מיט גרויס פאַראַד אַלע טייערע מאכלים· וואָס נור דער יוד פערגינט זיך לכבוד שבת· און מיך קומט מען אָפּ מיט אַבי־וואָס· קיי און שפּיי?

דער ממזר האָט געטענה׳ט: רבונו־של־עולם· דו האָסט געשריבען אין דיין הייליגער תורה: ״לא יבא ממזר בקהל ה׳״ — אַ ממזר זאָל ניט קומען אין גאָטס קהל· פאַר וואָס קומט עס מיר· איך זאָל זיין געשטראָפט און אָפּקומען פאַר דעם וואָס ניט איך נאָר מיין פאָטער האָט געזינדיגט?

און גאָט האָט זיי אַלע דריי איינגענומען מיט גוטע ווערטער און געפונען פאַר יעדען פון זיי אַ טרעסט:

״עלינו״ איז אודאי גערעכט· דערפאַר אָבער אַז עס וועט קומען דער גרויסער יום־טוב ראש־השנה וועט די תפלה ״עלינו״ געהויבען ווערען· און זי בעקומט דעמאָלט דעם בכבוד׳יגען פּלאַץ אינמיטען ״שמנה־עשרה״·

״שלש־סעודות״ איז אויך גערעכט· דערפאַר אָבער בעקומט די

שבת׳דיגע דריטע סעודה מעהר חשיבות פון יענע צוויי דערמיט וואס דער ״גוטער יוד״ זאגט מעהרסטענטייל זיין תורה דוקא צום ״שלש־סעודות״ און דער עולם לעקט דעמאלט די פינגער.

און דעם ממזר האט גאט געזאגט אזוי:

— נעם זיך ניט אזוי צום הארצען, איך וועל מאכען, אז דו זאלסט ווערען א ראש־הקהל, דעמאלט וועט שוין אויסקומען גאר אנדערש, אז ניט דו וועסט דארפען קומען אין קהל, נאר פערקעהרט, גאנץ קהל וועט מוזען צו דיר קומען.

מלמדים.

235. אַ שלעֶכטעֶר סימן.

אַ מלמד איז געֶקומעֶן בין־הזמנים צו אַ נייעֶם בעל־הבית און בעֶט עֶר זאָל אָפּגעֶבעֶן זיין יונגעֶל צו אים אין „חדר". צווישעֶן די אַנדעֶרעֶ מעלות אויף זיך דעֶרצעֶהלט דעֶר מלמד:

— ברוך השם, ניט פון נעֶכטיגעֶן טאָג בין איך אַ מלמד. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין אין דעֶר דאָזיגעֶר פּרנסה גאַנצעֶ פינף־ און צוואַנציג יאָר.

— דאָס, זעֶהט איר — מאַכט דעֶר בעל־הבית — איז דוקא אַ שלעֶכ־טעֶר סימן:

— פאַרוואָס?

— דעֶרפאַר וואָס איר זעֶהט נאָך אויס, קיין עין־הרע, גאַנץ פיין, און דאָס איז אַן אַלטעֶר כלל ביי אונז יודעֶן, אַז אַ גוטעֶר מלמד, וואָס קנעֶלט געֶטריי מיט יודישעֶ קינדעֶר, מוז נאָך עֶטליכעֶ יאָר קנעֶלעֶן בלייבעֶן אָן אַ האַרץ אָדעֶר אָן אַ לונג.

236. דעֶר „בירזעֶר מלמד".

דעֶר סלאָנימעֶר רב ר' אייזיל חריף, וואָס איז אַליין געֶוועֶן אין דעֶר יוגעֶנד אַ תלמיד פון׳ם געֶוויסעֶן „בירזעֶר מלמד" פלעֶגט זאָגעֶן:

— דאָס איז אַ כלל, אַז דעֶר וואָס האָט ניט געֶלעֶרעֶנט ביי׳ם „ביר־זעֶר מלמד" קעֶן מען ניט לעֶרנעֶן. אַ ראיה האָט איר: דעֶר „בירזעֶר מלמד" אַליין האָט געֶוויס ניט געֶלעֶרנט ביים בירזעֶר מלמד, דעֶרפאַר טאַקי קעֶן עֶר ניט לעֶרנעֶן.

237. געווען פערנומען אין דער היים.

אַ יונגעל איז געקומען שפּעט אין "חדר" פרעגט אים דער רבי: פאַר וואָס ער האָט אַזוי פערשפּעטיגט?

— איך בין געווען פערנומען אין דער היים — האָט דאָס יונגעל געענטפערט — דער טאַטע האָט מיך בעדאַרפט.

— האָט דער טאַטע ניט געקענט אויספיהרען עס דורך אַן אַנדערען?

— ניין, ער האָט מיך געשמיסען.

238. ניט פון איין מין.

אַ מלמד לערענט אין "חדר" מיט זיינע תלמידים דעם פסוק אין סדרה נח: "כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ", מאַכט דערויף רש"י: אפילו אַ בהמה, חיה און עוף האָט זיך בעהעפט מיט ניט פון איין מין.

— רבי — פרעגט איינער פון די תלמידים — וואָס הייסט אַזוינס "זיך בעהעפט מיט ניט פון איין מין"?

— וואָס פערשטעהסטו דאָ נישט, פערשטאָפּטער קאָפּ? — ענטפערט דער מלמד אין כעס — אַ שטייגער, אַ פלוי נעמט אַן עלפאַנט.

239. אשה — אַ וואַ...

אַ מלמד לערענט מיט אַ יונגעל:

— זאָג־זשע: אשה — אַ וואַ...

— אשה אַ וואַסער.

— וואָס פאַר אַ וואַסער פלוצים: אשה — אַ וואַ..

— אשה אַ וואַזע.

— פערשטאָפּטער קאָפּ? אשה אַ וואַ...

— אשה אַ וואַנץ.

— אוי, דו גוי איינער! אשה — איז אַזוינס, וואָס איך האָב און דיין טאַטע האָט און די וועסט אויך האָבען ווען די וועסט עלטער ווערען. זאָג־זשע: אשה...

— אשה אַ קילע.

240. "לשון חוזק".

דעם פסוק "ויעפילו לעלות ההרה" האָט אַ מלמד פערטייטשט אין חדר אַזוי: "זיי זענען אַראָפּגעפאַלען אויפ'ן שפּיץ באַרג". פרעגט אים אַ תלמיד:

— ווי אַזוי פֿאַלט מען אַראָפּ אויף אַ שפּיץ באַרג?

דערפֿאַר טאַקי — ענטפֿערס דער מלמד — מאַכטי דערויף רש״י: ויעפּילו — לשון חוזק״ דאָס הייסט: ס׳איז אַ לשון פון אַ ח ו ז ק.

241. למעלה.

איינעם אַ מלמד האָט די רבי׳צען אין מיטען לערנען מיט די קינדער געשיקט אויפזוכען עפּיס אַ זאַך אויפ׳ן בוידעם. זאָגט דער מלמד אָן די תּלמידים, זיי זאָלען דערוויילע אַליין איבערחזר׳ען דעם חומש און וואָס זיי וועלען ניט וויסען זאָלען זיי שיקען איינעם פון זיי צום בוידעם אַ פרעג טון. געקומען צום וואָרט ״למעלה״ האָבען זיך די תּלמידים אָפּגעשטעלט און ניט געוואוסט די טייטש דערפון. שיקט מען אַ יונגעל צום בוידעם און יענער שרייט־אַרויף:

— רבי, וואָס איז די טייטש ״למעלה״?

— העכער — שרייט דער רבי אַראָפּ.

דאָס יונגעל מיינט, אַז דער רבי זאָגט ער זאָל שרייען העכער, שרייט ער נאָך העכער, און דער רבי זאָגט ווידער: ״העכער״ און דער תּלמיד שרייט נאָך און נאָך העכער. ווערט שוין דער רבי אין כעס און בעזערט זיך אָן:

— איך האָב דאָך שוין דיר געזאָגט, אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין!

קומט דאָס יונגעל און גיט־איבער די טייטש פונ׳ם וואָרט ״למעלה״: אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין.

דערנאָך איז דער מלמד אַראָפּ פון בוידעם און הייסט איינעם פון די תּלמידים, טאַקי יענעם וואָס איז געגאַנגען פרעגען, ער זאָל זאָגען דעם חומש. קומט צום וואָרט ״למעלה״ טייטש ער: ״אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין״. ווערט דער רבי אָנגעצונדען און חאַפּט זיך צום קאַנטשיק. וויינט דאָס יונגעל:

— רבי, איר האָט דאָך מיר אַליין אַזוי געזאָגט.

— אַ רבי׳ן — רוימט־איין אַ צווייטער — דאַרף מען זאָגען: אין א י ע ר טאַטען אַריין.

242. שטעהט אומזיסט.

אַ תּלמיד פרעגט דעם רבי׳ן:

— פאַר וואָס, רבי, שטעהט אין פסוק: ״זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם״ „נאכל״ איז דאָך די טייטש: ״מיר וועלען עסען״ און זיי דערמאָהנען זיך דאָך דאָס, וואָס זיי האָבען געגעסען?

— וואָס מיינסטו — ענטפערט דער רבי — אַז דאָ שמועסט זיך טאַקי וועגן אַמאָל אין מצרים? ניין, דאָ רעדט זיך גאָר וועגן די פיש וואָס מיר וועלן עסן אויף יענער וועלט.

— פאַר וואָס־זשע, רבי, שטעהט דאָ אין פסוק „במצרים"?

— חכם איינער, דעריבער טאַקי לאָזט דער פסוק אויס מיט'ן וואָרט „חנם", דאָס הייסט: „במצרים" — דאָס וואָרט „במצרים" „חנם" — שטעהט אומזיסט.

— אויב אַזוי, רבי, לאָזען ביידע ווערטער גאָר ניט שטעהען, ניט „במצרים" און ניט חנם"?

— דאָס רעדסטו שוין ווי אַ גוי ממש, בערעכען זיך אַליין: אַ ספר־תורה וואָס עס פעהלט אין איר אפילו איין אות איז פסול, און דו ווילסט מע זאָל נעמען און אויסמעקען פון דער תורה גאַנצע צוויי ווערטער!

243. משוגע'נער פיש.

אַ בעל־הבית פערהערט שבת בייטאָג זיין קינד פאַר די אויגען פונ'ם מלמד אין דער סדרה „ראה", קומט צו די עופות, טייטש דאָס יונגעל „השלך" — אַ משוגע'נער פיש.

— ווער האָט עס דיר אַזוי פערטייטשט? פרעגט אים דער פאָטער.

— דער רבי — ענטפערט דאָס קינד.

דער פאָטער קוקט־אָן פערוואונדערט דעם מלמד און פרעגט אים:

— איר האָט אים באמת אַזוי געטייטשט? פון וואַנען האָט איר עס גענומען אַזאַ משונה טייטש?

— וואָס הייסט פון וואַנען?—ענטפערט דער מלמד — פונ'ם תרגום. דאַכט זיך, אויפ'ן תרגום מעג מען זיך פערלאָזען. איר ווייסט דאָך, אַז רש"י הקדוש מאַכט אָפטמאָל „כתרגומו", נו, און אויף „השלך" מאַכט דער תרגום: „שלי נונא". אַז „נונא" איז אַ פיש ווייסען אַלע, און „שלי" מוז זיין אויף תרגום־לשון גלייך ווי אויף גוי'איש, „שיליענא" משוגע.

— יאָ, אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי קומט אַ פיש צווישען די עופות?

— אויף אַ משוגענעם פיש — מאַכט דער מלמד — איז אַ קשיא? עס קען זיין, אַז אָט דאָס איז טאַקי גאָר איינגאַנצען זיין משוגעת: ער איז אַ פיש און שטיפט זיך דוקא צווישען עופות.

244. תורה און דרך־ארץ.

אַן אַלטער מלמד איז געקומען אין אַ נויט צו אַ יונגען גביר, אַ גע־

וועזענעם תלמיד זיינעם, מיט דער האפנונג, אז יענער וועט אים מיט עפיס בעהילפיג זיין.

— ווער זענט איר און וואס פערלאנגט איר? — פרעגט דער גביר.

— זאלט איר מיר געזונד זיין — זאגט דער מלמד — איר געדענקט נישט, אז איר האט ביי מיר אין ״חדר״ געלערענט שענע עטליכע זמנים?

— נו איז וואס? — פרעגט דער גביר מיט א שטרענגער מינע און בעט דעם מלמד ניט אפילו זיך צוזעצען — גלויבט מיר, איך האב שוין לאנג פערגעסען די גאנצע תורה אייערע.

— אויב אזוי — טוט א מאך דער מלמד — איז מיר שוין קיין חידוש נישט. וויבאלד איר האט די תורה פערגעסען, הייסט ״דרך־ארץ״ איז דאך קדמה לתורה, נאך פריהער פאר דער תורה, האט איר דרך־ארץ געוויס פערגעסען.

245. זוכען די אבידה.

א מלמד האט אפגעקנעלט א ווינטער אין דער פרעמד, צונויפגעקלי־בען עטליכע רובל און פאהרט אויף פסח אהיים. אויפ׳ן וועג גיט ער זיך א חאפ — ניטא זיין בייטעלע מיט געלד. ער זוכט אין אלע ווינקעלעך פון וואגען, אונטער אלע קלימעקלעך און קעסטלעך — דאס בייטעלע איז ווי אין דער ערד אריין. דער מלמד ברעכט די הענד און הערט ניט אויף צו שרייען און יאמערען אויף א קול: ״אוי איך וועל עס ניט אויסהאלטען! א געקוילעטער בין איך!״

רופט זיך אן א יוד, איינער פון די מיטפאהרער:

— אמאל מאכט זיך: עס פערוואלגערט זיך א בייטעלע ערגעץ אין א קעשענע. פאלגט מיך, רב יוד, זוכט אקארשט גוט אין אלע אייערע קעשענעס!

— וואס רעדט איר? זאגט דער מלמד — איר ווילט איך זאל אנ־ווערען די האפנונג אויף די קעשענעס אויך, דעמאלט וואלט איך דאך טאקי געווען גאר א פערפאלענער!

246. ממה־נפשך.

— ביי מיר איז פערבליבען — האט א מלמד אמאל געזאגט — צו פערזעצען דאס לעצטע און קויפען א ציג. ממה־נפשך, וועט זי געבען מילך — איז דאך אודאי גוט, אלא זי וועט ניט געבען קיין מילך — וואס הייסט? ווי שיקט זיך עס, זי זאל קיין מילך ניט געבען?

247. צו פגר׳ען אַ ציג.

אַן אָרימער מלמד האָט זיך צונויפגעשלאָגען אַביסעל געלד אויף צו קויפען אַ ציג. איינמאָל, ווען אין שטעדטעל האָט זיך געשטעלט אַ יאַריד, האָט ער זיך ניט געוואָלט פערלאָזען אויף דער רבי׳צען און זיך אַליין געלאָזט אויפ׳ן יאַריד איינצוקויפען די ציג. אַריינגעשטיפּט האָט מען אים געוועהנליך, אַ צאַפּ. מילא פערפאַלען, אַ צאַפּ איז אַ צאַפּ, ער וועט אים האַלטען דעם בחור ביז׳ן צווייטען יאַריד, וועט ער אים פערבייטען דעמאָלט אויף אַ אמת׳ער ציג. דערווייל מאַכט זיך אין שטעדטעל אַ מגפה אויף ציגען און זיי פאַלען ווי די פליגען. האָט דער מלמד שטאַרק הנאה, וואָס ביי אים איז אַ צאַפּ ניט קיין ציג. איז זיך אָבער מישב דער צאַפּ און פגר׳ט אויך אַוועק. בעקלאָגט אים דער מלמד אַזוי:

— אוי צאַפּ, צאַפּ! צו מעלקען ביזטו געוועזען אַ צאַפּ און צו פגר׳ען — אַ ציג!

248. רייכער פון ראָטשילד.

אַ מלמד האָט אַמאָל געדרונגען:

— ווען איך זאָל זיין ראָטשילד, וואָלט איך געווען רייכער פון אים, ווייל איך וואָלט נאָך דערצו אַביסעל אויך צוגעקנעלט...

249. ווי האַלטען זיי?

צו אַן אָרימען מלמד אין אַ שטעדטעל זענען געקומען איינמאָל פאַר־נאַכט צוויי פּאָליציאַנטען און האָבען צוגענומען פון שטוב, פאַר די פּאָ־דאַטקעס וואָס ער איז געווען שולדיג, אַ קישען מיט אַ פּאָר לייכטער. אויף מאָרגען פריה קומט ער אין בית־המדרש, דערזעהט דעם אַלטען שוחט דערצעהלט ער אים די מעשה און נעמט זיך פאַר אים קלאָגען:

— איך קען עס ניט אָנהויבען צו פערשטעהן, ממה־נפשך, ווי האַל־טען זיי? זאָל איך זאָגען, אַז זיי האַלטען ווי דער מאן־דאמר (דער וואָס זאָגט) אַז „לא איברא לילא אלא לשינתא״ (די נאַכט איז בעשאַפען גע־וואָרען נאָר אויף צו שלאָפען); האָבען זיי דאָך ניט געטאָרט פערנעמען פון שטוב דעם קישען; האַלטען זיי ווידער פערקעהרט, ווי דער צווייטער מאן־דאמר, אַז „לא איברא לילא אלא לגירסא״ (די נאַכט איז בעשאַפען געוואָרען נור צום לערנען), איז דאָך די קשיא: ווי קומט עס זיי זאָלען צונעמען די לייכטער?

דער אַלטער שוחט, אַ קלוגער יוד, האָט ניט לאנג געטראַכט און באַלד געפונען אַ תּרוץ אויפ׳ן אָרט:

— הערסטו — זאָגט ער אים — אָט דאָס איז דאָך אינגאַנצען טאַקי דער שכל, וואָס זיי זענען געקומען אין צווייען: איינער פון זיי האַלט מן־הסתּם, אַז די נאַכט איז צום שלאָפען — האָט ער צוגענומען די לייכטער; דער צווייטער ווידער האַלט, אַפּנים, אַז די נאַכט איז צום לערנען — האָט ער צוגענומען דעם קישען.

250. מיט אַמאָל זיך אָפּשמד׳ען.

אַ מלמד׳ס אַ זוהן, נאָכדעם וואָס ער איז אָפּגעווען עטליכע יאָר אין אַ גרויסער שטאָדט, איז ער געקומען אויף אַ יום־טוב צו גאַסט אַהיים צו די עלטערן אין קליין שטעדטעל. אין דער פריה בעטראַכט דער פאָטער ווי דער זוהן נעמט־אַרויס זיין גאַנץ קלאַפּער־געצייג צום וואַשען זיך. בעמערקט ער אַ קליין בערשטעלע, פרעגט ער דעם זוהן: וואָס איז דאָס?

— אַ ציין־בערשטעלע — ענטפערט דעם זוהן.

— אויף וואָס טויג עס דיר?

— אויף רייניגען די ציין.

— הערסטו, מיין זוהן — מאַכט דער מלמד אויפגעבראַכט — איך אויף דיין אָרט וואָלט גענומען באַלד און זיך מיט אַמאָל אָפּגעשמד׳ט!

251. אפשר ניט געמל׳עט אויך.

אַ קליינשטעטעלדיגען מלמד׳ס אַ זוהן האָט עטליכע יאָר דורכאַנאַנד אָפּגעוואוינט אין דער גרויסער שטאָדט אָדעס און געוואָרען דאָרט, ווי דער שטייגער, אַ גאַנצער "דייטש". איינמאָל קומט ער צופאָהרען צו די עלטערן אויף דער שוועסטער׳ס חתונה. ביינאַכט, ווען דער זוהן איז אַנ־שלאָפען געוואָרען, נעמט די אַלטע מוטער בודק זיין די זאַכען זיינע און געפונט ניט צווישען זיי ניט קיין ארבע־כנפות, ניט קיין תפילין.

— מיין זוהן — זאָגט אים די מוטער אויף מאָרגען פריה מיט אַ טיפען קרעכץ פונ׳ם האַרצען, — וואָס איז פון דיר געוואָרען, וועה איז צו מיר! קיין ציצית טראָגסטו ניט, קיין תפילין לעגסטו ניט; ווער ווייסט, אפשר ביזטו שוין ניט געמל׳עט אויך!

„גוטע יודען" און „חסידים".

252. די תרומה איז ניט קיין תרומה.

דער סלאָנימער רב ר' אייזעל חריף האָט אַמאָל בעגעגענט זיינעם אַן אַלטען חבר פון דער יוגענד, וואָס איז געוואָרען אַ „רבי" פון חסידים, פרעגט ער אים:

— ווי אַזוי, זאָג מיר, ביסטו עס געוואָרען מיט אַמאָל אַ „צדיק" און אַ הייליגער?

— יודען האָבען מיך געמאַכט — ענטפערט יענער — אין אַ קופּע ווייץ איז יעדער ווייץ גלייך צום אַנדערען, נאָר דאָס ביסעל דערפון, וואָס ווערט געמאַכט פאַר תּרומה, רעכענט זיך פאַר הייליג.

— ווייזט־אויס — זאָגט אים דערויף ר' אייזעל חריף — אַז זינט דו ביסט אַ רבי געוואָרען האָסטו, מחילה, אינגאַנצען פערגעסען דאָס לערנען. ס'איז דאָך אַ בפירוש'ער דין: „חרש שוטה וקטן אין תּרומתן תּרומה" — די תּרומה וואָס אַ חרש שוטה וקטן האָט געמאַכט איז ניט פערערעכענט פאַר קיין תּרומה.

253. גלייך צו אַ מלאך.

אַ חסיד האָט געזאָגט צום מתנגד'ישען רב פון זיין שטעדטעל:

— איך ווייס, אַז איר האַלט ניט פון רבי'ן, און איך קען אייך עדות זאָגען, אַז אַליין מיט מיינע אויגען האָב איך געזעהן אַ בריף פון אַ גרויסען גאון צום רבי'ן, וואו ער שרייבט אויף אים: „הרב דומה למלאך ה' צבאות".

— גלייך צו אַ מלאך — ענטפערט דער רב — דאָס קען זיין גראָד אַן אמת· דו ווייסט· וואָס די גמרא הקדושה זאָגט: ״לא נתנה תורה למלאכי השרת״ (די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען צו מלאכים)· און אָט אין דעם איז דער רבי דיינער געוויס גלייך צו אַ מלאך: ער האָט אויך ניט בעקומען קיין תורה·

254· רעדט מיט מלאכים·

איין חסיד בערימט זיך פאַר אַ צווייטען חסיד פון אַן אַנדערען רבי׳ן:

— דו שפילסט זיך עפיס מיט מיין רבי׳ן? ער רעדט דאָך מיט מלאכים!

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — פרעגט אים יענער·

— וואָס הייסט· איך האָב עס אַליין געהערט מיט מיינע אויערען פון זיין הייליגען מויל·

— עט· לאו דוקא·

— הולטיי איינער· אַ מענש וואָס רעדט מיט מלאכים וועט דאָך ניט נעמען גלאַט און אויסטראַכטען···

255· גלוי אליהו·

אַ חסיד דערצעהלט פאַר אַן עולם מענשען די גרויסע שבחים פון זיין רבי׳ן און לאָזט־אויס:

— וואָס דאַרפט איר מעהר· דער רבי האָט נאַכט ביי נאַכט גלוי אליהו!

שטעהט דערביי אַ מתנגד און גיט אַ פרעג:

— פון וואַנען, אַ שטייגער· ווייסט איר עס?

— וואָס הייסט פון וואַנען· דער רבי אַליין האָט עס דערצעהלט·

— איך מוז אייך זאָגען דעם אמת — מאַכט דער מתנגד — איך גלויב עס נישט·

— עזות־מחוצף־פנים! — פאַלט אויף אים אָן מיט כעס דער חסיד— אַ מענש וואָס האָט גלוי אליהו וועט דאָך ניט לייגען!

256· דעם רבי׳נס תורה·

אַ מתנגד דערצעהלט פאַר חסידים· אַז איינמאָל אויף זיין לעבען איז ער געווען ביי אַ רבי׳ן· שבת פרשה משפטים איז עס געווען· האָט ער געהערט דעם רבינ׳ס תורה· קען ער זי איבערזאָגען וואָרט ביי וואָרט:

„כי תקנה" — אַז דו ווּעסט זיך מתקנא זיין, „עבד עברי" — אין אַ מתנגד וואָס איז אַ בעל־עברי· זאָג איך דיר: „שש שנים" — אויב זיין נשמה וועט זיך דיר אויס ווייס ווי לייגוואַנד· איז זי אין אמת'ען ווי רוי־טע פּאָדעם· „יעבד" — זאָל ער גען לאיבוד צו אַלדע שוואַרצע יאָר· „בשביעי" — און מע מעג שווערען, „יצא לחפשי חנם" — ער וועט זיך גאָר איינגאַנצען אַוועקשמד'ען· „אם בגפו יבוא" — ווען איינער אָבער פון די אַנשי־שלומנו קומט צום רבי'ן צופליהען ווי אויף פליגעלען, „בגפו יצא" — וועט זיין נאָמען פליהען און ווערען מפורסם אויף דער גאָרער וועלט· „אם בעל אשה הוא" — אויב ער האָט אָבער אַ ווייב אַן ארורה און זי לאָזט אים נישט צום רבי'ן, „ויצאה" — זאָל ער זי גט'ען, „אשתו עמו" — איז דען דאָס ווייב אַ מאַמע זיינע? אַ מאַמען קען מען נישט אָפּגט'ען, אַ ווייב אָבער גיט מען אַ גט און מע ווערט אירער פּטור·

257· „רזין דרזין"·

— מיין רבי — דערצעהלט אַ חסיד — האָט געזאָגט דאָס לעצטע מאָל תורה, איז עס געווען, זאָג איך אייך, רזין דרזין·

רופט זיך אָן איינער אַ מתנגד, וואָס איז געשטאַנען דערביי:

— ווייסט איר וואָס עס הייסט „רזיי דרזין"? „רזין" הייסט, אַז דער רבי ווייסט וואָס ער זאָגט און די חסידים ווייסען נישט, און „רזין דרזין" — אַז ניט די חסידים ווייסען און דער רבי אַליין ווייסט אויך ניט וואָס ער זאָגט·

258· „לשובע ולא לרזון"·

אַ יונגער חסיד איז געקומען צום רבי'ן און אָפּגעזעסען דאָרטען היבשע שבתים· פרעגט אים דער גבאי: ווי קומט עס, וואָס ער איז זיך דאָ פאַרזעסען היינטיגעס מאָל מעהר ווי תמיד?

— דעם רבי'נס תורה — ענטפערט דער חסיד — לאָזט מיך ניט אַוועק פון דאַנען: יעדען שבת זאָגט ער תורה, אַז ס'איז מחיה נפשות, ממש טאַקי רזין דרזין·

— און איך האָב מורא — זאָגט דער גבאי — אַז געקומען זענט איר אַהער „לשובע ולא לרזין" (ד· ה· זיך אָנצוזעטען און ניט צו הערען רזין)·

259. דריי — איז דריי.

איין חסיד פרעגט דעם צווייטען, וואָס איז געקומען צופאָהרען פונ׳ם רבי׳ן:

— וואָס פאַר אַ נייע תורה האָסטו דאָרטען געהערט פונ׳ם רבי׳ן?

— קיין נייע תורה — ענטפערט יענער — האָב איך היינטיגס מאָל ניט געהערט, דערפאַר האָב איך געבראַכט פונ׳ם רבי׳ן אַ נייע סגולה אויף ניצל צו ווערען פון גזלנים, ווען זיי בעפאַלען אין וועג.

— דהיינו?

— מע דאַרף פערמאַכען די אויגען און זאָגען נור דריי ווערטער „תפל עליהם אימתה ופחד״.

— ס׳איז דאָך פיר ווערטער?

— שגץ איינער! אַז דער רבי זאָגט דריי — איז דריי!

260. ווער איז גרעסער?

צוויי חסידים פון פערשידענע „צדיקים״ האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ברייטען און טיפען שמועס וועגען די רבי׳ס זייערע, און יעדער פון זיי, פערשטעהט זיך, לויבט זיין רבי׳ן אין טאָג אַריין.

— וואָס איז שייך? — היצט זיך איינער — פאַר מיין רבי׳ן, מעג מען זאָגען, האָבען אַלע מורא, אפילו גאָט אַליין אויך.

— אַזוינס, זעהסטו — רופט זיך אָן דער אַנדערער — קען איך אויף מיין רבי׳ן ניט זאָגען, נאָר דאָס איז געוויס, אַז ער, זאָל לעבען, האָט קיין מורא ניט פאַר גאָט.

261. אַן עם־הארץ אויף חידושים.

איין חסיד זאָגט דעם צווייטען:

— וואָס בערימסטו זיך אַזוי מיט דיין רבי׳ן, אַז ער איז אַ גאַנצער למדן און קען גוט לערנען? אַ גרויסע זאַך! גלויב מיר, ווען מיין רבי זעצט זיך אַוועק לערנען אַ שטיקעל צייט, ווערט ער אַזאַ למדן פונקט ווי דיין רבי, אָבער לאָז נור פרובען דיין רבי און וועלען זיך גלייכען צו מיין רבי׳ן, וועט עס בשום אופן ניט קענען.

— פאַר וואָס ניט — זאָגט דער צווייטער — ער דאַרף נור אַוועקזעצען זיך אַ שטיקעל צייט אין ניט נעמען קיין ספר אין האַנד, ווערט ער אַזאַ עם־הארץ פונקט ווי דיין רבי.

— וואָס רעדסטו? — רופט זיך אָן יענער חסיד — דער רבי דיינער

מעג זיך אַוועקזעצען און ניט אַריינקוקען אין אַ ספר גאַנצע דרייסיג יאָר וועט ער אַלץ ניט קענען זיין אַזאַ עם־הארץ ווי מיין רבי' זאָל לעבען!

262. אַ נס, וואָס אַ נס הייסט.

צוויי חסידים זיצען און שמועסען צווישען זיך. נעמט איינער דער־צעהלען די גרויסקייט פון זיין רבין:

— איינמאָל פאָהרט מען אין וועג, ער זאָל לעבען מיט זיינע מקורבים. פלוצים פערוואָלקענט זיך דער הימעל און עס הויבט־אָן צו דו־נערען און בליצען און עס נעמט גיסען ניט אַ רעגען נאָר ממש אַ מבול. וואָס טוט דער רבי? ער הויבט־אויף די אויגען צום הימעל, פערשפרייט די הענד רעכטס און לינקס — און עס געשעהט תיכף אַ נס: רעכטס — אַ פינסטערניש מיט אַ שלאַגס־רעגען, לינקס — אַ פינסטערניש מיט אַ שלאַגס־רעגען, און אינמיטען — אַ קלאָרער הימעל ווי קריסטאָל מיט אַ ליכטיגער שיינענדיגען זין.

— דאָס איז אויך אַ גרויסע זאַך — רופט זיך זיך אָן דער צווייטער חסיד — איך וועל דיר דערצעהלען פון מיין רבי'ן אַ נס, איז דאָ וואָס צו הערען: איינמאָל פאָהרט ער זאָל לעבען מיט'ן גבאי צו איינעם פון די אַנשי־שלומנו אין אַ נאָהענטען דאָרף אויף אַ ברית. געווען איז עס פונקט ערב־שבת. דאָרט איז מען זיך אַביסעל פערזעסען, מע פאָהרט צוריק — שלעכט! עס פאַלט אָן ווי מיט אַמאָל די נאַכט און עס בעווייזט זיך אַפילו אַ שטערן אויפ'ן הימעל. וואָס טוט מען דאָ? חאַטש נעם און פערבלייב שבת האַלטען אינמיטען פעלד. הויבט־אויף דער רבי די אויגען צום הימעל, פערשפרייט די הענד רעכטס און לינקס און תיכף ווערט אַ נס, טאַקי וואָס אַ נס הייסט: רעכטס — שבת, לינקס — שבת, און אינמיטען — וואָך.

263. פשוט דערוואָרגען.

אַ חסיד איז געקומען צום רבי'ן בעטען פאַר זיין ווייב, וואָס ליגט מסוכן קראַנק.

— גיעה אַהיים און זאָרג ניט — זאָגט אים דער רבי.

אין עטליכע טעג אַרום קומט ווידער דער חסיד מיט אַ ביטער גע־וויין:

— אוי רבי, די פלונית מיינע איז געשטאָרבען.

— עס קען ניט זיין — מאַכט דער רבי רוהיג — איך האָב אַליין

מיט מיינע הענד אַרויסגעריסען ביי׳ם מלאך־המות פון די הענד דעם חלף זיינעם.

— רבי, זי ליגט דאָך פּאָרט אַ טויטע!

— אויב אַזוי — זאָגט דער רבי — איז ניט אַנדערש, אַז דער בעל דבר האָט זי גענומען און פּשוט דערוואָרגען.

264. אָן קוליעס.

אַ גאַנץ רעדעל חסידים שטעהען און דערצעהלען צווישען זיך מופתים, איין מופת שענער און גרעסער פון׳ם אַנדערען. געפונט זיך צווישען עולם אויך איינער אַ מתנגד, רופט ער זיך אָן:

— אויב איר ווילט, קען איך אייך אויך דערצעהלען אַ מופת פון׳ם טשערנאָבילער צדיק, וואָס איך אַליין האָב עס געזעהן מיט מיינע אויגען.

די חסידים האָבען באַלד אָנגעהויבען שרייען אויף קולות:

— שאַ, שאַ! לאָז דער מתנגד דערצעהלען! עס מוז שוין זיין איינמאָל אַ מופת, אַז דער מתנגד מיט זיינע מגושמ׳דיגער אויגען האָט עס געקענט אַרויסזעהן.

און דער מתנגד נעמט דערצעהלען:

— געוועזען בין איך געוועזען איינמאָל אויף מיין לעבען ביי׳ם טשערנאָבילער רבי׳ן, און יענסמאָל איז מיר אויסגעקומען אַליין צו זעהן דאָרטען דעם רבינ׳ס נס, וואָס איך וועל עס אייביג ניט פערגעסען. איר מעגט עס, חלעבען, אויסהערען. דערצעהלען גלאט אַזוי מעשיות אין דער וועלט אַריין האָב איך, פערשטעהט איר מיך, פיינד. געבראַכט האָט מען צום רבי׳ן אַ יודען מיט אָפּגענומענע פיס, וואָס געהט אויף צוויי קוליעס. דער רבי זאָל ווייזען זיין וואונדער אויף אים, די פיס זיינע זאָלען ווערען אויסגעהיילט. דער רבי האָט אויפגעהויבען די אויגען און איין קוק געטון אויף דעם יודען — ס׳איז שוין געוועזען דער רעכטער קוק, פערשטעהט זיך — און באַלד האָט ער אים אַ זאָג געטון, ער זאָל אַוועקוואַרפען די רעכטע קוליע. דער יוד טוט, וואָס דער צדיק הייסט און בלייבט שטעהן אויף איין קוליע, קוים וואָס ער האַלט זיך, „וואַרף געשווינד אַוועק די צווייטע קוליע״!

— בעפוילט דער רבי, איר הערט אַ מעשה? וואָס טויג אייך, דער יוד פערטראַכט זיך נישט און טוט, וואָס דער צדיק הייסט.

דער דערצעהלער שטעלט זיך אָפּ, און די חסידים טרייבען אים אונטער מיט גרויס התלהבות:

— נו נו, דערצעהלט שוין גיכער, וואָס איז ווייטער געוואָרען?

— וואָס ווייטער איז געוואָרען — לאָזט אויס דער מתנגד געלאַסען — מאַכט שוין ניט אויס. דער יוד האָט פערשטעהט זיך, דערלאַנגט דעם אמת׳ען פאַל און שיעור ניט צעשאָטען געוואָרען אויף שטיקלעך.

265. אַ ווייטער קוק.

אַ חסיד האָט אַמאָל געבראַכט אַ בעוויז ווי דער צדיק זיינער האָט אַ ווייטען קוק און ווייסט, וואָס עס טוט זיך ערגעץ־וואו אין די ווייטע מקומות:

— אָט למשל, געדענק איך אַ מעשה, ווי דער רבי האָט איינמאָל געזאָגט, אַז עס ברענט אין בריסק. פערשטעהט זיך, אַז אַלע בריסקער חסידים, וואָס זענען דעמאָלט געווען ביי׳ם רבי׳ן, האָבען געכאַפּט און תּיכף אַנטלאָפען אַהיים.

— האָבען זיי געפונען זייערע הייזער גאַנץ? — פרעגט מען אים.

— געוויס גאַנץ — ענטפערט דער חסיד — די שטאָדט בריסק האָט גאָרניט געברענט, אָבער דאָך איז עס אַ ווייטער קוק.

266. בדרך הטבע.

אַ חסיד דערצעהלט מופתים פון זיין רבי׳ן:

— מיין רבי שטעלט זיך אין הויף אויף אַ באַנק און זעהט מיט זיינע ליכטיגע אויגען, וואָס עס טוט זיך פון איין עק וועלט ביז׳ן אַנדערען.

— צו וואָס, אַ שטייגער — פרעגט אים איינער פון די צוהערער — טויג אים זיך שטעלען אויף אַ באַנק?

— די מעשה איז — ענטפערט דער חסיד — וואָס מיין רבי, פערשטעהט איר, האָט ליב צו מאַכען, אַז עס זאָל אויסקומען בדרך הטבע.

267. „יזכור“.

אחרון של פסח קומט צו לויפען צום רבי׳ן אַ חסיד פון זיינע מקורבים צו בעטען ביי אים עפּיס אַ סגולה פאַר זיין ווייב, וואָס איז אַ מקשה לילד (געהט שווער צו קינד). זאָגט אים דער רבי:

— גיכער געה אַהיים און נעם זאָגען „יזכור“.

דער חסיד געהט־אַרויס פונ׳ם רבי׳ן און דערצעהלט עס באַלד דעם גבאי שטאַרק דערויף פערוואונדערט.

— וואָס פערשטעהסטו דאָ נישט? — ערקלערט אים דער גבאי — וויבאַלד צו „יזכור“ געהען־אַרויס גרויסע קינדער, און אַמאָל אפילו יודען מיט בערד, וועט אַזאַ קליינער שנעק ניט אַרויסגעהן?

268· אַ קאָפּיקע צום פּופּיק·

אַן אָרומע יודענע איז געקומען צו לויפען צום רבי׳ן מיט אַ יאָמער און קלאָג: איר טאָכטער געהט זעהר שווער צו קינד׳ שוין דעם צווייטען מעת־לעת׳ און זי איז שטאַרק מסוכן· דעם רבי׳ן האָט די יודענע ניט געטראָפען׳ נאָר זי האָט געמיינט אויף הערשעל אָסטראָפּאָלער׳ וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שטוב־מענש ביי׳ם רבי׳ן׳ אַז דאָס איז טאַקי דער צדיק אַליין׳ בעט זי ביי אים׳ ער זאָל געבען פאַר דער טאָכטער עפּיס אַ סגולה צי אַ קמיע· נעמט הערשעל אַרויס אַ אָפּגעריבענע קאָפּיקע פון קעשענע און גיט עס איבער דער יודענע׳ זי זאָל געשווינד געהן אַהיים און באַלד צולעגען די מטבע דער טאָכטער אירער צום פּופּיק· אויף מאָרגען קומט די יודענע אָפּדאַנקען דעם רבי׳ן פאַר דער סגולה: זי האָט אַזוי געטון ווי דער רבי האָט געהייסען און ס׳האָט תיכף געהאָלפען· דער רבי האָט פערשטאַנען׳ אַז דאָ שטעקט עפּיס הערשעל׳ס אַ שפּיצעל׳ און אַז די יודענע איז אַוועקגעגאַנגען׳ פרעגט ער אים׳ און יענער דערצעהלט די מעשה·

— אָבער ווי פאַלסטו־אויס׳ הערשעל — פרעגט אים דער רבי — צו געבען דער יודענע אַזאַ משונה סגולה?

— איך האָב פערשטאַנען — ענטפערט הערשעל — אַז דער קליינער קבצן וועט נור דערשמעקען פון דרויסען אַ קאָפּיקע׳ וועט ער באַלד אַרויסשפּרינגען·

269. „ברגש״·

דעם רבינ׳ס גבאי זאָגט איינמאָל צו הערשעל אָסטראָפּאָלער:

— דו ווייסט׳ הערשעל׳ דער רבי האָט געפרעגט אויף דיר׳ פאַר וואָס דו ביסט היינטיגען שבת ניט געווען אין קלויז? איך האָב אים אפילו געזאָגט׳ אַז דאָס איז צוליב די גרויסע בלאָטעס׳ האָט ער מיר אַ מאַך געטון מיט דער האַנד און געזאָגט: הערשעל דאַרף וויסען׳ וואָס עס שטעהט: „בבית אלהים נהלך ברגש״׳ און „ברגש״ הייסט: ברד׳ רעם׳ גשם׳ שלג [1]·

— אמת — ענטפערט הערשעל — דער רבי אָבער דאַרף אויך וויסען׳ אַז „ברגש״ מאַכט נאָך: „ביים רבי׳ן גאַנצע שיך״·

---

[1]) אין גאָטס הויז דאַרף מען געהן׳ וואָס עס זאָל ניט זיין; האָגעל׳ דונער׳ רעגען׳ און שניי.

270. אַ קאַפּעלע מעוברת.

צום צדיק קומט אַ הייסער חסיד זיינער און רעדט זיך אויס פאַר אים זיין שווער האַרץ:

— רבי, שלעכטע געשעפטען היינטיגע צייטען, זעהר ביטערע, לייט מיינען נאָך, אַז דאָס רעדעל דרעהט זיך און זיי שאַצען מיך אין די שענע טויזענדער, אָבער פאַר אייך מעג איך דאָך זאָגען דעם אמת, אַז ס׳האָט זיך איינגאַנצען אָפּגעשטעלט. און דאָ איז נאָך מיין עלטערע טאָכטער שוין אין די יאָרען, לאַנג צייט חתונה צו מאַכען זי, און איך ווייס ניט קיין עצה זיך צו געבען. האָט מיר גאָט צוגעשיקט פאַר מיין טאָכטער אַ פיינעם חתן, אַ טאַטענס אַ קינד און אַ בן תורה מיט היבש געלד דערצו, וויל ער נעמען מיין טאָכטער ווי זי שטעהט און געהט אָן אַ שום נדן... ווי מיינט איר, רבי?

— וואָס האָסטו דאָ צו פרעגען? — זאָגט דער רבי — מאַך די טאָכטער חתונה און זאָל זיין למזל.

— יאָ, רבי, דער בחור האָט אָבער אַ חסרון.

— דהיינו?

— איך האָב מורא, ער איז אַביסעל געחאַפּט אין אַפּיקורסות.

— אויב אַזוי — שרייט אויס דער רבי און שפּרינגט־אונטער ווי אַן אָפּגעבריהטער — טאָרסטו ניט טראַכטען אפילו פון אויסצוגעבען פאַר אַזעלכען דיין טאָכטער; שוין בעסער פאַר אַ שוסטער־יונג אָדער אַ בעל־עגלה איידער פאַר אַן אַפּיקורוס, ימח־שמו.

— רבי — מאַכט דער חסיד — וואָס טוט מען? מיין טאָכטער האָט אָבער אויך אַ חסרון.

— דהיינו?

— איך האָב מורא, זי איז... אַ קאַפּעלע מעוברת.

271. אָנגעזאַלצען.

אַ דאָרפס־יוד איז געקומען צום „צדיק״ טרעפט ער אים זיצען ביי׳ם עסען. דערלאַנגט מען צום טיש אַ פולע שיסעל מיט הייסע פעטע וואַרעניקעס. נעמט דער רבי און שיט־אויס אין שיסעל אַריין כמעט אַ גאַנץ זאַלצמעסטעל מיט זאַלץ.

דער גבאי בייגט זיך אָן צום יודען און זאָגט אים שטיל אין אויער:

— דאָס טוט ער, זאָל לעבען, כדי ניט הנאה צו האָבען...

דערוויל דערזעהט דער דאָרפס־יוד די רבי׳צען, אַ געזונטע יודענע,

אַ שענע און פיין אויסגעפּוצטע, בייגט ער זיך אָן צום גבאי און טוט אים שטילערהייד אַ פרעג:

— וויפיל מעסטלעך זאלץ, אַ שטייגער, שיט אַריין ער, זאָל לעבען, אין אָט דער דאָזיגער···

272. כדי מע זאָל ניט וויסען.

א חסיד דערצעהלט פאַר'ן עולם, אַז דער רבי זיינער פאַסט אַלע טאָג אויסער שבת און יום־טוב.

— ס'איז ניט אמת — רופט זיך אָן אַ מתנגד וואָס איז געשטאַנען דערביי — איך האָב אַליין געזעהן ניט איינמאָל מיט מיינע אויגען ווי דער רבי האָט געגעסען אין אַ וואָכענדיגען טאָג.

— וואָס פערשטעהט איר ניט — זאָגט דער חסיד — דער רבי, זאָל לעבען, עסט אָפטמאָל מיט אַ מיין, כדי מע זאָל ניט וויסען אַז ער פאַסט.

273. פון די אבות.

אַ רייכער ישובניק, וואָס פלעגט אָפט פאָהרען צום „צדיק", האָט איינמאָל מיטגענומען מיט זיך זיין הינטעל, מיט וועלכען ס'איז אים שווער געווען זיך צעשיידען. געוועהנליך האָבען די חסידים ניט געלעגט קיין אי־בעריגען כבוד אויף דעם כלב און פלעגען אים אומברחמנות'דיג טרייבען און אמאָל אויך שלאָגען. דעם ישובניק, פערשטעהט זיך, פלעגט עס גוט פערדריסען. געהט ער אַריין איינמאָל צום רבי'ן זיך קלאָגען אויף די חסידים.

— הערט איר, רבי — מאַכט ער צו אים — מיין הינטעל, זאָג איך אייך, איז נור פון די אבות, אַז עס קען אויסהאַלטען פון אייערע חסידים.

274. על אַחת כמה וכמה.

אויף איין פיהרעל, וואָס איין פערדעל, אַ אויסגעדאַרטע קליאַטשע, האָט עס קוים־קוים געשלעפּט, זענען געווען אָנגעזעצט איינס אויפ'ן אַנ־דערען אַ גאַנצער מנין חסידים, וועלכע זענען געפאָהרען צו'ם רבי'ן. אויפ'ן וועג זעהען זיי ווי ניט עס פאָהרט נאָר עס פליהט אַקעגען זיי אַ פריץ, וואָס זיצט זיך ווי אַ גראַף, איינער אַליין צעלעגט אין אַ טייערער קאַרעטע מיט פיר פייערדיגע פערד „נאַ־שפּיץ". רופט זיך אָן איינער פון די חסידים.

— איצט פערשטעה איך דעם רעכטען פשט פון דער גמרא: „לעוברי רצונו כך" — די רשעים הייסט עס, לעבט זיך אויף גאָטס וועלט אַזוי,

אָבּער „לעושי רצונו" — די פרומע, זיי לעבּט זיך גאָר אַנדערש: „על אחת" — אויף איין קליאַטשע, „כמה וכמה" — זיצען אָנגעפּאַקט אַזוי פיל און אַזוי פיל פון „אַנשי שלומנו".

275. געוויס אַ חסיד.

אַ מתנגד האָט איינמאָל געזאָגט צו אַ חסידישען יונגעמאַן:

— ווי מיינסטו, וואָס איז דער יצר־הרע, אַ חסיד צי אַ מתנגד?

— איך ווייס ניט — ענטפערט דער חסיד — וואָס זאָגט איר?

— איך זאָג — מאַכט דער מתנגד — אַז דער יצר־הרע איז געוויס אַ חסיד, ווייל מע זעהט אים גאַנץ אָפט ביי׳ם רבי׳ן.

276. וואָס שטעהט העכער?

צוויי גוטע בעקאַנטע, אַ חסיד מיט אַ מתנגד פון די למדנים, פלעגען אָפט זיך אַמפּערען צווישען זיך און פיהרען הייסע ויכוחים וועגען חסידות און מתנגד׳ישע למדנות. איינמאָל גיט דער חסיד אַ פרעג דעם מתנגד:

— זאָג־מיר, איך בעט דיך, וואָס איז אַזוינס דער יחוס דיינער? פון וואַנען איז געדרונגען, אַז דיין למדנות שטעהט העכער פון מיין חסידות?

— איך וועל דיר זאָגען — ענטפערט דער מתנגד — ווען היינטיגען טאָג, אַ שטייגער, קומט אליהו הנביא און איך הער פון זיין מויל, אַז אַ חסיד שטעהט העכער פון אַ מתנגד, מאַך איך ניט קיין לאַנגע שהיות, נעם און ווער אַ חסיד באַלד אויפ׳ן שטעל. ווען דו אָבער דערהערסט פון אליהו׳ן, אַז אַ למדן שטעהט העכער, וועט דיר ניט העלפען קיין שום זאַך: מיט אַמאָל אַ למדן קענסטו ניט ווערען, און דו מוזט ערשט אויף אַ היבשע צייט, ווער ווייסט אויף וויפיל, זיך אַוועקזעצען לערנען — היינט פרעג איך דיך, זאָג דו אַליין, וואָס שטעהט העכער?

277. אַ קאָצקער חסיד.

איינער הערט ווי מע דערצעהלט אויף די קאָצקער חסידים, אַז דאָס דאַוונען מאַכט ביי זיי גאָר ווינציג אויס, רופט ער זיך אָן:

— הערט אַ מעשה, שוין העכער צוואַנציג יאָר אַז איך האָב אויפגעהערט צו דאַוונען, און איך האָב ביז איצט גאר ניט אָנגעהויבען צו וויסען, אַז איך בין שוין אַזויפיל צייט אַ קאָצקער חסיד.

278· מיט אַ בלויען זאַק·

אין אַ בויד, וואָס איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט פאַרשוינען, האָט זיך איינער אַנידערגעזעצט אויף יענעמס אַ פוס, טוט ער אַ פרעג:

— רבותי, זאָגט דעם אמת, אויף וועמענס פוס האָב איך זיך עס אַנידערגעזעצט?

רופט זיך אָן אַ יוד אַ חסיד:

— אויב דער פוס איז מיט אַ בלויען זאַק, איז ער מיינער.

279· אַ גרויסע חכמה!

אַ חסיד איז געפאָהרען אויפ׳ן אייזענבאַהן, האָט ער בעדאַרפט טון זיין בעדערפעניש און ניט געקענט געפונען אַזוי גיך דאָס נויטיגע אָרט· דערווייל שטעלט זיך דער צוג אָפּ אויף אַ סטאַנציע, חאַפּט זיך דער חסיד געשווינד אַראָפּ ערגעץ־וואו אונטער אַ בוים· נאָר איידער ער איז אינגאַנצען פאַרטיג געוואָרען, הויבט זיך דער צוג אָן צו רירען· נעמט דער חסיד גיך נאָכלויפען דעם צוג, מיט איין האַנד האַלט ער צו די ניט־פערשפּיליטע תחתונים און מיט דער אַנדערער מאַכט ער שטאַרק אין דער לופטען און שרייט אויף אַ קול:

— העי, העי, אַ גרויסע חכמה!

280· אַן אַנדער מענש·

אַמאָל האָט מען אַ פרעג געטון איינעם אַ חסיד, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם „ביטערען טראָפּען״ ווי אַזוי קען עס איין מענש אַריינגיסען אין זיך אַזויפיל משקה?

— וואָס הייסט איין מענש! — ענטפערט דער חסיד — איר דאַרפט וויסען, אַז נאָך יעדען גוטען שנאַפּס, וואָס איך נעם, ווער איך גאָר אַן אַנדער מענש· נו און ער, דער אַנדערער מענש, מיין איך, דאַרף דאָך אויך מאַכען אַ רעכטען שנאַפּס·

281· אַ טפש איז ער געווען?

אַ חסיד, וואָס האָט גאָרנישט פיינט געהאַט דעם טרינק, האָט געדרונגען:

— איך טרינק משקה מיט אַ קל־וחומר: אויב שלמה המלך, וואָס איז געווען לכל הדעות דער גרויסער חכם, האָט אַזוי געהאַלטען פון משקה, מעג איך דאָך אודאי און אודאי טרינקען·

— פון וואַנען ווייסטו עס — פרעגט אים דער צווייטער — אַז שלמה המלך האָט געהאַלטען פון משקה?

— אַ גרויסער חכם ביזטו — ענטפערט יענער — ווי מיינסטו, אַ שטייגער, ער האָט ניט געהאַלטען? וואָס איז, עפּיס אַ טפּש איז ער געווען?

282. אַ גוטער קאָפּ!

אַ חסיד דערצעהלט:

— געהערט האָב איך אַמאָל זאָגען, אַז אַ גוטער קאָפּ קען אַ סך טרינקען, האָב איך זיך מישב געווען און יענע וואָך מיטגענומען מיט זיך דעם רמב״ם מיינעם. דער רמב״ם, האָב איך זיך געטראַכט, האָט דאָך געוויס דעם גוטען קאָפּ, האָבען מיר דאָרטען געמאַכט ביידע דעם היבשען טרינק, אַזוי ווי איך האָב ליב. וואָס־זשע איז געווען דער סוף? איך האָב זיך נאָך, ווי עס איז, געקענט דערשלעפּען אַהיים, און דער רמב״ם דוקא האָט געמוזט פערבלייבען ביים שענקער אין שטוב.

283. יי״ש מיט קעז.

— אַז מע טרינקט יי״ש — האָט געזאָגט אַ חסיד — מוז מען פאַרבייסען מיט קעז, ווייל יי״ש איז בגימטריא קעז.

— אַ גראָבער טעות אין חשבון! — פרעגט אים אָפּ אַ מתנגד — בערעכענט וועט איר זעהן, אַז קעז בעטרעפט פיל ווענינער ווי יי״ש.

— נו איז וואָס, מתנגד? — ענטפערט דער חסיד — נעמט מען פערבייסען צוויי שטיקער קעז.

— ווערט עס דאָך שוין צופיל?

— נעמט מען נאָך אַביסעל יי״ש, און אויב יי״ש קומט דערנאָך אויס שוין ווידער צופיל, נעמט מען נאָך אַ שטיקעל קעז, אַזוי לאַנג — ביז עס גלייכט זיך אויס.

284. מענשען אויף דער לבנה.

— הערסטו, גוטער ברודער — זאָגט אַ חסידי׳שער יונגערמאַן זיינעם אַ חבר — אַ פּנים טאַקי, ס׳איז אמת וואָס איך האָב געהערט, אַז עס געפינען זיך מענשען אויף דער לבנה.

— וואָס איז די ראיה? — פרעגט אים יענער.

— אָט האָסטו אַ בעוויז: איך שטעה אַזוי אַנימעלט אין דרויסען און בין מחדש די לבנה — מיט אַמאָל איז מיר איינגעפאַלען אין קאָפּ אַ מיידעל...

רייכע און ארימע

I קמצנים·

285· מכבד עשירים·

אַ גביר האָט געהאַט ביים רב אַ דין־תורה מיט אַן אָרימאַן· האָט דער רב געפונען· אַז גערעכט איז דער אָרימאַן· רופט זיך אָן דער גביר צום רב מיט אַ נגיד׳ישער עזות:

— איך מוז אייך זאָגען· אַז איך ווייס נישט· צי איך מעג אייך אויף ווייטער רופען „רבי״· ווייל אויף רבי׳ן ווייסט איר דאָך וואָס די גמרא זאָגט: „רבי מכבד עשירים״· און איר זענט זיך ניט אַזוי נוהג ווי רבי·

— איר האָט אַ טעות אין פשט — זאָגט דער רב — „רבי מכבד עשירים״ האָט גאָר אַן אַנדער מיין· אויב איר געדענקט געפונט זיך אין אַ משנה אַזוי: „חרש שוטה וקטן פגיעתם רעה· הם שחבלו באחרים פטורים ואחרים שחבלו חיבים״ (אַ טויבער· אַ נאַר און אַ קליינער איז שלעכט מיט זיי זיך צו בעגעגענען· ווען זיי שעדיגען יענעם· זענען זיי פטור· אַז יענער שעדיגט זיי איז ער חיב)· וואָלט אייגענטליך רבי· וועלכער האָט מסדר געווען די משנה· בעדאַרפט צו די דריי נאָך צורעכנען פאַר אַ פערטען דעם רייכען אויך· וואָס געהערט געוועגליך אויך צו דעם דאָזיגען מין· נאָר רבי האָט ניט געוואָלט דעם גביר אָנטון אַזאַ אום־כבוד און ער האָט אים אין יענע משנה ניט אַרײַנגעשטעלט· אָט מיט וואָס רבי האָט אַרויסגעוויזען אַז ער איז מכבד די עשירים!

286. אַ פּערקערטע וועלט.

— ס׳איז עפּיס אַ פּערקערטע וועלט — פּלעגט זאָגען ר׳ ברוך־מרדכי סעדליצער. — די גבירים, וואָס זיי פעהלט קיינמאָל ניט אויס קיין מזומנים, דוקא נאָך זיי יאָגט מען זיך און מע שטיפּט זיי אַלע סחורות פון דער וועלט אויף באָרג, און דער אָרימאַן נעביך, וואָס האָט תמיד אַ לעדיגען בייטעל — אים וועט קיינער ניט געבען קיין ברעקעל סחורה סיידען ער צאָהלט דער־פאַר מזומן, ווען די מענשען אָבער זאָלען זיין פיינע לייט און האָבען גאָט אין הארצען, וואָלטען זיי בעדאַרפט טון פונקט פערקערט: דעם רייכען געבען נור פאַר מזומן און דעם אָרימאַן אויף באָרג, אַי וואָס, וויבאַלד דער אָרימאַן האָט ניט און וועט ניט האָבען צו בעצאָהלען, קען דאָך דער סוחר, וועלכע באָרגט, אַליין אויך ווערען מיט דער צייט אַזאַ אָרימאַן ווי ער — וואָס־זשע קען דאָ שטעקען אין דעם פאַר אַן אומגליק? אדרבה, ער וועט ווערען אַן אָרימאַן, וועט ער דעמאָלט אויך קריגען אַלץ אויף באָרג.

287. אַ מזל־זאַך.

איינעם אַ פּקח האָט מען געפרעגט ער זאָל געבען צו פערשטעהן, פאַר וואָס דער אָרימאַן טאָר קיין זאַך ניט און דעם גביר, פערקערט, איז אַלצדינג ערלויבט צו טון, גלייך ווי פאַר אים איז געשריבען גאָר אַן אַנדערע תורה?

— וואָס פערשטעהט איר דאָ נישט? האָט יענער געענטפערט — ס׳איז אַלץ אַ מזל־זאַך. נאָך דעמאָלט, אין אַמאָליגער צייט, ווען משה רבנו איז בעז געוואָרען אויף דער מעשה פונ׳ם עגל, האָט ער אַ וואָרף געטון די לוחות און צעבראָכען אויף שטיקער, און געוועזען זענען די לוחות, ווי מיר ווייסען, פון די טייערסטע שטיינער, האָט דער עולם באַלד, מיט אימפּעט זיך אַלאָז געטון צו חאַפּען די שטיקער, וואָס זענען זיך צעפלויגען אין אַלע זייטען. נו האָט דאָס מזל, ווי שטענדיג, געשפּילט די רייכע און זיי איז געראָטען אויפצוחאַפּען די גרעסערע שטיקער, אויף וועלכע ס׳איז געוועזען אויסגעקריצט: „תגנב״ „תרצח״ „תנאף״ „תחמוד״; די אָרימע לייט אָבער, די דאָזיגע שלימזל׳ניקעס פון אייביגע יאָרען, האָבען דאָס מאָל אויך ניט געהאַט קיין גליק, און זיי אין די הענד זענען אַרייגעפאַלען נור שטיקלעך און פיצלעך מיט הוילע „לא״ און „לא״...

288. אַ קליינע טובה.

צו אַ נגיד אַ לץ איז אַמאָל געקומען אַ ירושלים־יוד בעטען, ער זאָל

אים בעהילפיג זיין אויף הוצאות־הדרך צוריק־צופאָהרען קיין ארץ־ישראל. דער עושר גיט אַ נדבה מיט דער ברייטער האַנד און זאָגט דערביי:

— מיין ליבער יוד, איר פאָהרט אין יענע מקומות, האָב איך צו אייך אַ בקשה, איר זאָלט מיר טון אַ קליינע טובה, אָבער טאַקי גאָר אַ קליינינקייט.

— אַדרבא — זאָגט דער אָרימאַן,—איך בין גרייט צו טון מיט׳ן שענ־סטען פערגניגען.

— זייט־זשע אַזוי פיל גוט — מאַכט דער נגיד מיט אַ קול פון אייב־נעם וואָס בעט רחמנות — נעמט־מיט מיט זיך אונזער תורה׳לע און טראָגט עס אָפּ אויף דעם אָרט פון וואַנען ס׳איז גענומען, צוריק אויפ׳ן באַרג סיני.

289. די וועלט און יענע וועלט.

אַ נגיד׳ס ווייב זאָגט דעם מאַן מיט האַרץ:

— איך זאָג דיר, מיין מאַן, מע דאַרף מקנא זיין די קבצנים, וואָס גהעט זיי אָפּ? זיי שלעפען זיך אַרום ליידיג און טוען ניט קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, און טראָגען טראָגט זיי אויף אַלעס אין דער וועלט.

— ערגער זיך ניט אַזוי, מיין ווייב — מאַכט דער נגיד — מילא האָבען זיי, די קבצנים די וועלט; דערפאַר אָבער וועלען מיר האָבען יענע וועלט.

290. דוקא חם.

דער סלאָנימער רב ר׳ אייזעל חריף האָט איינמאָל געזאָגט אויף אַ סלאָנימער גביר אַ שרעקליכען קמצן:

— אויב ס׳איז אים שוין יאָ געפעלען געוואָרען צו זיין אַ "בן־נח״ [1], פאַר וואָס האָט ער אויסגעקליבען צו זיין דוקא חם?

291. "נעביך, אַ יתום״!

צו אַ גביר אַ קמצן איז מען געקומען נאָך "מעות־חטין״, קנייטשט ער זיך און דערלאַנגט גאָר אַן אָרימע נדבה. די גבאים קוקען זיך איבער און איינער פון זיי טוט אים אַ זאָג:

— האָט קיין פעראיבעל ניט, ס׳איז צו אַ קליינע נתינה אויף אַזאַ

---

[1] אויף אַ "בן־נח״ זאָגט די גמרא, אַז ער לאָזט זיך אומברענגען איבער אַ קליינינקייט, וואָס האָט די יוערט ווינציגער פון אַ פרוטה.

גרויסע מצוה־זאַך, אייערער עלטערער זוהן אפילו, וואָס איז אַן אָרימאַן אַקעגען אייך, האָט אונז אויך געגעבען מיט אַ ברייטערער האַנד.

— מיין זוהן, זאָגט איר! — מאַכט דער קמצנ׳ישער גביר — וואָס גלייכט איר מיך צו אים — ער האָט אַ טאַטען אַ גביר, און איך בין דאָך אַ יתום!

292. אַן אייגענער אָרימאַן.

די גבאים פון „מעות־חטין“ זענען געקומען צו אַ גביר, אַ געוויסען קמצן, און געבליבען איז ביי זיי צו נעמען וויפיל ער וועט געבען — גוט איז פון אַ חזיר אַ האָר, ער האָט זיי אָבער גאָרנישט געגעבען.

— איך קען אייך ניט געבען — האָט ער זיי געזאָגט — איך האָב אַן אייגענעם אָרימאַן, טאַקי מיין אָרימען ברודער מיין איך, וואָס מע בעדאַרף אים אויך געבען אויף פסח.

אין אַ פאָר טעג אַרום קומט דעם גביר׳ס אָרימער ברודער צו די גבאים בעטען עפּיס אויף יום־טוב פון „מעות חטין“.

— און דער ברודער דער גביר — פרעגען זיי אים — האָט אייך גאָרנישט געגעבען אויף פסח?

— אפילו ניט אַ צעבראָכענעם גראָשען.

בעגעגענט דערנאָך איינער פון די גבאים דעם גביר און מאַכט צו אים מיט גרויס תרעומות:

— געזאָגט האָט איר אונז בשעת מיר זענען געווען ביי אייך נאָך „מעות־חטין“, אַז איר האָט אַן אייגענעם ברודער אַן אָרימאַן, צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז אייער ברודער איז אויך געקומען צו אונז בעטען אויף פסח.

— וואָס? — ענטפערט דער קמצן קאַלטבלוטיג — האָב איך אייך דען אַ ליגען געזאָגט? דאָס האָב איך דאָך געמיינט: אַן אייגענעם ברודער האָב איך, וואָס בעדאַרף אויך אויף פסח, און וויבאַלד איך גיב אים גאָרנישט, וועל איך נעמען און געבען פאַר גאָר ווילד־פרעמדע מענשען!

293. שלום־עליכם!

אַן אָרימאַן איז געקומען נאָך אַ נדבה צו אַ גביר אַ קמצן, שטעקט אים יענער אָפּ אַ שלום־עליכם. וואונדערט זיך דער אָרימאַן און פרעגט:

— פון וואַנען דערקענט איר עס, אַז איך בין ניט קיין היגער?

— געוויס ניט קיין היגער — ענטפערט דער גביר — וואָרום אַלע

היגע ווייסען שוין גאַנץ גוט, אַז צו מיר נאָך אַ נדבה האָט מען ניט וואָס צו קומען.

294. ניט קיין היגער.

אַ קמצנ׳ישער גביר רופט זיך אָן בעז צו אַן אָרימאַן, וואָס איז געקומען צו אים נאָך אַ נדבה, מיט די ווערטער:

— איר זענט ניט קיין היגער, איך וועל אייך ניט געבען קיין נדבה און לאָזט מיך געמאַך!

— וואָס הייסט איך בין ניט קיין היגער — טענה׳ט דער אָרימאַן — איך בין בפירוש יאָ אַ היגער.

— ניין! — גיט אַ מאַך דער גביר — עס קען ניט זיין! ווייל אַלע היגע קענען מיך גוט און ווייסען שוין, אַז אַ נדבה געבען איז צו מיר ניט שייך.

295. מבקר־חולה זיין.

אַ משולח איז געקומען אין אַ שטעדטעל צו קלייבען געלד אויף אַ ישיבה. קומט ער נאָך אַ נדבה צו איינעם אַ גביר, וואָס זיין קמצנות איז אין לשער און מע קען ביי אים קיינמאָל ניט אַרויסרייסען קיין פּרוטה אויף קיין זאַך. דער משולח האָט געוואוסט פריהער די דאָזיגע מעלה פון דעם גביר: אַלע האָבען אים געזאָגט אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפען זיין מיה אַהין צו געהן, ווייל ער וועט גאָרנישט בעקומען; נאָר ער האָט פון דעסט־וועגען געפּריוועט, אפשר וועט אים פּאַרט געראָטען עפּיס וואָס־עס־איז פון אַזעלכען אויך אַרויסשלעפּען. ווי נור אָבער ער האָט אָנגעהויבען צו רע־דען: איר האָט געוויס געהערט פיל מאָל פון אונזער ישיבה, איך בין אַ משולח״... — שלאָגט אים דער גביר באַלד איבער די רעד:

— מיין ליבער יוד, אומזיסט אייער טרחה, פרעגט די גאַנצע שטאָדט וועט מען אייך זאָגען, אַז אויף קיין זאַך, עס מעג זיין וואָס עס איז, בין איך זיך ניט נוהג צו געבען קיין נדבות.

— פון וואַנען דרינגט איר — זאָגט דער משולח — אַז איך בין געקומען נאָך אַ נדבה? געקומען בין איך גאָר אייך מבקר חולה זיין.

— וואָס הייסט מבקר חולה זיין? — וואונדערט זיך דער גביר — בין איך דען קראַנק? איך בין, ברוך־השם, געזונד, הלואי אויף תמיד אַזוי.

— ניין, זאָגט עס נישט — מאַכט דער משולח ערנסט — בפירוש אַ חולה. שלמה המלך האָט לאַנג דערויף געזאָגט אין קהלת: „גם זה רעה חולי, יש עושר״... דאָס הייסט, אויך דאָס איז אַ שלעכטע קרענק, פאַראַן אַזאַ מין עשירות...

— מילא לאָז זיין קראַנק — לאַכט דער גביר — אָבער זאָגט מיר, אויב עס געהט אייך נאָר אין דער מצוה פון בקור־חולים, איז דען ביי אונז אין שטעדטעל פאַראַן וועניג קראַנקע, פאַר וואָס־זשע עפּיס זענט איר געקומען צו מיר און ניט צו אַנדערע מבקר חולה זיין?

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט דער משולח, — דער וואָס איז מבקר חולה, זאָגט די גמרא הקדושה, נעמט־צו פונ׳ם קראַנקען אַ זעכציג טייל פון זיין חולאת. היינט ווען איך וועל געהן מבקר־חולה זיין, אַ שטיגער, צו איינעם וואָס איז קראַנק אויף קדחת, וועל איך צונעמען אַ זעכציג טייל פון זיין קדחת. אויף וואָס טויג עס מיר? אַ זעכציג טייל אָבער פון אייער חולאת, זעהט איר, איז גאָר נישט שלעכט. עס קען ווערען אַ היבש ביסעל טויזענדער.

296. פון היץ.

גבאים פון אַ חברה זענען געקומען צו אַ קאַרגען גביר אויפצומאָהנען דעם פינף־ און־צוואַנציגער, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אויף דער חברה.

— ווען האָב איך עס צוגעזאָגט צו געבען אַזאַ היבשע נדבה? — פרעגט דער גביר פערוואונדערט.

— מיר אַליין האָט איר דאָך צוגעזאָגט — רופט זיך אָן איינער פון גבאים.

— פאָרט ווען?

— אַנימעלט, ווען איר זענט, ניט היינט געדאַכט, געלעגען קראַנק און איך בין געקומען אייך מבקר־חולה זיין.

— אַזוי? מאַכט דער קמצן — האָב איך דעמאָלט צוגעזאָגט אויף אייער חברה צו גאַנצע פינף־ און צוואַנציג קאַרבען? אין אַזאַ היץ בין איך עס געלעגען!

297. איך שוויץ.

אַ גביר אין אַ שטעדטעל, אַ גרויסער דבר־אחר, וואָס האָט קיינמאָל ניט געגעבען קיין גראָשען אויף צדקה, איז געלעגען שטאַרק קראַנק, און דער בערימטער דאָקטאָר, וועלכען מע האָט אַראָפּגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָדט, האָט געזאָגט אַז דער חולה איז מסוכן, ער קען נור גענעזען ווערען אויב ער וועט גוט שוויצען. אַלע מיטלען דערצו האָבען אָבער ניט געהאָלפען — דער קראַנקער האָט ניט געשוויצט.

דערווייל האָבען זיך מישב געווען די ראשי הקהל און געקומען צום קראַנקען רעדען איבער אים ער זאָל אָנשרייבען אַ צוואה און איבערלאָזען עפּיס אויף קהל־זאַך.

— לאָז גאָט געבען — האָבען זיי אים געזאָגט — איר זאָלט אויפשטעהן פון בעט אַ געזונטער און לעבען נאָך לאַנגע לאַנגע יאָר, אָבער אַ מענש לעבט ניט אייביג און סוף אדם ווייסט מען דאָך, דאַרף זיך דער מענש פערזאָרגען צידה לדרך, די צדקה וועט אייךביישטעהן און אין דעם זכות וועט איר ווערען געזונט.

הכלל, זיי האָבען איבער אים גערעדט אַזוי לאַנג ביז ער איז בעשטאַנען אָפּצושרייבען פאַר׳ן קהל אַן אַלט הייזעל זיינס אין עק שטאָדט. די ראשי־הקהל האָבען ניט געוואַרט און איינער פון זיי האָט באַלד גענומען שרייבען, אינמיטען גיט דער גביר אַ געשריי:

וואַרט, וואַרט, שרייבט ניט ווייטער! איך שוויץ!

298. קרן מיט רוחים.

איינער אַ זקן, אַ שטאַרק רייכער און אַ שרעקליכער קאַרגער, איז קראַנק געוואָרען און געהאַלטען ביי׳ם שטאַרבען. געלעבט האָט ער איינער אַליין, ניט געהאַט קיין ווייב און קיין קינד. שיקט ער רופען צו זיך דריי פיינסטע שטאָדט־בעלי־בתים און זאָגט זיי אַזוי:

— איך געה, ווייזט־אויס, פון דער וועלט. קיין יורש האָב איך ניט. לאָז איך איבער מיין גאַנץ פערמעגען אין אייערע הענד און איר זאָלט זעהן פערטון מיין געלד אין זיכערע הענד אויף אַ גוטען פּראָצענט.

— און וואָס זאָלען מיר טון דערנאָך מיט׳ן געלד? — פרעגען זיי אים.

— דאָס געלד מיט׳ן פּראָצענט—ענטפערט ער — דאַרף זיין אָפּגעהיט און בעוואָרענט ביז אַלע וועלען אויפשטעהן תחית־המתים, דעמאָלט וועט איר מיר אָפּגעבען צו דער האַנד דעם גאַנצען קרן מיט די רוחים.

299. גאָר אַנדערש געמאָהלט.

אַן אָרימאַן איז געקומען צופאָהרען צו זיינעם אַ רייכען ברודער. דער רייכער פרעגט ניט דעם גאַסט וואָס ער און דאָס הויזגעזונד זיינס מאַכט און ווי אַזוי עס לעבט זיך זיי, נאָר ער האַלט אים אין איין דערצעהלען פון זיך, ווי גוט עס לעבט זיך אים, קיין עין־הרע, און ער פיהרט אַרום דעם ברודער איבער די ברייטע און שענע צימערען, בעווייזט אים

מיט גרויס שטאָלץ דאָס שענע אויסלענדישע מעבעל און בעזאָנדערס די פּראַכטפאָלע בילדער, מיט װעלכע אַלע װענט זענען בעהאַנגען.

— האַ, װאָס זאָגסטו, ברודער? פרעגט דער גביר מיט אַ שײַנענ־דיג פּנים — אמת, קײן גרויסער מבין אויף אַזעלכע זאַכען, פערשטעה איך, ביזטו נישט, װי קומט עס צו דיר? אָבער דאָך, מעגסטו זיך פערגינען צו בעטראַכטען װי שעהן די בילדער זענען געמאָהלט.

דער אָרימער ברודער קוקט און בעטראַכט, שאָקעלט־צו מיט׳ן קאָפּ און מאַכט דערבײַ מיט אַ ביטער שמײכעלע:

— און בײַ מיר אין דער הײם, זעהסטו איז גאָר אַנדערש געמאָהלט.

— װאָס הײסט?

— בײַ מיר אין דער הײם, ברודער, איז געמאָהלט, פערשטעהסטו מיך, איך זאָל ניט האָבען אויף שבת.

300. דער שידוך געפעלט ניט.

צו אײנעם אַ גביר איז געקומען צופאָהרען זײנער אַן אָרימער קרוב בעטען אים מיט עפּיס בעהילפיג צו זײן: די עלטערע טאָכטער זײנע, אַ בתולה שוין גאָר היבש אין די יאָרען, איז, למזל, אַ כלה געװאָרען און די טעג דאַרף, אין אַ גוטער שעה, זײן דאָס קנסמאָל, און טאַקי גאָר אין גיכען די חתונה אויך. פערשטעהט זיך, אַז צו אַזאַ זאַך דאַרף מען הײנטיגע צײַטען זיך גוט אונטערגאַרטלען. און דער אָרימער קרוב נעמט אויסרע־כענען פאַר׳ן רײַכען אַ גאַנץ צעטעל, װאָס אַזאַ עסק פאָדערט הוצאות. דער נגיד זיצט זיך און רויכערט גאַנץ געמיטליך דעם פּאַפּיראָס און הערט־אויס אַלצדינג ביז׳ן סוף. דערנאָך גיט ער אַ פרעג דעם קרוב:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, איך װיל הערען מיט װעמען טוסטו עס דעם שידוך?

דער אָרימער קרוב נעמט אים דערצעהלען װער דער מחותן איז און װאָס איז אַזוינס דער חתן.

— אויב אַזוי — מאַכט דער נגיד — מוז איך דיר זאָגען דעם אמת, אַז דער שידוך הויבט מיר גאָרנישט אָן צו געפעלען.

— ס׳טײטש, װאָס רעדט איר? די גאַנצע װעלט, װעמען איר װעט אַ פרעג טון, װעט אײַך זאָגען, אַז ס׳איז פאַר מײן טאָכטער אַ גליקלי־כער שידוך.

דער גביר גיט אַ מאַך מיט דער האַנד און זאָגט מיט אַ פעסטען קול:

— װאָס טויג דיר, װאָס די װעלט זאָגט? דו הער בעסער װאָס איך

זאָג דיר: נעם און פאָהר געזונטערהייד אַהיים און שלאָג זיך די זאַך אַרויס פון קאָפּ; איך זאָג דיר בפירוש, אַז דער שידוך געפעלט מיר כלל וכלל נישט.

301. אַ בעל־רחמנות.

אַן אָרימאַן איז אַריינגעקומען צו אַ פערמעגליכען יודען נאָך אַ נדבה. טרעפט ער אים אין זאַל ווי ער שטעהט אין טלית און תפלין און זאָגט „ברוך שאמר״. יענער האָט דערזעהן דעם אָרימאַן מיט די קויטיגע שטיועל, מאַכט ער צו אים מיט אַ בעזער: „נו, נו... ארץ, ארץ!״ דאָס הייסט, אַז ער שמירט־אויס מיט זיינע שטיועל די ריינע פּאָדלאָגע, און דערביי ווייזט ער אים מיט דער האַנד צו דער טיר. רופט זיך אָן דער אָרימאַן:

— איר זענט אַ בעל־רחמנות און לאָזט ניט אָנרירען די ערד. זעהר וואויל, ווי שטעהט עס טאַקי אין „ברוך שאמר״ דאָרט: „ברוך מרחם על הארץ״ (געלויבט איז דער וואָס האָט רחמנות אויף דער ערד), באַלד אָבער דערביי שטעהט דאָרט אויך: „ברוך מרחם על הבריות״ (געלויבט איז דער וואָס האָט רחמנות אויף לייטען), און פון דעם, ווייזט־אויס, הייבט איר גאָר נישט אָן צו האַלטען.

302. צעבּרעכט דאָס האַרץ.

אַן אָרימאַן איז געקומען צו אַ בעקאַנטען גביר, טרעפט אים ביים פריהשטיק און נעמט אויסדערצעהלען פאַר אים זיין ביטער האַרץ, ווי דאָס וויב זיינס ליגט טויט־קראַנק און געשוואָלען, די קינדערלעך וואַל־גערען זיך נאַקעט און באָרוועס און געהען־אויס פאַר הונגער. דער גביר פּאַקט אויף ביידע באַקען און לאָזט־אַרויס אַ קרעכץ איינמאָל און צוויימאָל, און יענער האַלט אין איין דערצעהלען ווייטער זיינע צרות. טוט דער גביר אַ געשריי צום משרת זיינעם, וואָס האָט אים דערלאַנגט די גוטע גלאָז קאַווע:

— הער נור, דו! אַנו נעם אים אָן און וואַרף אים אַרויס, וואָרום ער צעבּרעכט מיר דאָס האַרץ.

303. געשיקט פון „דלות״.

צו אַ גביר, אַ רעכטען דבר־אחר, איז געקומען אַן אָרומאַן בעטען אַ נדבה. פאַלט אויף אים אָן דער גביר מיט קולות און געשרייען:

— וואָס קריכען זיי אַהער, די קבצנים, צו אַלדי שוואַרצע יאָר? איר ווייסט דען ניט, אַז אָנקוקען קען איך ניט אייערע לייט און קיין נדבות גיב איך ניט — און לאָזט מיך געמאַך!

— הערט איר — מאַכט דער אָרימאַן — איך האָב עס כשר פער־דינט. וואָס האָט מיר געטויגט געהן צו אייך? גלייכער עס זאָל קומען צו אייך טאַקי דער אַליין, וואָס האָט מיך אַהער געשיקט.

— וואָס הייסט — פייערט דער גביר — ווער האָט עס געהאַט אַזאַ חוצפה, אייך צו מיר צו שיקען?

— ווער, פרעגט איר? — זאָגט דער אָרימאַן — געשיקט האָט מיך צו אייך דער „דלות".

II אביונים און שנאָרער׳ מקבלים·

304· אויסבייטען אַ הונדערטער·

איינער׳ וואָס איז געקומען פון אַ קליין שטעדטעל אין אַ גרויסע שטאָדט׳ דערצעהלט דאָרט:

איר ווילט וויסען׳ וואָס פאַר אַ דלות ס׳איז אין אונזער שטעטעל׳ קענט איר זיך שוין פאָרשטעלען פון דעם׳ וואָס טאָמער בעדאַרף עמיצער ביי אונז אויסבייטען אַ הונדערטער׳ לאָזט זיך אויס׳ אַז ס׳איז גאָר ניטאָ — דער הונדערטער···

305· צוויי הונדערט קאַרבען.

צוויי בעקאַנטע ליטוואַקעס׳ביידע רעכטע אביונים׳ וואָס האָבען שוין געוואוינט אין וואַרשאָ היבשע עטליכע יאָרען׳ האָבען זיך בעגעגענט אין גאַס׳ פרעגט איינער דעם אַנדערען:

— וואָס מאַכסטו עפּיס׳ גוטער ברודער? שוין אַ צייט ניט געזעהן׳ ווי געהט עס דאָ אין וואַרשאָ?

— עט — ענטפערט יענער — מע לעבט ווי עס איז׳ אַלץ בעסער ווי געשטאָרבען׳ און דו?

— מיר וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט׳ ניט צו פערזינדיגען׳ אַבי מע האָט אַ שטיקעל ברויט׳ וואָס דאַרף אַ יוד מעהר? האָב איך אָבער׳ ניט פאַר דיר געדאַכט׳ אָפּגעקרענקט צוויי חדשים צייט און פערקרענקט גאַנצע צוויי הונדערט קאַרבען׳

— אָוואַ׳ צוויי הונדערט קאַרבען זאָגסטו? אַ שאָד׳ ווי איך בין אַ יוד! ביי אונז אין ליטאָ וואָלסטו דאָך פאַר דעם געלד געקענט קרענקען אפשר צוויי יאָר׳

306. דער נשרף.

אַן אָרימאַן איז געקומען אין אַ שטאָדט קלייבען נדבות און האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז פון אַ קליין שטעדטעל, וואָס איז אַוועק אינ־גאַנצען מיט'ן פייער. פרעגט מען אים:

— וואו איז אייער כתב צו בעווייזען, אַז איר זענט באמת אַ נשרף?

— דער כתב — ענטפערט ער — איז אויך אין גרויסען פייער פערברענט געוואָרען.

307. אויך געליטען.

אין אַ קליין שטעדטעל איז געוועזען אַ גרויסע שריפה. גאַנצע גאַסען זענען אַוועק מיט'ן פייער און פיל פערמעגליכע זענען געוואָרען שרעק־ליכע אביונים. פון אַרומיגע שטעדט זענען אָנגעקומען היבשע נדבות פאַר די געליטענע. קומט איינער אַן אָרימאַן, וואָס צו זיין שטיבעל איז דאָס פייער ניט אָנגעקומען, און פערלאַנגט מע זאָל אים אויך געבען אַ חלק.

— וואָס, איר האָט דען אויך געליטען פון דער שריפה? פרעגט אים דער גבאי, וואָס צעטיילט די אָנגעקומענע נדבות.

— אודאי האָב איך אויך געליטען — ענטפערט ער — איך האָב אויך, גלייך ווי אַלע, זיך שטאַרק דערשראָקען.

308. גמרא...

אַן אָרימאַן איז געקומען אין דער פריה צום גביר פון שטעדטעל ר' אַנשיל נאָך אַ נדבה און פערלאַנגט מע זאָל אים צולאָזען צום גביר אַליין. זאָגען אים די שטוב־מענשען:

ר' אַנשיל איז איצט שטאַרק פערנומען און האָט קיין צייט ניט.

— איך האָב צו זאָגען — בייט זיך דער אָרימאַן — ניט מעהר ווי איין און איינציג וואָרט.

דערהערט עס דער גביר, געהט ער אַרויס צום אָרימאַן און מאַכט צו אים:

— זאָגט, רב יוד, דאָס איינע וואָרט וואָס איר האָט צו זאָגען, אָבער טאַקי איין וואָרט ניט מעהר.

דער אָרימאַן טוט זיך העפליך אַ בייג און זאָגט:

— גמרא.

— וואָס מיינט איר דערמיט? — פרעגט אים דער גביר.

— „גמרא" מאַכט: גוט מאָרגען, ר' אַנשיל—ענטפערט דער אָרימאַן.

— גוט מאָרגען, גוט יאָר. נו און מעהר האָט איר גאָר ניט וואָס צו זאָגען?

— גמרא — מאַכט ווידער דער אָרימאַן.

— וואָס הייסט עס ווידער?

— דאָס הייסט: גיט מעות, ר׳ אַנשיל!

דער גביר שמייכעלט און דערלאַנגט אים אַ נדבה. דער אָרימאַן נייגט זיך ווידער און זאָגט אַ דריט מאָל:

— גמרא.

— וואָס הייסט עס נאָך?

— עס הייסט נאָך: גיט מעהר, ר׳ אַנשיל!

309. אַ גאַנץ זיכערע רפואה.

אַ געוויסער שנאָרער איז געקומען אין אַ גרויסער שטאָדט און האָט געוואָלט אַריינגעהן נאָך אַ נדבה צו איינעם פון די גרויסע נגידים; האָט מען אים אָבער אַהין ניט אַריינגעלאָזט, ווייל דער נגיד איז געלעגען אין בעט געפעהרליך קראַנק. דער שנאָרער איז אָבער ניט אָפּגעשטאַנען און האָט פערלאַנגט מע זאָל אים צולאָזען צום קראַנקען, פאַר וועלכען ער האָט אַ זיכערע רפואה. וויבאַלד עס האַנדעלט זיך וועגען אַ רפואה האָט מען אים צוגעלאָזט. דער שנאָרער איז צוגעגאַנגען צום חולה און זאָגט אים:

— איך קען אייך געבען אַ גאַנץ זיכערע רפואה, וועט איר מיך דערפאַר בעגיטיגען?

— וואָס פרעגט איר? — מאַכט דער חולה — געוויס וועל איך אייך בעלוינען אויפ׳ן שענסטען אופן. זאָגט וואָס פאַר אַ רפואה האָט איר?

— פאָהרט באַלד קיין מעזריטש.

— וואָס עפּיס מעזריטש? דאָרטען איז אַזאַ לופט אַ גוטע, צי אפשר געפונט זיך דאָרט עפּיס אַ דאָקטאָר אַ גרויסער מומחה?

— ניין, ניט דאָס. נאָר איך אַליין בין אַ דאָרטיגער, אַ מעזריטשער הייסט עס, און קען עדות זאָגען, אַז זינט די וועלט שטעהט האָט זיך נאָך ניט געמאַכט, אַז ביי אונז אין מעזריטש זאָל אַ גביר האָבען געשטאָרבען.

310. ניט קיין קרוב.

אַן אָרימאַן איז גאָכגעגאַנגען נאָכ׳ן גרויסען בראָדסקי׳ס לויה און אַלע מאָל אַרויסגעלאָזט אַ טיפען קרעכץ פונ׳ם האַרצען. פרעגט אים איינער:

— וואָס קרעכצט איר אַזוי, רב יודז ס׳איז אייערער אַ גאָהענטער קרוב?

— ניין — ענטפערט דער אָרימאַן — דער געשטאָרבענער גביר געהער מיר ניט אָן קיין שום קרובֿ, און אָט דערפאַר טאַקי קרעכץ איך און זיפץ אַזוי.

311. אָט דאָס הייסט געלעבט!

אויפ׳ן פראַנקפורטער בית־עולם איז געקומען אַן אָרימאַן, שטעלט זיך אָפּ ביי ראָטשילד׳ס זעלטען שענער און פראַכטפאָלער מצבה, בעטראַכט זי און בעטראַכט זעהר לאַנג פון אַלע זייטען און זאָגט צו זיך אַליין:

— אָט דאָס הייסט געלעבט אויף דער וועלט!

312. צוויי מיידלעך אויף איין פּיאַנע.

אַ שנאָרער פון אַ קליין שטעדטעל איז געווען איינמאָל אין קיעוו ביי׳ם גרויסען גביר בראָדסקי. געקומען דערנאָך אַהיים צו זיך אין שטעדטעל דערצעהלט ער וועגען די חידושים, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהן אין דער גרויסער שטאָדט קיעוו, און בפרט אין הויז פונ׳ם מיליאָנער בראָדסקי.

— אמת, איך מוז אייך זאָגען — האָט ער צוגעגעבען — אַז דער דאָזיגער בראָדסקי וויזט־אויס צו זיין, צווישען אונז גערעדט, אַ גרויסער דבר־אחר, אַ קמצן הייסט עס. שטעלט אייך פאָר, וואָס איך האָב אַליין געזעהן דאָרט אין שטוב מיט מיינע אויגען: צוויי מיידלעך שפּילען ביי אים מיט אַמאָל אויף איין פּיאַנע!

313. קיין יודישען טעם.

אַן אָרומאַן איז איינמאָל געקומען אַהיים און זאָגט דעם ווייב:

— הערסט, מיין ווייב, איך בין געווען איצט ביי אונזער גביר פון שטעדטעל, האָב איך אים געטראָפען עסען טריפלעך, האָט עס מיר שטאַרק פערשמעקט. זאָלסט זיין אַ גוטע און וואוילע וואָלסטו אויך געפּריוועט, מאַכען טאַקי היינט פאַר אונז טריפלעך. לאָמיר אויך האָטש איינמאָל אין לעבען געניסען אַ נגידי׳ש מאכל.

— וואו וועל איך נעמען אייער דערצו? — פרעגט דאָס ווייב.

— מילא וועט זיין אָן אייער.

— און מילך האָב איך דאָך אויך ניט?

— אַ דאגה דו האָסט, וועלען מיר זיך בעדרעהען אָן מילך.

— אָבער מעהל מוז מען דאָך האָבען דערויף.

— ניש־קשה, מיין ווייב, ווען טו וועסטו אויסשקראַבען די מילטער, וועט קלעקען.

האָט דאָס ווייב צוליב געטון דעם מאַן, אויסגעשקראַבעט ווי־עס־איז די מילטער און פאַרטיג געמאַכט די טריפלעך אָן אייער און אָן מילך, דערלאַנגט צום טיש דאָס מאכל. פערזוכט עס דער מאַן, מאַכט ער אַ זויערע מינע און זאָגט דערביי:

— הערסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען, מיין ווייב, דער שוואַרצער יאָר ווייסט זיי, די נגידים מיין איך, מיט זייערע שענע מאכלים, וואָס זיי טראַכטען־אויס — עס האָט דאָך ניט קיין יודישען טעם!

314. מאַיענעזע.

איינמאָל איז אַן אָרומאַן געקומען צו אַ גביר, געמאַכט פאַר אים אַ קרום פנים, ווי איינער וואָס האָט שוין עטליכע טעג אין מויל ניט געהאַט, און ביי׳ם גביר אין האַרצען האָט זיך עפּיס שטאַרק דערוועקט דאָס רחמנות און ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנד אין קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גאַנצען רובל און געגעבען דעם אָרומאַן.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער געהט דער גביר אַריין אין אַ פיינעם גאַרקוך און געפונט דאָרט דעם זעלבען אָרימאַן, ווי ער זיצט זיך און עסט אַ מאַיענעזע פון פיש. ווערט ער אויפגעבראַכט, געהט־צו צו אים און זאָגט מיט אַ בעזער:

— אָט אויף דעם געהט עס אַ יוד איבער די הייזער און בעהמט־צונויף נדבות צו עסען מאַיענעזעס!?

— איך פערשטעה אייך נישט — מאַכט דער אָרימאַן אויך אין כעס—פריהער איידער איך האָב געהאַט אַ רובל אין קעשענע האָב איך קיין מאַיענעזע ניט געקענט עסען, איצט אַז גאָט האָט מיר געהאָלפען און איך האָב דעם רובל בעקומען טאָר איך ניט עסען. אויב אַזוי, זאָגט־זשע מיר, ווען פאָרט וועט מיר אויסקומען צו עסען אַ מאַיענעזע?

315. טאַקי ווערט.

אַן אָרימאַן איז געקומען אין אַ שטעדטעל און בעקומען דאָרט אויף שבת אַ „פלעט״. זיצט ער פרייטאָג צונאַכטס ביים שענעם שבת׳דיגען טיש און עסט געשמאַק די חלה. די קאַרגע בעל־הבית׳טע האָט געמוזט קוקען און שוויגען. צום סוף קען זי שוין מעהר זיך ניט איינהאַלטען און מאַכט צו אים:

— רב יודי, פאַר וואָס עסט איר אַלץ חלה, ניט קיין ברויט.
— עס מאַכט ניט אויס — זאָגט דער אָרימאַן — די חלה איז אויך גאָרנישט שלעכט.
— יאָ, אָבער איר ווייסט, חלה קאָסט גאַנץ טייער.
— וואָס־זשע מיינט איר, — מאַכט ער גאַנץ רוהיג — ס׳איז טאַקי ווערט, חלעבען.

316. אַן איידעם אויף קעסט.

צו איינעם אַ בעל־הבית איז געווען בעשטעלט אויף שבת פאַר אַן אורח אַן אָרימאַן אַן עלטערער יודי. פרייטאָג־צו נאַכטס געהט פון שוהל דער בעל־הבית מיט׳ן אורח און נאָך זיי געהט־נאָך איינער אַ יונגערמאַן, געקומען צו דער שטוב, געהט דער יונגערמאַן אויך אַריין, דער בעל־הבית קוקט און וואונדערט זיך: ווער איז דער?
— עס דאַרף אייך ניט חידוש׳ן—רופט זיך אָן דער עלטערער אורח,— וואס איך בין געקומען אין צווייען, דאָס איז מיין איידעם; ער זיצט נאָך אויף מיינע קעסט.

317. צום ברודער אויף א שמחה.

אַ אָרימאַן איז געקומען צו פאָהרען צו זיין רייכען ברודער, אָפּגעווען ביי אים אַ שטיקעל צייט, גענומען וויפיעל ס׳האָט זיך געלאָזט צידה לדרך, זיך אָפּגעזעגענט און איז אַוועק. אויף מאָרגען עפענט זיך אויף די טיר און דער אָרימער ברודער קומט אַריין ווידער מיט׳ן פּעקעל. דער רייכער שטעלט אויף אים אויס אַפּאָר אויגען, ווי איינער רעדט: וואָס הייסט עס?
— פערשטעהסטו מיך — רופט זיך אָן צו איהם דער אָרימער ברודער— איך האָב זיך בעטראַכט, אַז מיין אַוועקפאָהרען איז ביי דיר געוויס ניט קיין קליינע שמחה, פרעג איך דיך, ווי זאָל איך ניט קומען צו מיין ברודער אין שטוב אויף אַ שמחה?

318. נאָך אויף איין יום־טוב.

צו אַ רייכען קרוב פלעגט קומען צופאָהרען אַן אָרימאַן פון אַ נאָהענט קליין שטעדטעל אויף יעדען יום־טוב. איינמאָל איז ער געקומען צו גאַסט, ווי זיין שטייגער, אויף אַ יום־טוב, אָפּגעזעסען אַ פּאָר וואָכען נאָך יום־טוב, דערנאָך האָט ער פערנומען זיין פּעקעל און איז אַוועק, אויף מאָרגען קומט ער ווידער צוריק מיט׳ן קלימעקעל.

— וואָס איז די מעשה?

— די מעשה איז אָט וואָס — ערקלערט דער אָרימאַן דעם רייכען קרוב זיינעם — געוועזן בין איך שוין ביי אייך אויף אַלע ימים־טובים, נאָר אויף איין יום־טוב איז מיר נאָך נישט אויסגעקומען צו זיין ביז איצט: אויף דעם יום־טוב· וואָס איר מאַכט אין שטוב ווען איר ווערט מיינער פּטור· בין איך איצט געקומען אויף דעם דאָזיגען יום־טוב·

319· געהט אַליין איבער די הייזער·

אויף אַן אכסניא האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אָרימאַן, געהייסען באַלד זיך דערלאַנגען אַגוטען מיטאָג. געקומען ביינאַכט האָט ער ווידער גע־הייסען זיך געבען עסען און טרינקען פונ׳ם בעסטען, וואָס דאָרט געפינט זיך· אויף מאָרגען שטעהט ער אויף פריה, פאָדערט אַ זאַטען פריהשטיק, אָפּגעגעסען נעמט ער זיך געזעגענען מיט׳ן בעל־אכסניא· רופט זיך יענער אָן:

— נו און וואָס הערט זיך, רב יוד, מכוח בעצאָהלען פאַר׳ן עסען און טרינקען און נאַכט־לעגער?

— זאָרגט נישט — מאַכט דער אָרימאַן — ס׳איז גלייך ווי ביי אייך אין קעשענע, איך פאָהר ניט אַוועק, געקומען בין איך אַהער אין שטעדטעל קלייבען נדבות, דאָס איז מיין שטענדיגע פּרנסה· נאָר נעכטען בין איך נאָך געוועזן מיד פונ׳ם וועג, איצט נעם איך זיך צו דער אַרבייט, און איר מעגט זיין זיכער, אַז איך וועל אייך אייערס אָפּברענגען וויפיל עס קומט ביז איין פּרוטה·

— וואָס דערצעהלט איר מיר: איך מעג זיין זיכער? — שרייעט דער בעל־אכסניא — איך בין גאָרניט זיכער·

— אויב איהר גלויבט מיר נישט, קומט־זשע מיט מיר, זייט מוחל וועלען מיר געהן צוזאַמען, איבער די הייזער·

— וואָס רעדט איר, משוגע זענט איר? וואָס הייסט, איך וועל זיך לאָזען מיט אייך איבער די הייזער געהן!

— וואָס, איר שעמט זיך מיט מיר אינאיינעם געהן? ווייסט איר גאָר וואָס, נאַט אַייך מיין טאָרבע און געהט אַליין אָן מיר איבער די הייזער·

320· פּרנסה בלייבט פּרנסה·

אין אַ שטעדטעל איז אָנגעקומען פרייטאָג פאַרנאַכט אַן אָרימאַן געהט ער אַריין צום רב און דערצעהלט אים, אַז געקומען איז ער אַהער, צו געהן איבער די היגע הייזער און בעט, זיין קלימעקעל זאָל דאָ אין שטוב איבערליגען ביז איבער שבת· שבת־צונאַכטס נעמט מען ביי׳ם רב

איבערטראָגען דעם אָרימאַן׳ס קלימעקעל פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערען בינדט זיך עס אויף און עס פאַלט פון דאָרט אַרויס אַהיבש פּעקעל אסיג־נאַציעס. דער רב האָט באַלד געשיקט רופען די ראשי־הקהל און דערצעהלט זיי די מעשה און מע נעמט זיך מישב זיין, וואָס טוט מען מיט אַזאַ אָרימאַן, איז געבליבען, אַז מע זאל דעם יודען פּאָרלעגען איינס פון די צוויי: אָדער דאָס גאַנצע געלד זיינס פערבלייבט ביי קהל אויף צדקה־זאַכען, אָדער ער זאָל געבען אַתקיעת־כף, אַז ער מאַכט זיך פאַר׳ן געלד עפּיס אַגעשעפט און מעהר געהט ער ניט אין די הייזער.

זונטאָג אין דער פריה קומט דער יוד נאָך זיין קלימעקעל, דער־צעהלט אים דער רב, וואָס מע האָט נעכטען ביינאַכט בעשלאָסען וועגען זיין געלד, און איצט איז די ברירה ביי אים. דער יוד האָט זיך אַביסעל פערטראַכט, דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— רבי, לאָזט־איבער דאָס געלד ביי אייך, קיין תקיעת־כף וועל איך ניט געבען, פרנסה בלייבט פרנסה...

321. דערמאָהנט דעם אָרימאַן.

אַן אָרימאַן איז געקומען אויף אַרייכע חתונה, לאָזט מען אים שטעהן ביי דער טיר און קיינער איז אים מיט גאָרניט מכבד. דערווייל קוקט מען זיך אום, אַז עס פעהלט אַזילבערנער לעפעל — נעמט מען זיך צום אָרימאַן ניט אַנדערש, דאָס איז זיין אַרבייט. רופט זיך אָן דער אָרימאַן מיט אַטיפען זיפץ:

— איצט ערשט פערשטעה איך דעם רעכטען פשט פון דוד המלך׳ס ווערטער אין תהלים: „נשכחתי כמת מלב״ — פערגעסען האָט מען אין מיר גלייך ווי איך זאָל זיין אַמת און מע האָט מיר גאָרניט געגעבען די נשמה צו דערהאַלטען; „הייתי״ — ווען בין איך געוואָרען און מע האָט זיך אויף מיר אומגעקוקט? — „ככלי אובד״ — ווען עפּיס אַכלי איז פער־פאַלען געוואָרען.

322. געהן לערנען זיך שנאָרען!

אַשנאָרער קומט צו אַגביר נאָך אַנדבה און האַלט זיך דערביי מיט צו פיל עזות. בעמערקט דערויף דער גביר, אַז נישט אַזוי האַלט מען זיך, בשעת מע קומט צו יענעם בעטען אַנדבה.

— דאָס געפעלט מיר דוקא! — מאַכט דער שנאָרער בעליידיגט — דאַכט זיך, ניט פון נעכטען האָב איך זיך גענומען צו שנאָרעריי; איך בין

שוין, ברוך השם, ווי איר זעהט מיך, גאַנצע פינף־ און צוואַנציג יאָר אין דער דאָזיגער פּרנסה, וועל איך איצט אויף דער עלטער געהן ביי אייך זיך לערנען שנאָרען!

323. א שענער נדן.

צוויי בעקאַנטע לאַנד־קבצנים, וואָס געהען אַרום אין די הייזער פון שטאָדט צו שטאָדט, האָבען זיך בעגעגענט. רופט זיך אָן איינער צום אַנדערען:

— מעגסט מיר אָפּגעבען מזל־טוב, גוטער ברודער, גאָט האָט מיר געהאָלפען, איך האָב אויסגעגעבען מיין עלטערע טאָכטער. און ווייסטו, ווער דער איידעם מיינער איז? דו מוזט אים אויך קענען, ער איז טאַקי פון אונזער צעך: פישקע דער האָרבאַטער.

— געוויס קען איך אים. אַ פיינער איידעם, אַזאַ יאָר אויף מיר. וואָס יאַר אַ נדן האָסטו אים געגעבען?

— פרעג נישט, ס'איז שוין איינמאָל אַ ממזר־יונגו! ער האָט מיר אָפּ־געשינדען די הויט ווי עס געהער צו זיין: איך האָב אים געמוזט אָפּגעבען גאַנץ ליטאָ מיט זאַמוט, און אַלע דאָרטיגע הייזער געהען אין זיין גבול אַריין און איך טאָר שוין מעהר אַהין ניט שמעקען. וואָס זאָגסטו? אַ יאָ אַ שענער נדן? הלואי איך זאָל מיין יונגערער טאָכטער קענען געבען אַזאַ שענעם נדן!

324. אַ צו־להכעיס שפּיל.

אַן אָרימאַן האָט זיך געקלאָגט:

— גאָט, זאָג איך אייך, שפּילט מיט מיר ניט אַנדערש ווי אַ מין צו־להכעיס שפּיל: געמאַכט האָט זיך ביי מיר אַ לעכעל אין די שיך — רינט אין זיי אַ ר י י ן; האָט זיך געמאַכט ווידער אַ שפּאַלט אין דער כלי באָרשט, וואָס מיין ווייב האָט געשטעלט אויף פּסח — איז פערקעהרט, רינט פון דאָרט אַ ר ו י ס.

325. שלעכט אין אַלע צייטען.

שלמה המלך אין „משלי" זאָגט: „כל ימי עני רעים" (אַלע טעג פון'ם אָרימאַן זענען שלעכטע) — האָט עס איינער געגעבען קלאָר צו פערשטעהן מיט אַזאַ ביישפּיל:

— דעם אָרימאַן איז טאַקי שלעכט און ביטער אין אַלע צייטען: האָט אים גאָט צוגעשיקט אַ מכה, פעהלט אים אַ ציבעלע צו איר צוצולע־

גען; האָט אים גאָט געהאָלפען, אַז ער האָט שוין אַ ציבעלע — גראָד דער־מאָלט מאַכט זיך אים ניט קיין מכה...

326. אַ מלבוש אויף אַלע ימים־טובים.

איינער אַן אָרימאַן, פון די פרעהליכע קבצנים, האָט זיך בערימט, אַז ער פערמאָגט, ברוך־השם, זיין אייגענס אַ מלבוש, איז ער פון די אמת׳ע מלבושי כבוד, צוגעפּאַסט צו אַלע ימים־טובים פון אַ גאַנץ יאר:

פסח — איז אין אים ניטאָ קיין גאַנץ ברעקעל.
שבועות — איז ער דורך און דורך מיט תיקון.
ראש־השנה — פון אַלע זיינע זייטען בלאָזט.
יום־כפּור — טויג ער אויף אַכטצעהן כפּרות.
חנוכה — איז ער פול מיט לאַטקעס.
פּורים — צעשיט ער זיך אויף מאָן.

327. אַ באַקאַליע־קרעמעל.

איינעם פון די פרעהליכע קבצנים האָט מען אַ פרעג געטון:

— ווי געהט עס?

— ניט צו פערזינדיגען — האָט ער געענטפערט — איך האָב מיר מיין אייגענס אַ קרעמעל מיט שטענדיגע סחורה: ניסלעך — אין קאָפּ, מאַנדלען — אין האַלז, בוימעל — אין די אויערען, פלאַמען — פון אונטען, און פייגען — אין קעשענע.

328. געוואָרפען אַן אום־חן.

אַ אָרימער שכן קלויבט זיך ווינטער פון אַ דירה. פרעגט אים אַ בעקאַנטער:

— ווי קומט עס, וואָס אינמיטען ווינטער איז אייך פלוצים געפעלען צו בייטען די דירה?

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט ער — איך האָב אויף מיין דירה געוואָרפען אַ אום־חן.

— פאַר וואָס, אַ שטייגער?

— דערפאַר וואָס דער בעל־הבית איז אַ שלעכטער יונג: ער האָט גענומען און מיך אַרויסגעוואָרפען.

329. טוט־אָן און טוט־אויס.

צוויי אָרימע מקבלים ליגען בייגאַכט אין בית־המדרש אויף די האַר־

טעֶ בעֶנק און פאַר'ן שלאָפעֶן שמועסעֶן זײ זיך איבעֶר, װי גוט און װאויל עֶס לעֶבט זיך דעֶם נגיד אויף דעֶר װעֶלט.

— דו װײסט — זאָגט אײנעֶר צום אַנדעֶרעֶן און טוט זיך דעֶרבײ אַ געֶשמאַקעֶן קראַץ — אונזעֶר נגיד פון שטעֶדטעֶל, עֶס זאָל אפילו דונעֶרעֶן און בליצעֶן, מוז עֶר אָנטון אַלעֶ שבת אַ װײס העֶמד.

— און דעֶר קיעווער בראָדסקי? — פרעֶגט דעֶר צװײטעֶר.

— װאָס פרעֶגסטו, בראָדסקי פעֶרגינט זיך שוין אָנצוטון אַ װײס העֶמד צװײ מאָל אין װאָך.

— און דעֶר שני למלך?

— אַלעֶ טאָג.

— און דעֶר קיסר אַלײן?

— צװײ מאָל אין טאָג.

— נו און ראָטשילד, אַ שטײגעֶר?

— ראָטשילד! װעֶר קעֶן זיך גלײכעֶן צו ראָטשילד'עֶן? עֶר טוט־אָן און טוט אויס, טוט־אָן און טוט־אויס.

קלויזניקעס און בטלנים.

330. גאָר אַן אַנדערע זאַך קשה.

צוויי בחורים פון די קלויזניקעס זענען געזעסען אין בית־המדרש און אַ היבשע צייט זיך אַוועקגעשפּאַרט איבער עפּיס אַ „כלומר" אין רש"י. איינער זאָגט, אַז רש"י קומט דאָ מיט'ן כלומר צו בעוואָרענען אַזאַ קשיא, און דער צווייטער דרינגט, אַז גאָר אַן אַנדערע קשיא. קומט־אַריין אַ יוד מיט אַ שענער באָרד, זעהט־אויס צו זיין אַ יוד אַ למדן, ווענדען זיך צו איםביידע בחורים ער זאָל זאָגען, ווער פון זיי ביידע איז גערעכט, צי וויל רש"י בעוואָרענען דאָ מיט'ן „כלומר" די קשיא אָדער יענע.

דער שענער יוד אָבער איז געווען, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, אַ פּשוט'ער מעקלער, גאָר אַ קליינער יודע ספר. קוקט ער זיך איין אין דער רש"י און מאַכט צו די קלויזניקעס אַזוי:

— מיר, זעהט איר, איז גאָר דאָ אַן אַנדערע זאַך קשה.

— גאָר אַן אַנדערע זאַך! — וואונדערן זיך די בחורים — וואָס נאָך פאר אַ קשיא, אַ דריטע, קען דאָ שטעקען?

— מיר איז, פערשטעהט איר מיך—מאַכט דער שענער יוד—שטאַרק קשה: אַזעלכע קליינע פּיצעלעך אותיות'לעך, ווי קען מען עס גאָר לייענען?

331. וויסען אויף אַן אַנדערס מאָל.

צוויי יונגעלייטלעך האָבען זיך אַוועקגעאַמפּערט אין בית־המדרש אַ היבשע צייט איבער אַ הארב שטיקעל גמרא. קומט־אַריין אַן אַלטער מאַן אַ שניידער, וואָס זיין פּנים האָט אויסגעוויזען פון אַ שענעם יודען אַ למדן.

בעטען זיי אים ער זאָל זאָגען, ווער פון זיי איז גערעכט אינ׳ם פשט פון דער גמרא?

רופט זיך אָן צו זיי דער אַלטער שניידער:

— ס׳איז גוט, וואָס איר האָט דאָס מאָל אָנגעטראָפּען אויף אַזאַ יודען, וואָס איז, ברוך־השם, אַ וויסער אין די קליינע אותיות׳לעך, וואָס וואָלט אָבער געווען, אַ שטייגער, ווען איר טרעפט־אָן, חלילה אויף אַ גראָ־בען יונג, וואָלט איר דאָך געבראַכט דערצו, אַז אַ יוד זאָל צוליב אייך ווערען מבויש, דערפאַר, זעהט איר, וועל איך אייך אויך גאָר ניט זאָגען, כדי איר זאָלט וויסען ווייטער אויף אַן אַנדערסמאָל.

332. וואו זענען מיינע ברילען?

אַ בית־המדרש־יוד זיצט איבער אַ גרויסער גמרא, האָבען זיך ביי אים אונבעמערקט די ברילען זיינע פערריקט אויפ׳ן שטערן, זוכט ער זיי אומעדום און געפונט נישט, נעמט ער זיך גלעטען ביים בערדעל און הויבט־אָן צו דרינגען אַזוי:

וואוהין האָבען געקענט הינקומען די ברילען מיינע? ניט אַנדערש, איינער האָט זיי פאַר זיך צוגענומען, פרעגט זיך אָבער: ווער, אַ שטייגער האָט זיי געקענט נעמען? זאָל עס אַנדערש זיין, אַז איינער אַזעלכער, וואָס טראָגט נישט קיין ברילען, איז דאָך די קשיא: צו וואָס טויגען אים מיינע ברילען? אלא וואָס דען, ער טראָגט יאָ ברילען — טאָ וואו זענען עס זיינע ברילען? דער תירוץ איז אָבער: גענומען האָט טאַקי אַזעלכער וואָס טראָגט יאָ ברילען, אַי וואָס, וואו זענען עס זיינע ברילען? למאי וואו זענען עס מיינע ברילען?

333. וואָס אַ קבצן פערגינט זיך!

— ס׳איז גאָר קיין קלייניגקייט — האָט איינער געזאָגט — וואָס אַ קבצן פערגינט זיך! איר זעהט יענעם ישיבה־בחור, דאַכט זיך גאָר אַ פּשוט מענשעל, פערגינט ער זיך פון דעסטוועגען צו שלאָפען אויף אַ בעט פון שענע עטליכע הונדערט רובל.

— וואָס הייסט?

— ווי איר קוקט אים אָן שלאָפט ער נאַכט ביי נאַכט אין בית־המדרש און בעט זיך אויס דאָרט אין מזרח־וואַנד אויף עטליכע „שטעדט" וואָס יעדע פון זיי קאָסט געוויס אַ פּאָר הונדערט רובל.

334. אַ פשוט׳ער קל־וחומר.

אַ קלויזנק ליגט בײַ נאַכט אויף אַ האַרטער באַנק אין בית־המדרש און קען ניט אַנשלאָפן ווערן. טאַפּט ער אָן עפּיס אַ פעדער אויף זײַן קאַפּאָטע, וואָס ליגט אים צו קאָפּענס, און ער נעמט דרינגען:

— איך הייב ניט אָן צו פערשטעהן מיט׳ן שכל, אויף וואָס טויג עס אַנדערע לײַט צו האָבען אַ סך קישענס מיט פעדערנעס? ס׳איז דאָך אַ פשוט׳ער קל־וחומר: ווײַבאַלד אַז מע ליגט אויף איין פעדער, איז אַזוי האַרט, מוז דאָך אויף אַ סך פעדערען אודאי און אודאי זײַן האַרט צו ליגען.

335. אַ פשוט׳ער ממה־נפשך.

אַ ישיבה־בחור האָט בײַנאַכט דערהערט עפּיס אַ שאָרך אין דער שטוב, וואו ער האָט גענעכטיגט, האָט ער גענומען שרײַען: פשיק, פשיק! גוואַלד, גוואַלד! שמע ישראל, שמע ישראל!

אַז מ׳האָט אים דערנאָך געפרעגט דעם פירוש דערפון, האָט ער געענטפערט:

— וואָס פערשטעהט איר דאָ נישט? ס׳איז דאָך אַ פשוט׳ער ממה־נפשך: איז דאָס אַ קאַץ—לאָז זײַן פשיק, פשיק! איז דאָס אַ גנב—גוואַלד, גוואַלד! איז דאָס אַ שד —שמע ישראל, שמע ישראל!

336. אַ בקשה.

איינער האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ ישיבה־בחור:

הערט איר, יונגערמאַן, איך האָב צו אײַך אַ בקשה: אַזוי ווי איר עסט ממילא „טעג״ טוט מיר אַ טובה און עסט־אויף אַלע תעניתים פון אַ גאַנץ יאָר.

337. גוטע טעג״.

ווען איך געפין אין גאַס אַ זיבען טויזענד רובל — האָט איינמאָל געזאָגט אַ ישיבה־בחור — וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס מיט זיי צו טון אַזוינס.

— וואָס אַ שטייגער? — פרעגט מען אים.

— איך וואָלט גענומען, פערשטעהט איר, די זיבען טויזענד רובל און וואָלט זיי צעטיילט צווישען די יודען, וואָס איך עס בײַ זיי „טעג״ וואָלט איך שוין דערנאָך געווען באַווארענט מיט גוטע „טעג״.

338. וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען?

אַ ישיבה־בחור איז געווען בעשטעלט ביי איינעם פון די בעלי־בתים צו עסען דריי „טעג” אין דער וואָך, און שטענדיג פלעגט מען אים דאָרט געבען עסען איין מאכל: קאַרטאָפעל און ווידער אַמאָל קאַרטאָפעל.

איינמאָל דערזעהט ער, ווי מע דערלאַנגט צום טיש דאָס שטענדיגע מאכל, וואָס האָט זיך אים שוין אַזוי צוגעגעסען, טוט ער אַ פרעג דעם בעל־הבית:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען אויף קאַרטאָפעל?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שאלה? — ענטפערט יענער פערוואונדערט — ביזט דאָך עפּיס אַ ישיבה־בחור, ווייסט דען נישט, וואָס יעדער פּראָס־טער יוד ווייסט, אַז מע מאַכט „בורא פרי האדמה” אויף יעדע זאַך וואָס געהט־אַרויס פון דער ערד?

— יאָ — זאָגט דער ישיבה בחור גאַנץ תמ'עוואַטע — וואָס טוט מען אָדער, אַז עס קריכט שוין גאָר פון האַלז?

339. אַן אָנצוהערעניש.

אַ ישיבה־בחור האָט געגעסען שבת ביי אַ יודען אַ קמצן. זעהט דער בעל־הבית ביי'ם עסען, אַז דער בחור טונקט גאַנץ געשמאַק חלה אין בראָנ־פען, וויפיל ער האָט געקענט האָט ער געשוויגען. צום סוף האָט ער זיך ניט געקענט מעהר איינהאַלטען, וויל ער אים געבען אַ אָנצוהעריניש און טוט אים אַ פרעג:

— צוליב וואָס האָט משה רבנו בעדאַרפט מאַכען אַזאַ גרויסען נס, דער ים־סוף זאָל ווערען אויסגעטריקענט, גענוג וואָלט געווען ער זאָל גע־בען יעדען יודען אַ שטיק חלה, וואָלטען זיי אַזוי לאַנג געטונקען, ביז זיי וואָלטען אויסגעטונקט דעם גאַנצען ים־סוף?

— איר האָט אַפנים פערגעסען — האָט אים דער ישיבה־בחור דע־רויף גאַנץ תמ'עוואַטע געענטפערט — אַז ס'איז געווען פסח, ווען מע טאָר קיין חלה אין דער האַנד ניט האַלטען, ווער שמועסט נאָך אין מויל אַריין נעמען.

340. פרעהליכער געווינס.

אַ קלויזניק פרעגט איינעם פון די אַלטע מקבלים:

— מע זאָגט, אַז ספירט מאַכט מען פון קאָרן, פון וואַנען־זשע נעמט

זיך דער שכל דערפון, וואס איך ווער באלד שכור פון אביסעל ספירט און פון קארן־ברויט מאכט זיך ניט קיינמאל איך זאל ווערען מבוסם?

— עס נעמט זיך דערפון—ענטפערט אים דער מקבל — וואס דו עסט זיך קיינמאל ניט אן מיט ברויט, ווי עס דארף צו זיין. דו פריוו מארגען, א שטייגער, איינמאל זיך זאט אנעסען מיט ברויט, וועסטו זעהן אז דו וועסט פון דעם אויך ווערען ווי שכור׳ליך.

אויף מארגען האט דער קלויזניק געבעטען ביי דער קעכין, דארט וואו ער האט דעם „טאג״געגעסען, זי זאל אים געבען היינטיגס מאל מעהר א שטיקעל קארנברויט, און ער האט זיך דאס מאל אמת גוט אנגעגעסען.

— נו, וואס הערט זיך? — פרעגט אים דערנאך דער מקבל אין קלויז — ביזטו היינט שכור געווארען פונם קארנברויט?

— שכור ווי שכור — ענטפערט דער קלויזניק — נאר דאס קען איך אייך זאגען, אז פרעהליכער בין איך געוויס.

341. לאקשען צי פארפעל.

איין קלויזניק פרעגט דעם אנדערען:

— וואס האסטו בעסער ליב — אין א יוד, לאקשען צי פארפעל?

— איך האב ליב—ענטפערט יענער,—לאקשען בעסער, ווייל לאקשען קען איך אננעמען א פולען לעפעל און עס זאל זיך נאך נאכשלעפען אויך.

— און איך — זאגט דער ערשטער — האב ליב, פונקט פערקעהרט, בעסער פארפעל, ווייל דאס איז, פערשטעהסטו מיך, א גאנץ ר ע ע ל ע זאך: אנגענומען א פולען לעפעל, בין איך שוין מיט דעם זיכער; מיט לאקשען אבער ביזטו נישט בעווארענט — עס קען נאך צוריק אין שיסעל אראפ־פאלען ניט נור די „נאכשלעפערס״, וואס הייגען אין דער לופטען, נאר זיי קענען נאך מיטשלעפען יענע לאקשען צוריק פונ׳ם לעפעל ארויס.

342. קאשע מיט תירוצים.

צוויי ארימע קלויזניקעס פון די „טעג״ עסער זיצען און שמועסען, קלאגט זיך איינער פאר׳ן אנדערען:

ס׳איז שלעכט, ברודער, מיך בעשערט גאט אלץ „טעג״ ביי אזוינע בעלי־בתים, וואו מע האלט מיך אין איין האדעווען מיט קאשע: אבער קאשע און ווידער קאשע.

— זינדיג נישט — זאגט דער צווייטער — דו האסט חאטש קאשע, און מיך, אויף מיינע „טעג״, הערט מען ניט אויף צו האדאווען מיט תירוצים, יעדעס מאל אן אנדער תירוץ פאר וואס מע קאכט ניט: דא איז די בעל־

הבית׳טע קראַנק געוואָרען, דאָ ליגט די קעכין אין היץ און נאָך אַזעלכע תירוצים. מיט אַ קאַשע, ברודער, איז נאָך מעגליך ווי עס איז דעם מאָגען אנצושטאָפּען, אָבער מיט תירוצים קען מען געוויס ניט שטילען דעם הונגער.

343. איין ברויט וואָס איז צוויי.

צוויי ישיבה־בחורים האָבען זיך אַוועקגעלאָזט געהן צופוס פון איין ישיבה אין דער אַנדערער אין אַ צווייטער שטאָדט. אויפ׳ן וועג האָט זיך זיי אויסגעפעהלט ברויט און דער הונגער האָט זיך זיי געלאָזט שטאַרק פיהלען, העלפט גאָט און זיי דערזעהן אַז אינמיטען וועג ליגט אַ גאַנצער קאַלעכדיגער ברויט. די שמחה זייערע איז געווען אין לשער. אַ קליי־ניגקייט, אַזאַ מציאה ווען מ׳איז טויט־הונגעריג! איינער האָט שוין גע־וואָלט אַ חאַפּ טון אַ שטיק ברויט אין מויל אַריין; דער צווייטער אָבער, וואָס האָט ליב געהאַט שטענדיג אַריינלאָזען זיך אין טיפע חקירות, האָט אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— ווי אַזוי איז עס אַ מענש, אַ בר דעת, אַזוי להוט, מ׳שטיינס גע־זאָגט, נאָך דער אכילה? פריהער, איידער מיר וועלען נעמען אָנשטאָפּען דעם גראָבען מאָגען, לאָמיר אָנזעטען מיט דעם אַביסעל דאָס אויג. וואָס זאָגסטו אויף דעם שענקייט פונ׳ם ברויט, ס׳איז מחיה אויף דעם צו קוקען! אויסער דעם האָב איך דיך געוואָלט אויפקלערען זאָלסט וויסען, אַז יעדע זאַך אויף דער וועלט דאַרף מען רעכענען ניט פאַר איינע נאָר פאַר צוויי; ווייל אויסער די עצם־זאַך איז נאָך פאַראַן דער געדאַנק וועגען דעם, וואָס איז אייגענטליך אויך אַ ממש גלייך ווי יעדער יש. אויף אַזאַ אופן האָבען מיר איצט ניט איין ברויט אַליין, נאָר אויסער׳ן ברויט אויך דעם געדאַנק וועגען דעם, און מיר מעגען זאָגען, אַז מיר פערמאָגען גאַנצע צוויי ברויט.

— שוין אָפּגעחקירה׳ט, — זאָגט דער ערשטער — איצט מעג מען שוין נעמען אין מויל?

— דו מעגסט — מאַכט דער חקרן — עסען דיין חלק באַלד, איך אָבער האָב ליב פאַר׳ן עסען זיך מכין זיין ווי געהעריג.

יענער איז זיך אַוועק אַביסעל מכין צו זיין, ווי ער האָט ליב, און דער האָט גענומען דאָס ברויט פּאַקען אויףביידע באַקען, און ביז יענער איז געקומען צוריק, איז פונ׳ם גאַנצען ברויט קיין סימן ניט געבליבען.

— וואו איז מיין חלק ברויט? — פרעגט דער חקרן.

— דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט — ענטפערט דער — אַז מיר פער־

מאָגען ניט איין ברויט נאָר גאַנצע צוויי, האָב איך גענומען און אויפגע־געסען איין ברויט און פאַר דיר איבערגעלאָזט דעם צווייטען.

344. אַ שענער חלום.

צוויי הונגעריגע קלויזניקעס זענען געגאַנגען אין וועג פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער. האָבען זיי געפונען אַ בייגעל און זיך גענו־מען אַמפּערען צווישען זיך, וועמען פון זיי עס קומט די מציאה. איינער טענה׳ט: איך האָב דעם בייגעל פריהער אויפגעהויבען, און דער אַנדערער: איך האָב אים דער ערשטער דערזעהן. רופט זיך אָן איינער פון זיי:

— אייגענטליך וואָלטען מיר על־פּי־דין בעדאַרפט מאַכען אַ חלוקה אויף דער העלפט, נאָר דעמאָלט וועט אונז ביידע ניט בלייבען רעכט וואָס צו געניסען, דערפאַר לעג איך פאָר אָט־וואָס: לאָז דער בייגעל בליי־בען ביז מאָרגען, און בעקומען אינגאַנצען וועט אים דער פון אונז וואָס וועט זעהן ביינאַכט אַ שענערען חלום.

און אַזוי איז געבליבען, אויף מאָרגען אין דער פריה נעמט איינער דערצעהלען דעם שענעם חלום וואָס ער האָט געזעהן:

— איך שפּאַציר אין אַ שענעם גאָרטען אין אַ שענער ליכטיגער נאַכט, פּלוצים קומט צו פליהען אַ גרויסער פויגעל, אַ קלאָר־ווייסער ווי שניי, און שטעלט זיך אַנידער אויף דער ערד פונקט ביי מיינע פיס, טראַכט איך ניט לאַנג און זעץ זיך אַרויף רייטענדיג אויפ׳ן פויגעל און פליה און פליה אַזוי לאַנג, ביז דער פויגעל האָט מיך אַריינגעפיהרט, ווייסט וואוהין? גלייך אין גן־עדן אַריין.

— הער אַ מעשה — זאָגט דער צווייטער — איך האָב אויך געזעהן דעם זעלבען חלום, ווי דו זיצסט אַזוי שען און פיין אויף דעם גרויסען ווייסען פויגעל און פליהסט און פליהסט, און איך פליה אויך אויף אַן אַנדער פויגעל נאָך דיר, נאָר דיין פויגעל, האָב איך געזעהן, האָט דיך אַריינגעפיהרט גלייך אין גן־עדן אַריין, מיינער אָבער האָט זיך אָפּגע־שטעלט ביי די טויערען פון גן־עדן — און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. באַלד האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז דיר וועט שוין געוויס זיך ניט גליס־טען קומען פון גן־עדן צוריק, האָב איך זיך מישב געווען און גענומען און אויפגעגעסען אַליין דעם גאַנצען בייגעל.

345. פערביטען די יוצרות.

אויף אַן אכסניא האָבען איבערגענעכטיגט אין איין צימער אַ רב מיט אַ ישיבה־בחור, אַזוי ווי דער ישיבה־בחור האָט בעדאַרפט גאַנץ

פריה אַוועקפאָהרען מיט'ן אייזענבאַהן, האט ער געבעטען דעם משרת, ער זאָל אים אויפוועקען. האָט ער פון גרויס איילעניש געכאַפּט און אָנגעטון אין דער פינסטערניש דעם רב'ס לאַנגען אַטלעסען מלבוש און געשווינד אַוועק אויפ'ן וואָקזאַל. געקומען אַהין, כאַפּט ער לויפענדיג אַ קוק אין שפּיגעל און דערזעהט זיך, שרייט ער אויס מיט כעס:

— אַזאַ טפש דער משרת! געבעטען האָב איך אים מיך אויפוועקען, צום סוף האָט ער פערביטען די יוצרות און אויפגעוועקט גאָר דעם רב!

346. פון וואַנען וואַקסט דער מענש?

צוויי קלויזניקעס זיצען ווינטער ביי׳ן דער וואַרימער רובע און אַמ־פערען זיך וועגען דער שאלה: פון וואַנען וואַקסט דער מענש?

— דער מענש וואַקסט פון הינטען—זאָגט איינער,—אַ סימן, פאַר אַ פאָר יאָר האָט דער טאַטע מיר געקויפט אַ פּאָר הויזען זענען זיי געווען אויף מיר לאַנג און זיך געשלעפּט אויף דער ערד, און איצט אַז איך טו זיי אָן זענען זיי אויף מיר שטאַרק קורץ.

— און איך רעכען — דרינגט דער צווייטער — אַז פונקט פער־קעהרט, דער מענש וואַקסט פון אויבען, און איך האָב דערויף אַ פּשוט'ע ראיה: נעכטען ערשט האָב איך געזעהן אין גאַס דורכגעהן אַ ראָטע סאָל־דאַטען, האָב איך זיך צוגעקוקט און בעטראַכט — פון הינטען זענען די פיס זייערע אַלע גלייך ווי איין מענש, נאָר פון אויבען איז איינער העכער און איינער נידריגער.

347. די נאָזלעכער.

איינעם פון די בית־המדרש־חקרנים האָט מען געפרעגט:

— וואָס איז דער שכל דערפון וואָס גאָט האָט געמאַכט ביים מענ־שען די נאָזלעכער פון הינטען דער נאָז און נישט אויף דער נאָז פון אויבען? דעמאָלט וואָלט דאָך קיין איין שמעק טאַבאַק ניט געגאַנגען לאיבוד?

דער חקרן האָט זיך אַביסעל פערטראַכט און געענטפערט:

— אַדרבה, דאָס איז אינגאַנצען דער שכל וואָס פון הינטען, וואָרום פון אויבען וואָלט אַהין אַריינגעריִנען טראָפּענס רעגען און געמאַכט דאָרט פונ'ם טאַבאַק אַ גאַנצע קאַשע.

348. בעשיינפערליך.

איינער פון די קלויז־חקרנים האָט געדרונגען דעם חבר זיינעם:

— דעם כלל זאָלסטו האָבען איינמאָל פאַר אַלעמאָל: דער מענש, וואָס ביי אים איז איינער פון זיינע חושים שוואַכער, צאָהלט אים גאָט דערמיט, וואָס אַן אַנדער חוש זיינער איז דערפאַר שטאַרקער.

— דהיינו?

— קענסט עס זעהן בעשיינפערליך: וויבאַלד ביי איינעם איז איין פוס אַ קורצער, איז דער צווייטער פוס זיינער דערפאַר אַ לאַנגער.

349. בעסער דיין רובל!

צוויי בטלנים האָבען געשמועסט אין קלויז, פרעגט איינער דעם צווייטען:

— צוליב וואָס דאַרף דער קיסר נעמען ביי מיר אַ רובל פּאָדאַטקעס? קאַרג רובלען מאַכט ער, קען ער דאָך אַליין זיך מאַכען נאָך און נאָך אַ רובל וויפיל ער וויל.

— פערשטעהסטו — האָט אים דער צווייטער געענטפערט — מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע, הייסט עס אַז די מלכות אויף דער ערד הינטען איז פונקט ווי די מלכות אויפ'ן הימעל אויבען. און דאָס איז ידוע, אַז אַ מענש טוט אַ מצוה בעשאַפט ער אַ מלאך. איז דאָך די קשיא: צוליב וואָס דאַרף דער אויבערשטער דו זאָלסט טון אַ מצוה און דערמיט בעשאַפען אַ מלאך, קען ער דען אַליין ניט זיך בעשאַפען מלאכים וויפיל ער וויל? נאָר דער תירוץ איז: געוויס קען ער אַליין בעשאַפען דעם מלאך, ער וויל אָבער בעסער דיין מלאך. און פונקט איז אויך מלכותא דארעא: דער קיסר קען טאַקי געוויס אַליין מאַכען דעם רובל, נאָר ער וויל בעסער דיין רובל.

350. כח הראפטאָם און כח האימפעט.

קלויזניקעס זיצען אין בית־המדרש און שמועסען מכוח וועלט־זאַכען. נעמט איינער דערקלערען פאַר זיינע חברים דעם אמת'ען שכל וואָס ליגט אין חכמת הוואַסערלייטונג:

— די זאַך, פערשטעהט איר, איז גאָר אַ פשוט'ע: ראשית חכמה גראָבט מען אויס אַ טיפען ברונען, אַהין לעגט מען אַריין אַ לאַנגע רעהר און דעם שפּיץ פון דער רעהר פיהרט מען אַריין אין שטוב. און וויבאַלד מע נעמט און מע טוט מיט אַמאָל אַ דרעה־אָפּ דעם קראַן מיט'ן כח הראַפּטאָם, טוט תיכף דאָס וואַסער אַ שפּאַר מיט'ן כח האימפּעט.

351. פאַניעס מזל.

אַ בטלן קומט איינמאָל אין מרחץ, ווען ס'האָבען זיך דאָרט געבאָ־דען אַ סך סאָלדאַטען. שטעלט ער זיך אַנידער און בעטראַכט זיי גאַנץ ערנסט אַ היבשע צייט. געהט־צו צו אים זיינער אַ בעקאַנטער, טוט אים אַ טאָרע און דערביי אַ פרעג:

— וואָס שטעהט איר דאָ אַזוי ווי פערגאַפט? דאָס ערשטע מאָל זעהט איר נאַקיטע מענשען אין באָד?

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט דער בטלן — איך קוק און טראַכט ביי זיך, ווי פאַניע האָט עס מזל: אַזויפיל סאָלדאַטען האָט ער און איינעם פון זיי זאָל עס האָבען חאָטש אַ שטיקעל שבר!...

352. אַ קאַמעטע.

צוויי בטלנים זיצען אין קלויז און שמועסען צווישען זיך וועגען וועלט־נייעס. רופט זיך אָן איינער:

— דו האָסט געהערט דאָס נייעס? דער עולם איז שטאַרק איבער־געשראָקען. מע זאָגט, אַז אין גיכען וועט עפיס אַ מין קאַמעטע בעגעגנען זיך מיט'ן כדור הארץ, און עס וועט שוין זיין דאָס גוטע בעגעגעניש: די קאַמעטע וועט פערטשעפּען די ערד אויף גאַנצע דריי איילען די טיף.

— איך רעכען — מאַכט דער צווייטער, אַז אחינו בני ישראל האָ־בען כלל ניט וואָס מורא צו האָבען, ווייל מע ליגט ברוך־השם טיף אין דער ערד ניין איילען.

הכנסת־אורחים און גמילות־חסדים.

353. ניט געגעסען.

אַן אורח זיצט ביי׳ם טיש און פּאַקט גאַנץ געשמאַק אויף בײדע באַקען. רופט זיך אָן צו אים דער בעל־הבית:

— פאַר וואָס עסט איר ניט, רב יוד?

— אַ דאַנק — זאָגט דער אורח — פאַר וואָס עס איך נישט? דאַכט זיך, איך עס.

— מאָהלט אייך, דאָס הייסט נישט געגעסען נאָר געפרעסען — מאַכט דער בעל־הבית האַלב מיט אַ שמייכעל און האַלב ערנסט.

354. נאָך אַ דריטע גלאָז.

— איך וועל אייך אָנגיסען נאָך אַ גלאָז טיי — זאָגט די בעל־הבית׳טע צו איינער פון אירע געסט.

— אַ דאַנק — זאָגט זיך אָפּ יענע — איך טרינק ניט מעהר ווי איין גלאָז.

— מאָהלט אייך — מאַכט די מכניס־אורח׳טע — געטרונקען האָט איר שוין ניט איין גלאָז נאָר צוויי. פאַר וואָס אָבער זאָלט איר ניט טרינקען נאָך אַ דריטע גלאָז?

355. אויב איר פערשטעהט קאַטאָוועס.

איינער איז אַריינגעקומען צו זיינעם אַ בעקאַנטען בשעת עסען, רופט זיך יענער אָן:

— אויב איר פערשטעהט קאַטאָוועס, קומט עסען.

— אויב איר פערשטעהט קאַטאָוועס, עסט געזונד — ענטפערט־אָב דער אַריינגעקומענער.

356. שלאָפט געשמאַק.

הערשעל אָסטראָפּאָלער האָט אַמאָל געלאָפען נאָך מעריב פון שוהל אַן אָרימאַן פאַר אַן אורח צו זיך אויף וועטשערע. געקומען מיט'ן אורח אַהיים איז אים דאָס ווייב גאַנץ פיין מקבל פנים מיט איר „מענה־לשון":

— קבצן איינער, האָסט אַליין ניט קיין ביסען ברויט, ברענגסטו נאָך מיט זיך צו שלעפען אויף מיין קאָפּ אָרימע לייט אורחים!

— וואָס הערט איר זי? — מאַכט הערשעל צום אורח — לאָז זי זיך שרייען וויפיל איר האַרץ גליסט און איר טוט זיך אייערס: נעמט, מיין ליבער יוד, אייער קלימעקעל צו קאָפּענס און לעגט זיך שלאָפען און שלאָפט געשמאַק!

357. אַ בית־עלמין פאַר אורחים.

אַן אורח איז געקומען אין אַ דאָרף, וואו עס האָבען זיך געפונען פונקט צעהן יודען. זעהט ער ווי זיי האַלטען אין בויען אַ שוהל מיט אַ בית־עלמין אין איין צייט. וואונדערט ער זיך און טוט אַ פרעג די דאָרפס־לייט:

— איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן, רבותי, צו וואָס טויג אייך אי דאָס אי יענץ? ממה־נפשך, אויב איר וועט לעבען, איז דאָך איבעריג דער בית־עלמין, און אויב איינער פון אייך, חלילה, וועט שטאַרבען, בלייבט איר דאָך דעמאָלט אָן אַ מנין. — וואָס־זשע דאַרפט איר די שוהל?

רופט זיך אָן איינער פון די דאָרפס־יודען:

— פערשטעהט איר, די שוהל בויען מיר טאַקי פאַר זיך און דעם בית־עלמין פאַר די אורחים.

358. שלעכט אַזוי און שלעכט אַזוי.

איינער האָט זיך געקלאָגט:

— שוין ניט איינמאָל האָב איך געפּריווט דאָ אין שטאָדט בעטען מע זאָל מיר לייהען אַ גמילות־חסד, וויל קיינער מיר ניט געטרויען, ווייל איך בין דאָ אַ פרעמדער און קיינער קען מיך ניט. און ביי אונז אין דער היים, אין מיין שטאָדט, הייסט עס, איז געווען אַ פערקעהרטער אומגליק: קיינער האָט מיר ניט געוואָלט אַנטלייהען דערפאַר וואָס מע קען מיך. שלעכט אַזוי און שלעכט אַזוי!

359. שולדיג אַן ענטפער.

איינער בעט ביי׳ם אַנדערען ער זאָל אים אַנטלייהען אַ פינף־ און־ צוואַנציגער, און יענער שווייגט.

— וואָס ענטפערט איר ניט, יאָ צי ניין? — פרעגט דער שוין מיט אַ ברוגז׳דיגען קול.

— וואָס האָב איך צו ענטפערען — זאָגט יענער גאַנץ קאַלט — גלויבט מיר, ס׳איז פיל גלייכער איך זאָל אייך בלייבען שולדיג אַן ענטפער איידער איר מיר אַ פינף־ און־ צוואַנציגער.

360. אויף דריי שעה.

צו אַ גביר, אַ גרויסען דבר־אחר, איז געקומען איינער בעטען אַ גמילות־חסד. פרעגט אים דער גביר: אויף וויפיל צייט ער פערלאַנגט דעם גמילות־חסד.

— אייגענטליך — ענטפערט יענער — בעדאַרף איך עס סך־הכל נור אויף דריי שעה, ניט מעהר.

— אויב נור אויף דריי שעה — זאָגט אים דער גביר — איז ניט קיין אומגליק, קען איך אייך געבען.

דערוויל פערהאַלט אים דער גביר ביי זיך און זעצט זיך מיט אים אַוועק שמועסען פון דעם און פון יענעם, פון תורה און פאָליטיקע, פון שטאָדט־זאַכען און וועלט־נייעסען, און די צייט שטעהט ניט. דער שמועס האָט זיך אַזוי פערצויגען אויף העכער דריי שעה. טוט זיך אַ חאַפּ דער יוד, וואָס איז געקומען נאָכ׳ן גמילות־חסד, און זאָגט דעם גביר:

— זייט אַזוי גוט, גיט מיר דעם גמילות־חסד, ווייל איך מוז שוין געהן.

וואָס הייסט? — מאַכט דער גביר תמ׳עוואַטע — איר האָט דאָך פון אָנהויב געבעטען נור אויף דריי שעה, און די צייט איז שוין אַריבער

361. מאָרגען.

הערשעל אָסטראָפּאָלער האָט דערצעהלט:

— גאָט זאָגט: „לי הכסף ולי הזהב״ (מיינס איז דאָס זילבער און מיינס איז דאָס גאָלד), בין איך געוועזען אַ בעלן צו בעטען ביי אים, ער זאָל

מיר אַנטלייען צעהן טויזענד גולדען ניט מעהר ווי אויף איין טאָג· פער־שטעהט זיך גאָט׳ס טאָג [1]·

— וואָס־האָט גאָט דערויף אייך געענטפערט? — פרעגט מען אים·

— וואָס מיינט איר? — זאָגט ער — גאָט האָט מיר אָפּגעזאָגט?

חלילה! ער האָט מיר נור אָפּגעלעגט אויף איין טאָג און געהייסען קומען מ אָ ר ג ע ן·

---

[1]) גאָטס טאָג איז טויזענד יאָר.

דאָרפס־יודען און גראָבע יונגען.

365. טעות גוי.

אַ דאָרפס־יודען האָט מען איינמאָל געהאַפּט ווי ער זיצט איבער אַ שטיק חזיר און עסט געשמאַק. פרעגט מען אים:

— ווי קומט עס צו יודען עסען טריפ׳ס און נאָך חזיר דערצו?

— מיט דעם דאָזיגען חזיר פלייש — פערענטפערט זיך דער דאָרפס־יוד — איז גאָר אַן אַנדערע זאַך. מיין שכן סטעפּאַן האָט אַ טעות געהאַט און עס אַריינגעוואָרפען צו מיר אין טאָפּ. און דאָס שטעהט דאָך ביי אונז געשריבען, אַז „טעות גוי" מעג מען.

366. אויב אַזוי, איז איוואַן גוט אין דער ערד!

אַ ישובניק איז געקומען פון דאָרף אין שטאָדט אים שבת, געמיינט אַז ס׳איז ערב שבת און זיך געלאָזט געהן אין מרחץ. בעגעגענט אים אַ בעקאַנטער יוד און פרעגט אים:

— וואוהין געהט עס אַ יוד?

— אין מרחץ, אויספּאַרען אַביסעל די אַלטע ביינער.

דער יוד קוקט אים אָן און מאַכט פערוואונדערט:

— וואָס הייסט אין מרחץ? ס׳איז דאָך היינט שבת!

— אַזוי גאָר — רופט זיך אָן דער ישובניק — נעכטען, קומט אויס, איז געווען פרייטאָג? אויב אַזוי, איז איוואַן גוט אין דער ערד! הערט אַ מעשה: מיין קוטשער איוואַן האָט נעכטען, אים פרייטאָג הייסט עס, גענומען אַ טרינק בראָנפען און פערביסען מיט אַ פ ל י י ש י ג ע ן קניש!

ח״י גדולים, ר׳ מאיר זאָל ווײַזען אַ נס און די פערפאַלענע עופות זאָלען זיך געפינען, אויף מאָרגען — אַלץ ניטאָ, פאַרנאַכט קומט זי פון קראָם, געהט־צו צו דער צדקה־פושקע און זאָגט שוין מיט כעס:

ר׳ מאיר, איינס פון די צוויי: אָדער די גענז זאָלען מיר זיין, אָדער דאָס געלד צוריק!

364. אַ ביליג פערדעל.

אַ דאָרפס־יוד איז געקומען אין שטאָדט אין אַ שענעם ווינטער־טאָג, געקויפט פאַר אַ גאַנצען הונדערטער זעהר אַ גראָטען פערדעל און לאָזט זיך צופרידען צוריק אַהיים אין דאָרף. דערווײַל האָט זיך דאָס וועטער איבערגעביטען, דער הימעל האָט זיך איינגעהילט אין שוואַר־אינגאַנצען און ס׳האָט אָנגעהויבען צו שיטען אַ געדיכטער שניי. די פערד הויבען צען אָן צו שטעהן, ער שמייסט מיט׳ן גאַנצען כח, זיי רייסען זיך און צום סוף פערקריכען זיי אין אַ זייט, ער פיהלט, אַז ער איז אַראָפּ פון וועג — און דאָ רוקט זיך אָן די נאַכט, און ער איז אין אַ גרויסער סכנה: ער קען אין פעלד פערפרוירען ווערען אויף טויט, אָדער גזלנים וועלען אים בעפאַלען, — עפּיס האָט ער זיך אָנגעהערט דערצעהלען פון דעם אַרומיגען וואַלד גאָר ניט קיין פרעהליכע מעשיות... אַ טויט־שרעק איז אים בעפאַלען און אנגסטען האָבען אים בעשלאָגען, הויבט ער אויף די אויגען צום הימעל און טוט אַ נדר:

— גאָטעניו, אויב דו וועסט בעווײַזען דיין גרויס רחמנות און מיך ברײַנגען בשלום צו מיין ווייב און קינדער, נעם איך אויף זיך צו פערקוי־פען דאָס נייע פערדעל און אָפּגעבען דאָס געלד אויף אַ צדקה־זאַך.

און גאָט האָט אים געהאָלפען, דער שניי האָט אויפגעהערט צו שי־טען, דער הימעל האָט זיך אויסגעלויטערט און ער איז געקומען אַהיים בשלום.

אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָהרט ער ווידער אין שטאָדט און נעמט מיט דאָס געקויפטע פערדעל און דערצו אויך אַ האָן פון דערהיים. געקומען אין שטאָדט, לאָזט ער זיך אין מאַרק צו פערקויפען דאָס פערדעל, און דאָס געלד אָפּגעבען אויף צדקה, ווי ער האָט אַ נדר געטון.

— פאַר וויפיל קען מען קויפען דאָס פערדעל? — פרעגט מען אים.

— דאָס פערד אַליין — ענטפערט ער — פערקויף איך ניט, נאָר צו־זאַמען מיט׳ן האָן.

— וויפיל־זשע פאַר ביידע?

— פאַר׳ן פערד גאָר ביליג, ניט מעהר ווי צוויי גילדען, און פאַר׳ן האָן ניט וועניגער פון אַ הונדערטער.

נדרים.

362. געזאָגט איז געזאָגט.

אַ יודענע אַ פרומע פון די „זאָגערינס" האָט איינמאָל בעדאַרפט אי־בערגעהן אַ טייך איבער אַן אַלט פערפוילט בריקעל. ביי יעדער טריט טרייסעלט זיך דאָס גאַנצע בריקעל און זי חאַפּט א שרעקליכען ציטער. טוט זי אַ נדר, אַז נאָכדעם וואָס זי וועט בשלום אַריבער, וועט זי געבען אויף ר׳ מאיר בעל־נס דריימאָל ח״י.

אָפּגעגאַנגען שוין אַ האַלב בריקעל, זאָגט זי: דריימאָל ח״י האָב איך געמיינט ניט גאַנצע קאָפּיקעס נאָר האַלבע גראָשענס.

געהאַלטען שוין באַלד ביים סוף, פריווט זי זאָגען שטיל צו זיך: ר׳ מאיר איז אַ גרויסער צדיק און בעגניגט זיך געוויס מיט וועניגי. צו וואָס דוקא דריי מאָל ח״י, גענוג איין...

פלוצים טוט זיך אַ בייג אַ פערפוילטע ברעט ביי איר הינטער די פיס און זי איז שיעור ניט אומגעפאַלען.

— זעה נור אַביסעל זעה! — שרייט זי אויס מיט פערדראָס — איך מאַך אַ שפּאַס און ער שטיפט זיך באַלד. ניין, ניין, געזאָגט איז געזאָגט. דריימאָל ח״י, דריימאָל...

363. איינס פון די צוויי.

אַ קרעמערין האָט געקויפט פאַר פסח אַ פּאָר גענז אויף יום־טוב. איינמאָל קומט זי אַהיים פון קראָם — ניטאָ די גענז. מ׳האָט זיי אויסגע־זוכט אומעטום אין הויף און אויף דער גאַס — אַזוי ווי אין דער ערד אַריין. איז זי צוגעגאַנגען צו ר׳ מאיר־בעל־נס פושקע און אַריינגעוואָרפען אַהין

367. ער זוכט אַן איידעם.

אַ רייכער ישוב׳ניק איז געקומען אין איינע פון די גרויסע ישיבות און זיך געווענדעט צום ראש־ישיבה מיט אַ בקשה: ער זאָל אויסקלייבען צווישען די בעסטע תלמידים זיינע אַ פיינעם בחור אַ צאַצקע אים פאַר אַן איידעם.

— וויפיל איז אַלט אייערע טאָכטער די כלה — פרעגט אים דער ראש־ישיבה.

— וואָס פאַר אַ טאָכטער? — ענטפערט דער ישובניק — ניין, רבי, קיין טאָכטער האָב איך נישט. נאָר איך בין אַזוי געלויבט דער אויבער־שטער, אַ מטופל מיט אַלדעס גוטס: ביי מיר אין הויף, ווי איר קוקט מי׳ך אָן, דרעהען זיך אַרום היהנער, קאַטשקעס און גענז, און אַפילו הינדיקעס. האָב איך מיר בעטראַכט: לאָז זיך ביי מיר אין שטוב ארומדרעהען אַ פיין איידעמעל אויך.

368. אויסלערנען „קדיש״.

אַן אַרענדאַר אַ בעל גוף האָט געבראַכט פון שטאָדט אַ מלמד צו זיין זוהנדעל. אין עטליכע טעג אַרום קומט ער אָן און טרעפט ווי דער מלמד זיצט און לערענט מיט׳ן יונגעל „קדיש״ זאָגען, ווערט ער אין גרים־צאָרן און שרייט:

— וואָס טוט איר עס? איך בין, ברוך השם, געזונד און שטאַרק און קיין איין גראָהע האָר, דאַנקען גאָט, האָב איך נאָך נישט, און איר האָט קיין צייט ניט און שוין געהאַפט אים אויסצולערענען פריער פון אַלץ קדיש זאָגען!

— ערגערט זיך ניט אַזוי, בעל־הבית לעבען — בערוהיגט אים דער מלמד — גלויבט מיר, ביז דער טייערער „קדיש״ אייערער וועט זיך אַמאָל אויסלערנען „קדיש״ זאָגען, קען איך אייך פערזיכערען, אַז איר וועט ווע־רען אַ גרייז־גראָהער מאַן.

369. דער סוד פון „חד־גדיא״.

איינעם אַ ישוב׳ניק איז אויסגעקומען צו זיין פאַר פסח אין נאָהענ־טען שטעדטעל ביי׳ם רבי, הערט ער ווי איינער פרעגט דעם רבי, וואָס איז דער פשט פון „חד גדיא״ און דער רבי ענטפערט דערויף: „דאָס איז אַ סוד־זאַך״.

געקומען אַהיים, בעט דער ישוב׳ניק דעם זוהנ׳ס מלמד ער זאָל אים פערטייטשען „חד־גדיא״, פערטייטשט ער אים: „חד־גדיא״ — איין ציגע־

לע, „חד־גדיא" — איין ציגעלע, „דזבין אבא בתרי זוזי" — וואָס דער טאַטע האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען. רופט זיך אָן דער ישוב׳ניק:

— איצט פערשטעה איך שוין דעם סוד פון „חד גדיא". וואָס דער רב האָט געזאָגט: „חד גדיא" — איין ציגעלע, און נאָכאַמאָל „חד גדיא" — ווידער אַ ציגעלע, האָבען מיר שוין הייסט עס, צוויי ציגעלעך, און אַז דער טאַטע האָט געקויפטביידע ציגעלעך פאַר צוויי גילדען, וואָס איז דאָס אַזוינס אויב ניט קיין געגנב׳עטע? אָט אין דעם, אַפּנים, שטעקט דער גאַנ־צער סוד!

370. זכות אבות.

אַן אַרענדאַר דערצעהלט דעם ווייב, אַז אין גיכען ענדיגט זיך דער טערמין פון דער קרעטשמע, וואָס ער אַרענדירט ביי׳ם פּריץ, און דאָ האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער שכן יענק׳על דער רויטער קריכט אויף אים און קלויבט זיך אויסצודינגען ביי אים די קרעטשמע. דאָס ווייב האָט דאָס דערהערט, לאָזט זי שוין דעם מאַן ניט רוהען און טרייבט אים, ער זאָל באַלד לויפען און אָפּמאַכען מיט פּריץ אויף ווייטער.

דער אַרענדאַר פאָלגט דעם ווייב, געקומען דערנאָך פון׳ם פּריץ אַהיים, דערצעהלט ער דעם ווייב מיט גרויס התפעלות:

הערסטו מיין ווייב, אַ גרויסער נס האָט זיך מיט אונז היינט גע־טראָפען. איך זיץ דאָרט און דינג זיך אַזוי מיט׳ן פּריץ, ער וויל אַ שרעק־ליכע הוספה, און איך טענה אַז ס׳איז אוממעגליך, גיב איך אַ קוק דורכ׳ן פענסטער — עס געהט ער אַליין, דער שענער בחור, יענק׳על דער רוי־טער, אויף קיין גוט אָרט זאָל ער ניט טרעטען! ווי געפעלט עס דיר? אַ יאָ דער רוח האָט אים אָנגעטראָגען פונקט אין דער רעכטער צייט? פיג־סטער איז מיר געוואָרען אין די אויגען און איך האָב געמיינט, אַז איך בלייב אויפ׳ן אָרט. וואָס טוט גאָט? בעפאַלען אים דעם פּריצ׳ס צוויי גרויסע הינט און ער בלייבט שטעהן ביי׳ם טויער און וואַרט ביז איינער פון די בעדינער זאָל אַרויסגעהן — און דערווייל האָב איך געחאַפּט און געגעבען עפּיס אַ קליינע הוספה און אָפּגעמאַכט מיט׳ן פּריץ אויף ווייטער. איך זאָג דיר, אין די נויטען זענען אונז די הינט געשטאַנען.

— נאַרעלע איינער! מאַכט דאָס ווייב מיט אַ שיינענדיג פּנים — היינט זאָגט ער, זכות־אבות זענען אונז דאָ ביי־געשטאַנען. דאָס איז גע־ווען אונזערע ביידע זיידעס, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָלען זיי האָבען, דאָס האָבען זיי זיך פאַר אונז געמיהט.

371. מיר האָבען אַ גרויסען גאָט.

איינמאָל איז געקומען אַן אַרענדאַר פון שטאָדט צו זיך אַהיים אין דאָרף זעהר פערזאָרגט און דערצעהלט דעם ווייב:

הערסטו, מיין ווייב, ס'איז נישט פרעהליך, מע שמועסט שטאַרק אין שטאָדט, אַז עס האַלט דערביי משיח זאָל אין גיכען קומען און אונז יודען אַוועקפיהרען פון דאַנען, וואָס וועלען מיר דעמאָלט טון מיט אונזער נייע פּאָסעסיע?

— זאָרג זיך נישט! — טרייסט אים דאָס ווייב — ניש־קשה, מיר האָבען אַ גרויסען גאָט! דער וואָס האָט יודען אויסגעלעזט אַמאָל פון פרעה'ס און פון המן'ס הענד, וועט אונז היינטיגס מאָל אויך ניט פערלאָזען און אויספיהרען פון דעם דאָזיגען נייען אומגליק אויך.

37. אַריינמישען זיך צווישען קיסרים.

אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער קריג אין רוסלאַנד, איז אויסגעקומען עטליכע אָפיצערען פון נאַפּאָלעאָן'ס חיל דורכצוגעהן אַ דאָרף, איינער אַ יוד פון יענעם דאָרף האָט געטראָגען בשעת מעשה פונ'ם טייך צוויי פולע עמערס, חאַפּט ער און גיסט זיי אויס אויף דער גאַס און לאָזט זיך געהן אַקעגען דעם שונא מיט לעדיגע עמערס. דערזעהט עס דאָס ווייב זיינס, נעמט זי אים נאָכשרייען מיט קולות:

— גזלן איינער! אַז צוויי קיסרים צווישען זיך קריגען זיך, וואָס טויג דיר צווישען זיי זיך אַריינצומישען?

373. אַ פראָסטער „חי וקים".

אַמאָל פלעגט זיין אַ מנהג צו יוצרות מכבד צו זיין איינעם פון עולם מיט זאָגען „חי וקים" — איינמאָל געהט־צו דער שמש צו אַ גראָבען ישוב־ניק, אים מכבד צו זיין מיט „חי וקים".

— וואָס פאַר אַ „חי וקים" איז היינט, טוט אַ פרעג איינער דערביי — „בגזרת„ אָדער „בסכת"?

— ניין ענטפערט דער שמש — אַ פראָסטער „חי וקים".

דער ישוב'ניק האָט עס געהערט און גענומען גוט אין זינען, און דערנאָך, ווען ס'איז געקומען צו זאָגען, האָט ער אויסגעשריגען אויף אַ קול: „אַ פראָסטער חי וקים!".

374. ערגער, ערגער!

אַ ישוב׳ניק איז געקומען פון דאָרף אין שטאָדט און פערבליבען דאָרט אויף איבער שבת. געקומען שבת אין שוהל רופט מען אים אויף צו דער תורה. הויבט ער אָן זאָגען די ברכות און פערפּלאָנטערט זיך נעבּיך און בלייבט שטעהן. וויל מען אים געבען אין דער האַנד אַ סדור, ער זאָל ניט דאַרפען זאָגען אויסענווענינ, נעמט ער מאַכען מיט די הענד און שרייט אויף אַ קול:

— ערגער, ערגער!

375. אַ תּילים מיט גרויסע קאַנטען.

אַ יוד אַ יודע־ספר האָט דערזעהן ביי ישוב׳ניק אַ תּילים מיט אַ גרויסען פּירוש אַרום, האָט ער געחאַפּט אַ קוק אין פּירוש און ער איז אים געפעלען, לעגט ער פאָר דעם ישוב׳ניק, אַז ער וועט אים געבען פאַר דעם דאָזיגען תּילים אַן אַנדערען מיט שענע אותיות, און אויב ער וויל ניט מאַלען אַ חילוף גלייך אויף גלייך איז ער גרייט אים צוצאָהלען געלד אויך.

— ניין זאָגט דער ישובניק — דעם תּילים האָב איך ניט לאַנג געקויפט און ער איז ביי מיר שטאַרק טייער, איך האָב לאַנג געזוכט אַזעלכען, און איך וועל אים ניט פערקויפען פאַר קיין געלד אין דער וועלט.

— פאַר וואָס? — פרעגט יענער — דער פּירוש געפעלט אייך אַזוי?

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — ענטפערט דער ישוב׳ניק — דעם פּירוש פערשטעה איך נישט, נאָר ער געפעלט מיר דערפאַר וואָס ער פערנעמט גרויסע קאַנטען פונ׳ם תּילים, ווען אפילו דער מאָיל וועט זיך אַהער אַריינחאַפּען, וועט ער אויפפרעסען די ברייטע קאַנטען אַרום און די קאַפּיטלעך תּילים וועלען בלייבען גאַנץ.

376. דער כּוח פון דקדוק.

אַ ישוב׳ניק, וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ שטיקעל יודע־ספר, האָט אַמאָל דערקלערט פאַר אַנדערע דאָרפ׳ס לייט, ווי ווייט עס דערגרייכט דער כּח פון דקדוק:

— הערט אַ מעשה, וואָס פון אַ וואָרט קען ווערען: „שמע״ — איז די טייטש „הער״ „שמעני״ — איז שוין „הער מיך״, און „ישמעאל״ — ווערט מיט אַמאָל גאָר „אַ טערק״.

377. אדם ובהמה.

אַ מגושמ׳דיגער רייכער ישוב׳ניק פון אַ נאָהנטען דאָרף איז געבלי־

בען אין שטאָדט אויף שבת. געקומען אין שוהל האָט אים דער שמש אַרויפגעפיהרט אויבענאָן און אַנידערגעזעצט נעבען דעם רב אין מזרח. דעם רב האָט עס פערדראָסען, נאָר ער האָט געשוויגען. פרייטאָג־צו נאַכטס און שבת אין דער פריה איז דער ישוב׳ניק אָפּגעזעסען שטיל די גאַנצע צייט און ניט אויסגערעדט צום רב קיין וואָרט. צו מנחה, בשעת זאָגען „אדם ובהמה תושיע ה׳״, האָט ער געפונען אַ געלעגענהייט אַ שמועס צו טון מיט׳ן רב און פרעגט אים:

— רבי, וואָס איז דער פשט פון „אדם ובהמה״ ווי שטעלט מען עס אַנידער נעבען „אדם״ אַ „בהמה״?

— מיר איז אויך די זאַך קשה — ענטפערט דער רב — גיט אַ פרעג, זייט מוחל, דעם שמש.

378. דער פּעטער עשו.

אַן אויפגעקומענער גביר, איינער פון די גרויסע גראָבע יונגען, איז געקומען אין דער גרויסער שטאָדט־שוהל הערען דעם חזן. דעם שמש האָט אים דערזעהן, האָט ער אים מיט גרויס דרך־ארץ געבעטען אַרויף אויבענ־אָן און אָנגעוויזען אַ פּלאַץ נעבען רבי פּאַר׳ן לייענען בייגט זיך דער גביר אָן צום רב און ווייזט אים אָן מיט׳ן פינגער אין סדור זיינעם אויף „עשב בשדך״ אין קריאַת־שמע און פרעגט אים:

— גיט מיר צו פערשטעהן, רבי, ווי קומט אַהער דער פּעטער עשו?

— די אייגענע קשיא ענטפערט דער רב — וואָלט איך געפרעגט — ווייסט איר ווער? דעם שמש אונזערען.

379. דריי משה׳ס.

איינער אַ גביר, אַ רעכטער גראָבער יונג, מיט׳ן נאָמען משה, האָט איינמאָל זיך בערימט:

— אויף דער וועלט, זאָג איך אייך, איז געוועזען דריי משה׳ס: משה רבינו און איך און מיין פּעטער חאַצקעל.

380. אַ בקי.

איינעם אַ דייטשען יודען, וואָס רעדט־אויס אַ חולם ווי אַ קמץ, האָט מען איינמאָל געפרעגט:

— וואו געפינט זיך דער נאָמען דוד דאָס ערשטע מאָל אין תילים?

דער דייטש האָט אַרויסגעוויזען אויפ׳ן שטעל בקיאות און גע־ענטפערט:

דער נאָמען דוד געפינט זיך אין תהלים גאָר אין אָנפאַנג: „ורדך רשעים תאבד“.

381. מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען.

איינער אַ גביר, אַ גרויסער פּראָסטאַק, האָט איינגעלאַדען צו זיך אויף אַ מאָלצייט לויטער לומדים און וואויל־קענער. צום סוף האָט ער גערופען אויך אַ פּאָר פּראָסטאַקעס און זיי שטאַרק געבעטען:

— למען השם, קומט צו געהן! אויב ניט וועל איך ניט האָבען ביי'ם טיש מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען.

382. דער קאַטשאַן אין „שלחן ערוך“.

צוויי פּערדסהענדלער זענען געקומען צום רב וועגען אַ דין תורה איבער אַ פערד אַ קאַטשאַן. דער רב האָט געוואָלט איינקוקען אין דין זאָגט ער דעם בחור זיינעם:

— דערלאַנג נור אַהער פון דער שאַפע דעם „שלחן־ערוך“.

רופט זיך אָן איינער פון די פערדסהענדלער שטאַרק פערוואונדערט:

— ווי קומט דער קאַטשאַן אין „שלחן־ערוך“ אַריין?

383. אַזוינע וויסטע קאַליקעס.

אַ יודינע האָט יום־טוב אין שוהל שטאַרק געגאָסען מיט טרעהרען בשעת זאָגען אין הלל: „עינים להם ולא יראו“ — זיי האָבען אויגען און זעהען ניט, „אָזנים להם ולא ישמעו“ — זיי האָבען אויערען און הערען ניט, און אַזוי ווייטער. פרעגט זי די שכנה: וואָס וויינט זי אַזוי דערביי?

— ווי אַזוי — ענטפערט זי — קען מען האָבען אַ האַרץ און ניט וויינען? נעביך אַזוינע וויסטע קאַליקעס!

384. זיך אָנגעשטויסען.

איינער האָט ניט געוואוסט דעם טייטש פון „חמור טעון פשתן“, טראַכט ער זיך: אויב איך וועל פרעגען דעם טייטש פון אַלע דריי ווערטער, וועט מען דאָך זאָגען אויף מיר, אַז איך בין גאָר דער גרויסער עם־הארץ; בעסער וועל איך נור פרעגען דעם טייטש פון איין וואָרט, פון מיטעלסטען, וועל איך שוין דאָס איבעריגע אליין זיך אָנשטויסען. האָט ער אַזוי געטון און זיך דערוואוסט, אַז „טעון“ איז טייטש „אָנגעלאָדען“.

— אַהאַ! — זאָגט ער — ווייס איך שוין איצט אינגאַנצען: „חמור“ — אַ ביקס, „טעון“ — אָנגעלאָדען, „פשתן“ — מיט אַ פיסטאָנע.

385. אַ גרויסער ווייסער.

איינער האָט זיך בערימט, אַז ער איז אַ גרויסער ווייסער אין גמרא לשון. פרעגט מען אים: וואָס הייסט „גרגרת”?

— אַ טרוקענע פייג — ענטפערט ער.

— און „גרוגרת” וואָס הייסט?

— אַן אַלטע בתולה.

— און „בוגרת”?

— אַ מין בעשעפעניש, האַלב זכר און האַלב נקבה.

— און „אַנדרוגינוס”?

— אַ רוימישער קיסר.

— און „אַדרינוס”?

— דאָס וואָרט ווייס איך ניט.

386. צו אַ גרויסער למדן.

אין אַ שטעדטעל האָבען איינ׳גע בעלי־בתים פון די גראָבע יונגען זיך צונויפגענומען און געמאַכט אַ בעזונדער קלייזעל נור פאַר אַזוינע לייט ווי זיי, און זאָלען נ׳ט האָבען פאַר די אויגען קיין למדנים, וועלכע נעמען זיך איבער תמיד מיט דעם יחוס ווערען וואָס זיי קענען לערנען, און אָפגעמאַכט האָבען זיי צווישען זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אַ למדן טאָר נישט אַריינשמעקען צו זיי אין שולעכעל.

איינמאָל נעמט דער קורא ליי׳ענען אין דער תורה די סדרה קורח און באַלד פון אָנהויב שטעלט ער זיך אָפּ:

— די ספר־תורה איז אַ פסול׳ע! — שריי׳ט ער אויס.

וואָס איז? ער האָט געפונען אַ גראָבען גריי׳ז: עס שטעהט ״קרח״ און דאַרפען דאַרף גאָר שטעהן, ווי ער געדענקט פון דער הגדה, ״כורך״. די מזרח־בעלי־בתים זענען אַלע צוגעגאַנגען בעטראַכטען מיט זייערע אויגען דאָס גריי׳זיג וואָרט. באַלד האָט מען געבראַכט אַ גראָבען סידור, אויפגעמישט די הגדה און צוגעגלייכט. האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער קורא איז טאַקי גערעכט: די ספר־תורה איז ווירקליך אַ פסול׳ע; נאָר דערפאַר האָבען די בעלי־בתים געפונען, אַז פאַר אים, פאַר דעם קורא, איז אויך מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ אין דער דאָזיגער שוהל, ווייל ער איז צו אַ גרויסער למדן.

387. למדן אַרויס!

חברה שוסטערס האָבען איינמאָל געמאַכט אַ קערמישעל, און אַזוי ווי זיי האָבען געוואָלט עס זאָל זיין ״ליהודים״ לעבעדיג און פרעהליך,

האָבען זיי אָפּגעמאַכט צווישען זיך ניט אַריינצולאָזען קיינעם פון די יאָלדען, וואָס קען עפּיס אין די קליינע אותיות׳לעך.

האָט מען אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר אַ געזונטען שוסטער־יונג, ער זאָל קיינעם ניט אַריינלאָזען ביז ער וועט זיך גוט דערפרעגען ביי יענעם צי ער קען עפּיס לערנען צי ניין.

קומט איינער און שפּאַרט זיך אַריינצוגעהן.

— רב יוד — שטעלט אים אָפּ דער שומר ביי דער טיר — פּאַוואָליע, ניט געהאַפּט! זאָגט נור פריהער, קענט איר עפּיס לערנען?

— לערנען? — ענטפערט יענער—עפּיס וואָס געדענק איך נאָך פון׳ם חומש. איך ווייס, אַ שטייגער, אַז איינער האָט אָנגעשטאָפּט דעם אַנדערען מיט לינזען, איך קען זיך נור ניט דערמאָהנען ווער וועמען, צי תרח בלק׳ן, צי קורח בלעם׳ן.

צעשרייט זיך דער שוסטער־יונג אויף אַ קול:

— למדן אַרויס! די סעודה אונזערע האָבען מיר ניט געמאַכט פאַר אַזעלכע יאָלדען וואויל־קענערס!

פויערן.

388. דריי פראָבען.

אויף דריי אופנים פראָבירט דער פויער דעם סערפּ (זיכעל), בשעת ער האַלט אים אין קויפען ביי'ם קרעמער:

ער שניידט מיט אים אַ שטרוי. שניידט ער איז גוט, אויב ניט—ניט.

ער קלאַפּט אים אין אַ האַרטען שטיין. פליהען פונקען איז גוט, אויב ניט — ניט.

ער בעהאַלט אים אונטער דער פּאָלע, קוקט זיך ניט אום דער קרעמער איז גוט, אויב ניט—ניט.

389. פונפצעהן קשיות.

פינף קשיות איז דאָ צו פרעגען אויף אַ פויער בשעת ער עסט אַ הערינג:

ער ווייקט דעם הערינג אין וואַסער און טרינקט דערנאָך אויס דאָס געזאַלצענע וואַסער.

ער נעמט פריהער אַראָפּ די הויט און עסט־אויף דערנאָך די הויט.

ער צעשניידט עס אויף קליינע שטיקלעך און נעמט דערנאָך אַריין אין מויל דריי שטיקלעך מיט אַ מאָל.

ער גיט, בשעת עסען, דעם צווייטען גוי צו טרינקען פון זיין פלעשעל בראַנפען און טרינקט טאַקי באַלד אָפּ צוריק פון יענעמס פלעשעל.

ער חאַפּט־אָן, באַלד נאָכ'ן טרינקען, יענעם ביי דער קודלע און באַלד אויפ'ן אָרט יענער אים צוריק ביי זיין קודלע.

— און איך געפין — רופט זיך אָן שייקע פייפער, הערענדיג ווי איינער רעכענט־אויס די דאָזיגע פינף קשיות — אַז אייגענטליך איז פאַראַן צו פרעגען ניט פינף קשיות, נאָר גאַנצע פונפצעהן.

— דהיינו?

— גאָר פּשוט. איר מעגט זיין זיכער, אַז ווען אַ פּויער נעמט עסען הערינג, עסט ער אויף מיט אַ מאָל ניט ווייניגער פון דריי הערינג.

390. איינגעטריקענט.

אַ פּויער האָט געבראַכט פון דאָרף אין שטאָדט זומער־צייט צו אַ בעקאַנטען יודישען קרעמער אַ צעבראָכענעם קעסעל צו פערקויפען אויף דער וואָג. דער יוד וועגט־איבער דעם קעסעל און זאָגט דעם פּויער, אַז עס פעהלט פינף פונט אַקעגען דעם וואָס עס האָט געוואויגען ביי אים אין דער היים.

— ווי קען עס זיין? — וואונדערט זיך דער פּויער — איך אַליין האָב פאַר'ן פאָהרען אַהער איבערגעוואויגען און ער האָט געוואויגען מיט פינף פונט מעהר!

— דאַרפסט זיך דערויף ניט וואונדערן — ענטפערט דער קרעמער — שפּילסט זיך עפּיס מיט היינטיגע היצען; אויפ'ן וועג פון דאָרף אין שטאָדט איז דער קעסעל איינגעטרוקענט געוואָרען פון דער גרויסער היץ. און אָט וועסטו האָבען אַ קלאָרען בעוויז אין דעם נייעם קעסעל, וועלכען דו קויפסט איצט ביי מיר: וועסט קומען אַהיים, וועסטו געפינען, אַז ס'איז ווייניגער געוואָרען מיט פינף פונט אַקעגען דער וואָג פון דאַנען — פון דער היץ וועט ער אויך איינטרוקענען.

און אַזוי איז טאַקי געווען. דער פּויער איז געקומען אַהיים, געחאַפּט איבערוועגען דעם נייעם געקויפטען קעסעל, רופט ער זיך אָן:

— אַן ערליכער מאַן מאַשקע דער קרעמער, אַן אמת'ער מענש!

391. נאָכגעקראָכען.

שפּעט ביינאַכט קומט אַריין דער קאָנדוקטער אין אַ אייזענבאַהן־וואַגאָן איבערצוקוקען די בילעטען. נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַלע בילעטען איבערגעקוקט, טוט ער אַ קוק אונטער דער באַנק און זעהט פון דאָרטען אַרויסשטעקען אַ שטיקעל פוס. חאַפּט ער עס אָן און שרייט אויף אַ קול:

— קריך נור אַרויס, זיי מוחל, ווער דו ביזט דאָרט!

קריכט־אַרויס פּאַמעליך אַ פערשלאָפען יודעל און רייבט זיך די אויגען.

— אַנו בעוויז נור, וואו איז דער בילעט דיינער?

דער יוד לאָזט־אַראָפּ די האַנד אין קעשענע, נעמט אַרויס אַ זילבער־נעם האַלבען רובל און שטעקט עס אַריין דעם קאָנדוקטער אין דער האַנד.

יענער שטעלט־צו דעם נאַפּט־לאָמטערן, גלייך ווי ער בעטראַכט אַ בילעט, און לאָזט געשווינד אַראָפּ די מטבע צו זיך אין קעשענע. דערווייל בעמערקט ער אונטער דער באַנק אַקעגען שטעקט אויך עפּיס אַרויס. טוט ער ווידער אַ געשריי:

— היי, פויגעלע מיינס, שעם זיך ניט און קריך אַרויס, גיכער, גיכער!

מיט גרויס מאַטערניש קריכט אַרויס אַ פערשלאָפענער לאַנגער פויער.

— נו גיכער, וואו איז דיין בילעט?

דער פויער פערקאַטשעט דעם זומערדיגען פעלץ זיינעם, שלעפּט אַרויס ערגעץ פון אונטען אַ מין טיכעל פערקניפּט מיט פיל קניפּען, נעמט עס אויפקניפּען און שלעפּט פון דאָרט אַרויס זיין באַהן־בילעט.

דער קאָנדוקטער בעטראַכט דעם בילעט, קנייטשט מיט די אַקסלען און מאַכט צום פויער אַן אויפגעבראַכטער:

— וויבאַלד דו האָסט אַ בילעט ווי עס דאַרף צו זיין, אויף וואָס־זשע האָט דיר געטויגט צו אַלדע רוחות אַרונטערקריכען אונטער דער באַנק יוען, ס'איז פאַראַן אין וואַגאָן אַזוי פיל לעדיגע פּלעץ?

— איך ווייס! — ענטפערט דער פויער און קראַצט זיך אין קאָפּ — איך האָב געזעהן יענק'על קריכט, בין איך אויך נאָכגעקראָכען. געוויס דאַרף מען אַזוי טון.

שוטים.

392. אַ נאַר מיט אַ פינטעלע.

שלמה המלך, דער חכם מכל אדם (קליגסטער פון אַלע מענשען), זאָגט אין זיינע משלים: „אל תען כסיל כאולתו" (ניט ענטפער דעם נאַר ווי זיין נאַרישקייט), און באַלד טאַקי נאָכדעם זאָגט ער פונקט פערקעהרט: „ענה כסיל כאולתו" (ענטפער דעם נאַר ווי זיין נאַרישקייט). פרעגט זיך: ווי אַזוי קענען רעכט ווערען די דאָזיגע צוויי פסוקים? איינס פון די צוויי: אָדער יאָ ענטפערען, אָדער ניט ענטפערען.

דער תירוץ איז: דאָס ערשטע מאָל כסיל שטעהט מיט אַ דגש (אַ פינטעלע) אינ'ם כ' און דאָס אַנדערע מאָל אָן אַ פינטעלע. און אָט דאָס טאַקי איז דער מיין: אויב דער נאַר איז „מיט אַ פינטעלע", פריוו זיך גאָר נישט אים צו ענטפערען און מיט אים זיך אויסטענה'ען, עס וועט דיר קיין זאַך ניט העלפען, מעגסט רעדען איבער אים פון היינט ביז מאָרגען —'ער וועט בלייבען ביי זיינעם; אויב ס'איז אָבער אַזוי אַ נאַר, אַ פשוט'ער גאָר אָן אַ פינטעלע — מעגסטו זיך פריוען אים ענטפערען, עס קען זיין אַז די ווערטער דיינע וועלען ניט זיין אומזיסט.

393. בדוק ומנוסה.

אַ יוד מיט אַ לאַנגער געדיכטער באָרד זיצט אין בית־המדרש וויב־טער ביינאַכט ביי אַ ליכט און לערענט אין דער גמרא: „עבדקן—סכסן", מאַכט רש"י: דער וואָס האָט אַ געדיכטע באָרד איז אַ שוטה. נעמט ער אָן מיט דער האַנד די לאַנגע באָרד זיינע, בעטראַכט זי אַביסעל און פער־טראַכט זיך:

— אַ שלעכטע מעשה. איבערלאָזען עס ווי אַזוי זי איז — וועט מען זאָגען אויף מיר, אַז דאָס בין איך טאַקי דער וואָס אין דער גמרא שטעהט; נעמען זי ווידער און פערקירצען מיט אַ שערעל — ווי מעג מען זיך גאָר צורירען מיט אַ שערעל צו דער באָרד?

געטראַכט און געטראַכט ביז ער איז געפאַלען אויף אַן איינפאַל: ער נעמט און מעסט־אָפּ צוויי טפחים באָרד, עס זאָל ביי אים פערבלייבען, און דאָס איבעריגע רירט ער צו צום ליכט אָפּצוסמאַלען עס ביים פייער. דאָס פייער ווייסט אָבער נישט קיין חכמות און האָט פערחאַפּט די באָרד אינגאַנצען און אָפּגעברענט זי ביז'ן סוף און נאָך דאָס פּנים אויך אַביסעל אָפּגעפלאַמט. חאַפּט ער און שרייבט־אָן ביי דער זייט אין דער גמרא:

— בדוק ומנוסה.

394. פערקעהרט אָנגעשמירט.

— איך ווייס נישט — זאָגט בערעל צו שמערלען — די וועלט זאָגט, אַז עס פאַלט שטענדיג מיט דער פּוטער אַראָפּ, צום סוף איז ביי מיר ערשט נעכטען אַראָפּגעפאַלען אויף דער ערד אַ שטיקעל ברויט מיט פּוטער, איז גראָד געפאַלען, פערקעהרט גאָר, מיט דער פּוטער אַרויף.

— אַ חכם אַ גרויסער! — מאַכט שמערעל — מן־הסתם האָסטו פערקעהרט אָנגעשמירט.

395. איין ריאַבע קוה.

ביי אַ טייך האָט מען געפונען אַ דערטרונקענעם, וואָס איז לאַנג געלעגען אין וואַסער און ס'איז ניט געווען אויף אים קיין פּנים צו דער־קענען. האָט דער רב פון נאָהענטען שטעדטעל געלאָזט אויסרופען, אַז אַלע ווייבער פון דער געגענד, ביי וועלכע די מאַנען זענען פאַרפאַלען געוואָרען, זאָלען בעטראַכטען דעם דערטרונקענעם, אפשר וועט איינע פון זיי דערקענען אין אים איר פערפאַלענעם מאַן. קומט איינע מיט אַ געוויין און יאָמערט און שרייט, אַז דאָס איז ניט אַנדערש ווי איר מאַן, וואָס איז מיט אַ שטיקעל צייט פערפאַלען געוואָרען. פרעגט מען זי, צי האָט זי עפּיס אויף אים אַ סימן?

— יאָ — ענטפערט זי — מיינער איז געווען אַלע זיינע יאָרען אַ שטאַמלער.

צעלאַכען זיך אַלע וועלכע זענען דערביי געשטאַנען.

— וואָס לאַכט מען עס? — טוט איינע פון די ווייבער אַ פרעג די צווייטע· וועלכע איז געווען בעוואוסט פאַר זעהר אַ נאַרישע יודענע·
— ווי זאָל מען ניט לאַכען? — ענטפערט יענע — ווי געפעלט אייך דער שענער סימן? וואָס איז· איין ריאַבע קוה איז פאַראַן אויף דער וועלט?

·396 אַריינגעוואָרפען דאָס קעצעלי

אַ יודענע איז אַוועקגעגאַנגען פון דער היים און איבערגעלאָזט אַ נאַריש מיידעל אירס צו היטען די שטוב· געקומען די מאַמע צוריק· דער־צעהלט איר די טאָכטער:
— מאַמע· באַלד ווי דו ביזט אַוועקגעגאַנגען איז אַ קליין מייזעלע אַריינגעשפרונגען אין קרוג מיט מילך·
— וואָס רעדסטו? — שרייט־אויס די מוטער — האָסטו געחאַפּט תיכף און איבערגעגאָסען די מילך אין אַן אַנדערע כלי?
— ניין· מאַמע· איך האָב גיך געחאַפּט און אַריינגעוואָרפען אַהין דאָס קעצעלי

·397 זיך געשטעלט אויף אַ בענקעלי

אַ נאַריש יונגעל האָט זיך צעגשלאָגען מיט די חברים און זיי האָ־בען אים היבשליך צעדראַפּעט דעם שטערן· פרעגט אים דער פאָטער?
— ווער האָט עס דיר אַזוי צעדראַפּעט?
— קיינער ניט — ענטפערט דאָס יונגעל — איך אַליין האָב זיך עס צעביסען·
— גאָר צעביסען? ווי אַזוי האָסטו געקענט מיט די ציין קומען צום שטערן?
— וואָס הייסט ווי אַזוי· איך האָב זיך אַרויפגעשטעלט אויף א בענקעל

·398 געווען אַ פאַרשוין·

אַ נאַרישער בחור· וואָס איז געווען דערצו שרעקליך מיאוס· האָט זיך איינמאָל בערימט פאַר בעקאַנטע:
— מיינט ניט· אַז איך בין אַזוי ווי איר זעהט מיך געבוירען געוואָ־רען· קינדווייס· דערצעהלט די מאַמע· בין איך געווען אַ פאַרשוין· נאָר די נאַהם מיינע האָט מיך אויף אַן אַנדערען פערביטען·

חעלמער נאַרען׃

399· I היבש אָפּגערוקט·

דעם חעלמער עולם האָט זיך פערגלוסט צו פערגרעסערען די שטאָדט חעלם אין אַלע זייטען אַרום· וואָס טוט מען אָבער מיט'ן באַרג׳ וואָס אין איין זייט ביי דער שטאָדט? איז געבליבען מע זאָל נעמען דעם באַרג און אָפּרוקען אים פונ'ם אָרט ווייטער· געזאָגט — און געטון· אין איין שענעם זומערדיגען פריהמאָרגען געהט־אַרויס דער עולם צום באַרג׳ וואַרפט פון זיך אַראָפּ די קאַפּאָטעס און לעגט זיי אַנידער אין אַ זייט· פערקאַטשעט די אַרבעל און נעמט זיך געשמאַק צו דער אַרבייט· דערווייל פאָהרט־דורך איינער פון די אַרומיגע פויערען מיט אַ פוהר׳ זעהט ער ווי די אַלע חעלמער זענען אַזוי פערטראָגען אין זייער אַרבייט און קוקען גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אַרום זיי׳ איז ער זיך מישב און פערנעמט אַלע קאַפּאָטעס· נאָך עטליכע שעה שווערע אַרבייט׳ אַז דער עולם איז מיד געוואָרען און עס האָט געגאָסען פון זיי דער שוויס טייכענווייס׳ האָבען זיי זיך צוגעזעצט אין דער זייט אָפּווישען זיך דעם שוויס און אַביסעל זיך אָפּרוהען׃ זיי געבען אַ קוק — די קאַפּאָטעס זענען ניטאָ׳

— אַ פּנים — זאָגען זיי איינס צום אַנדערען מיט שמחה — מיר האָבען שוין היבש אָפּגערוקט דעם באַרג פונ'ם פריהערדיגען אָרט׳ אַז מיר זעהען שוין ניט אַרויס פון דערווייטענס אפילו אונזערע קאַפּאָטעס·

400· II אַ פשרה·

ביי חעלמער בעלי־בתים איז געבליבען אויסצובויען אַ נייע באָד· געענדיגט די באָד׳ האָט מען זיך גענומען צו דער פּאָדלאָגע· דאָ איז

אויסגעבראָכען אַ שטאַרקע מחלוקת און די דעות האָבען זיך צעטיילט: אַ טייל האָבען געזאָגט, אַז ניט אַנדערש די פּאָדלאָגע מוז זיין געהיבעלט, און אַנדערע האָבען געזאָגט — ניין, דוקא ניט געהיבעלט. די טענה'ן אַז אויב עס וועט זיין געהיבעלט גלאַט, וועט מען זיך דאָרט גרינג אויסגליטשען, און יענע פערקעהרט, אַז אויב עס וועט זיין ניט גלאַט געהיבעלט, וועט מען זיך דאָרט די פיס צעשטעכען. בלייבט מע זאָל געהן פרעגען דעם רבי, און ווי ער וועט זאָגען אַזוי וועט מען טון. נאָכדעם וואָס דער חעלמער רב האָט אויסגעהערט מיט קאָפּ די טענות פון ביידע צדדים, האָט ער געמאַכט אַזאַ פּשרה:

— די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע זאָלען טאַקי זיין געהיבעלט ווי עס געהער צו זיין, נאָר כדי מע זאָל זיך ניט אויסגליטשען דאַרף מען זיי לעגען מיט דער געהיבעלטער זייט אַראָפּ.

401. III דער ערשטער שניי.

אין חעלם איז אויסגעפאַלען דער ערשטער שניי. די חעלמער האָבען דערפון זעהר הנאה געהאַט. עס זעהט־אויס אַזוי שען, איבערנאַכט וועט די ערד בעדעקט ווערען מיט אַ ווייסען ליילעך, קלאָר ווי זילבער, עס וועט ממש זיין מחיה־נפשות צו קוקען. איין זאַך איז זיי שלעכט געווען: דער שמש וועט געהן פאַר טאָג רופען אין שוהל אַריין וועט ער דעם שניי צעטרעטען. וואָס טוט מען דערצו? נאָך לאַנג טראַכטען האָט מען אויסגעטראַכט: געדונגען אַ פּאָר געזונטע טרעגער, זיי זאָלען דעם שמש אויף די הענד טראָגען.

402. IV אַלע מיט איין מאָל.

איינמאָל סליחות־צייט האָט זיך אָנגעהויבען קלאָגען דער אַלטער שמש, אַז ער איז זעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען און ס'איז אים שטאַרק שווער אויף דער עלטער אַרומצוגעהן איבער דער שטאָדט צו אַלע בעלי־בתים קלאַפּען יעדען בעזונדער אין די לאָדענס אויפוועקען צו סליחות.

דער עולם איז זיך צונויפגעקומען אויף אַן אַסיפה, בעקלערט די זאַך זעהר ערענסט פון אַלע זייטען און געזוכט פערשידענע מיטלען. צום סוף האָט איינער פון די חעלמער חכמים געגעבען אַן עצה און אַלע האָבען עס געפונען פאַר'ן בעסטען מיטעל: מע זאָל צונויפנעמען אין שוהל־הויף אַלע לאָדענס פון די יודישע הייזער און דער אַלטער שמש זאָל קומען און קלאַפּען אין זיי אלע מיט איין מאָל.

403. V אַ שמירה.

אַן אורח איז געקומען קיין חעלם. געהט אַריין אין דער שטאָדט־שוהל און זעהט דאָרט אַן אויפשריפט אויפ׳ן אויווען מיט גרויסע אותיות: ״זה התנור שייך לבית־הכנסת הגדול בק״ק חעלם״. וואונדערט ער זיך און פרעגט דעם גבאי: וואָס בעטייט עס? ענטפערט אים דער גבאי:

— וואָס פערשטעהט איר דאָ נישט? ס׳האָט זיך דאָ אָנגעהויבען הערען די לעצטע צייט גרויסע גנבות ביי אונז, האָבען מיר מורא, טאָמער וועלען זיך אַריינחאַפּען גנבים און אַוועקלקח׳ענען דעם אויווען.

404. VI אַרויסגעגנב׳עט די לבנה.

חעלמער יודען שטעהען אין אַ העלע ליכטיגע נאַכט פון האַלב חודש, בעטראַכטען די שיינענדיגע לבנה און בעקלערען צווישען זיך: וואו נעמט מען אַזאַ ליכטיגע לבנה שפּעטער אַביסעל, אין די פינסטערע נעכט פון סוף חודש? דערווייל דערזעהען זיי ווי די לבנה שיינט־אַרויס פון אַ גרויסער פאַס וואַסער. פאַלען די חעלמער אויף אַזאַ שכל׳דיגער המצאה: זיי חאַפּען געשווינד און פערקלאַפּען די פאַס מיט ברעטלעך, כדי די לבנה זאָל בלייבען דאָרט פערשפּאַרט, און אַז עס וועלען קומען די פינסטערע נעכט וועט מען זי פון דאָרטען אַרויסלאָזען און אין חעלם וועט זיין ליכטיג.

געקומען די ערשטע פינסטערע נאַכט, לאָזען זיך די חעלמער צו דער גרויסער פאַס, מע קלאַפּט־אויף די ברעטלעך און מע טוט אַ עפען־אויף — ניטאָ די לבנה! וואוהין פאָרט איז זי פון דאָרט אַהינגעקומען?

רופט זיך אָן איינער פון די חעלמער חכמים:

— הערט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, ניט אַנדערש, אַז די גנבים האָבען זיך דערוואוסט און זי פון דאַנען אַרויסגעגנב׳עט. איר קענט ניט די לייט? זיי טויג ניט צום געשעפט עס זאָל זיין כסדר ליכטיגע נעכט...

405. VII עס פעהלט פון אויבען.

אַ חעלמער האָט געקויפט אַ גוט פעסעל וויין. האָט ער עס גוט פערזיגעלט פון אויבען אַזוי, אַז קיינער זאָל עס ניט קענען עפענען. קומט דער משרת זיינער און בויערט אויס אין פעסעל אַ לעכעל פון הינטען און צאַפּט־אָפּ פון דאָרט צוביסלעכווייס אַ היבש ביסעל וויין. דער חעלמער בעמערקט, אַז עס פעהלט ניט וועניג וויין אין פעסעל און דאָ זעהט ער, אַז די זיגלען פון אויבען זענען אַלע גאַנץ, ניט איינער פון זיי גערירט.

חידושט ער זיך זעהר, ווי קען דאָס זיין אַזאַ זאַך? ראָטה אים איינער פון זיינע בעקאַנטע, ער זאָל פּריווען אַ קוק טון פון הינטען.

ביזט מחילה, שוין גאר אַן עזעל – זאָגט אים דערויף דער חעלמער בעל־הבית – דער וויין פון הינטען איז דאָך פאַראַן אינגאַנצען, פעהלען פעהלט נור פון אויבען.

406. VIII אַ מוסטער.

אַ חעלמער בעל־הבית האָט געוואָלט פערקויפען זיין הויז, קלערט ער און קלערט: וואָס טוט מען, ווי אַזוי אַרום קען מען דאָס הויז ברענגען אין מאַרק, דער קונה זאָל עס זעהן דאָרט מיט די אויגען? פאַלט ער אויף אַ שכל און שלעפּט־אַרויס פון וואַנט איין שטיין און טראָגט אים אַוועק אין מאַרק צו ווייזען דעם קונה אַ מוסטער.

407. IX אַ סימן מובהק.

איינמאָל ערב־שבת אין מרחץ האָט אַ חעלמער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעטון אינגאַנצען צום באָדען, געטומען זיך בעטראַכטען אַ נאַקיטען פון קאָפּ ביז די פיס און האָט זיך פערטראַכט:

— דאָ זענען אַלע נאַקיטע גלייך, שווער צו דערקענען אַ מענשען, און איך האָב אויף מיין גאַנצען לייב קיין שום סימן נישט, גאַר גרינג קען איך ווערען פערביטען.

פאַלט ער אויף אַזאַ איינפאַל: דערטאַפּט אַ רויטען פאָדעם און בינד מיט דעם אַרום דעם רעכטען פוס זיינעם פאַר אַ סימן. שפּעטער בשעת וואַשען זיך, איז דער רויטער פאָדעם פון פוס ביי אים אַראָפּגעפאַלען און אַ צווייטער חעלמער, אויך אַ חכם ניט ווענ־יגער ווי דער, האָט עס געפונען און מיט דעם פערבונדען זיין רעכטען פוס, מן־הסתם אויך פאַר אַ סימן. דערזעהט דער ערשטער חעלמער דעם צווייטען מיט'ן רויטען פאָדעם אויפ'ן רעכטען פוס, חאַפּט ער אַ קוק אויף זיין אייגענעם פוס—ניטאָ קיין פאָדעם, ווערט ער גאָר מטושטש, געהט־צו צו יענעם און זאָגט אים אַזוי:

— מילא דו, וויים איך ווער דו ביזט: דיך, ווייזט־אויס, האָט מען פערביטען אויף מיר און דו ביזט איך, אָבער זאָג מיר, איך בעט דיך, אפשר ווייסטו עס, ווער בין איך?

408. X אַ ריח.

אַן אורח האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער גרעסטער אכסניה אין חעלם.

מיטאָג־צייִט· הייִסט עֶר זיך געֶבעֶן עֶסעֶן· דעֶרלאַנגט מעֶן אים אַ יוך· דעֶר אורח פריוות פעֶרזוכעֶן און שפייט באַלד אויס· רופט דעֶם בעל־הבית און זאָגט אים מיט פעֶרדראָס:

— עֶפּיס שמעֶקט פון אייעֶר שעֶנעֶר יוך אַ ריח פון זייף!

— חלילה — מאַכט דעֶר בעל־הבית גאַנץ רוהיג — ווי קומט אַהעֶר זייף? איר קעֶנט אויסזוכעֶן די גאנצע שטוב אונזעֶרעֶ וועֶט איר דאָ ניִט געֶפינעֶן קיין סימן אפילו פון קיין זייף· עֶס קעֶן זיין· זעֶהט איר· אַז פון נעֶפּט איז דעֶר ריח·

409· XI דאָס בעֶסטעֶ·

דעֶר חעֶלמעֶר גרעֶסטעֶר גביר האָט חתונה געֶמאַכט זיין איינציגעֶ טאָכטעֶר· האָט עֶר פעֶרבעֶטעֶן אויף דעֶר שמחה גאַנץ חעֶלם· געֶקומעֶן צו דעֶר חופּה־וועֶטשעֶרעֶ· האָט עֶר מכבד געֶווען דעֶם גאַנצעֶן עולם מיט הוילעֶ קלאָרעֶ וואַסעֶר· וואונדעֶרעֶן זיך אַלעֶ און איינעֶר פון דעֶם גביר׳ס נאָ־ העֶנטעֶ פריינד פרעֶגט ביי אים· וואָס הייִסט עֶס:

— פעֶרשטעֶהסטו מיך — עֶנטפעֶרט דעֶר חעֶלמעֶר גביר מיט אַ שיינעֶנדיג פנים — אַז גאָט האָט מיר געֶהאָלפעֶן· אַזאַ שמחה· האָב איך געֶוואָלט· פעֶרשטעֶהט זיך· געֶבעֶן מיינעֶ געֶסט דאָס בעֶסטעֶ· בין איך געֶגאַנגעֶן צום פישעֶר נאָך פיש און געֶבעֶטעֶן עֶר זאָל מיר אויסקלייבעֶן די בעֶסטעֶ· דעֶרלאַנגט עֶר מיר פיש און שווערט זיך ביי זיין ווייב און קינדעֶר· אַז די פיש זעֶנעֶן זיס ווי צוקעֶר· טראַכט איך זיך: וואָס טויג מיר זיס ווי צוקעֶר· בעֶסעֶר טאַקי צוקעֶר אַליין: געֶה איך צום קרעֶמעֶר און בעֶט צוקעֶר· נאָר פונ׳ם בעֶסטעֶן סאָרט· ווייזט עֶר מיר צוקעֶר און זאָגט: דאָ האָט איר צוקעֶר· זיס ווי האָניג· טראַכט איך מיר ווידעֶר: וואָס טויג מיר זיס ווי האָניג· בעֶסעֶר טאַקי האָניג אַליין· געֶה איך צו אַ קרעֶמעֶרין נאָך האָניג· פעֶרשטעֶהט זיך דעֶם בעֶסטעֶן· ווייזט זי מיר אָן האָניג און לויבט אים אין טאָג אַריין· אַז עֶר איז לויטעֶר ווי בוימעֶל· טראַכט איך אַליין: וואָס טויג מיר לויטעֶר ווי בוימעֶל· בעֶסעֶר טאַקי בוימעֶל אליין· קום איך אין קראָם און בעֶט בוימעֶל פרימאַ· ווייזט מיר דעֶר קרעֶמעֶר בוימעֶל און זאָגט: איר זעֶהט בוימעֶל· קלאָר ווי וואַסעֶר· וואָס־זשעֶ· זאָג דו אַליין· טויג מיר קלאָר ווי וואַסעֶר? האָב איך בעֶפוילעֶן מעֶ זאָל ברעֶנגעֶן אַהעֶר די קלאָרסטעֶ וואַסעֶר· ווייל אַזוי איז שוין מיין טבע אין אַלעֶ צייטעֶן: די געֶסט מיינעֶ· האָב איך ליב· זיי זאָלעֶן בעֶקומעֶן ד אָ ס ב עֶ ס ט עֶ·

410. XII אַלעס גרייט.

אין אַ שטאָדט איז געווען אַ גביר, זעהר אַ שטרענגער און אַ כעסן, וואָס האָט פערלאַנגט פון זיינע בעדינער, אַז פון איין וואָרט זאָלען זיי שוין פערשטעהן אַליין אַלעס, וואָס זיי האָבען צו טון און ער זאָל קיינמאָל ניט דאַרפען רעדען צו זיי קיין איבעריג וואָרט.

איינמאָל האָט ער צוגענומען אַ נייעם משרת, וואָס האָט געשטאַמט פון חעלם. דער בחור איז געווען זעהר אַ רירעוודיגער, נאָר פערשטעהט זיך ניט קיין גרויסער חכם. זאָגט אים דער גביר:

— זאָלסט וויסען זיין, אַז איך האָב פיינט, ווען מע פערשטעהט אַליין נישט פון איין וואָרט וואָס מע דאַרף טון אַזוי, אַז עס זאָל זיין אַלעס גרייט און קיין מינדסטע זאַך זאָל ניט פעהלען; למשל, אַז איך הייס דערלאַנגען ברויט מוזסטו שוין אַליין פערשטעהן, אַז מע דאַרף דערלאַנגען פריהער וואַסער אויף וואַשען זיך און אַ האַנדטוך אויף אָפּווישען זיך, און זאַלץ צום ברויט און דעסגלייכען.

דער חעלמער משרת האָט זיך עס גענומען גוט אין זינען. מאַכט זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום, דער גביר ווערט עפּיס ניט מיט אַלעמען און שיקט דעם משרת נאָך אַ דאָקטער. דער משרת לויפט געשווינד אַוועק נאָכ'ן דאָקטער, דערנאָך אין איינינגע ערטער. עס געדויערט אַ פּאָר שעה קומט ער צעלויפען צוריק שטאַרק פערשוויצט און טראָגט תּכריכים אין איין האַנד און אַ מעבר-יבוק אין דער צווייטער און מיט אים קומט דער רב מיט זיין סופר. דער גביר קוקט אים אָן פערוואונדערט און טוט אַ געשריי מיט בעזער:

— וואָס הייסט עס, פון זינען ביזטו אַראָפּ?

— איך האָב געטון — מאַכט דער חעלמער משרת ווי איר האָט מיך געלערענט. מע דאַרף פערשטעהן מיט'ן שכל, אַז אַ מענש פאַלט-איין, קען זיך אָפּטמאָל מאַכען אַז ער נעמט און געהט אַ גאַנג, דאַרף זיין אַלעס גרייט. דערפאַר טאַקי האָב איך געבראַכט דעם רב מיט'ן סופר, איר זאָלט אָנשרייבען בעצייטענס אַ צואה און אָנגעגרייט תכריכים מיט אַ מעבר-יבוק; איך האָב אויך גערופען דעם גבאי פון דער חברה-קדישא, ער דאַרף באַלד קומען אַהער מיט זיינע חברה-לייט — קיין מינדסטע זאַך וועט ניט פעהלען.

411. XIII אַ האָרב ווי אַ באַרג.

אַ חעלמער יונגערמאַן איז אַראָפּ פון קעסט און האָט גענומען ערנסט טראַכטען וועגען פּרנסה, איז ער אַוועק אין אַ גרעסערער שטאָדט און

דאַרט זיך בעגעגענט מיט אַ שדכן· איז אים שטאַרק געפעלען די פרנסה פון שדכנות: ניט קיין שווערע נאָר אַ שכל׳דיגע· מאַכט ער אָפּ מיט׳ן שדכן· אַז ער וועט זיין ביי אים אַ מיטהעלפער· דערפאַר וועט ער בעקומען אַ חלק אין שדכנות געלד· דער שדכן האָט פון אים פערלאַנגט נאָר אַ קלייניגקייט· ער זאָל געהן מיט אים צוזאַמען און צושמעלצען מיט ווערטער· כדי דער שידוך זאָל ווערען וואָס גיכער אויסגעפיהרט·

געהען זיי ביידע צו אַ יונגענמאַן אים רעדען אַ כלה· דער חעלמער פאָלגט און טוט אַלץ מיט שכל· ווי דער שדכן האָט אים געלערענט: דער שדכן זאָגט· אַז די כלה איז אַ שענע· העלפט ער אונטער: שען צו שען איז גלייך שען ווי די ליכטיגע זון; דער שדכן זאָגט· אַז זי איז רייך· העלפט ער אונטער: וואָס הייסט רייך? זי איז שטאַרק רייך· אַזוי רייך ווי איר קענט זיך נור מאָלען· און אַזוי ווייטער· צום סוף טוט דער שדכן אַ זאָג: זי האָט נור איין קליינעם חסרון — אַ שטיקעל האָרב· חאַפּט־אונטער דער חעלמער העלפער: אַ קלייניגקייט עפּיס! איך זאָג אייך· אַ האָרב ווי אַ באַרג·

412· XIV ניט קיין אייגענע שיף·

איינמאָל האָט אַ חעלמער זיך געלאָזט אויף דער וועלט האַנדלען· און ס׳איז אים אויסגעקומען צו פאָהרען אויפ׳ן וואַסער· מאַכט זיך אַ גרויסער שטורם און די שיף האַלט ביים אונטערגעהן· אַ טויט־שרעק איז געפאַלען אויף די אַלע וואָס האָבען זיך געפונען אין דער שיף. עס האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען אַ געוויין און אַ ליאַרעם· ווייבער זענען גע־פאַלען חלשות· געהט־צו דער חעלמער צו איינעם אַ יודען· וואָס האָט שרעקליך געוואַלדעוועט· און פרעגט אים: וואָס מאַכט ער עס אַזעלכע שרעקליכע קולות?

— וואָס הייסט — ענטפערט אים דער יוד — איר זעהט דען ניט· אַז די שיף איז אין סכנה?

— נו איז וואָס? — מאַכט דער חעלמער — איך פערשטעה ניט· וואָס נעמט איר זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצען· ס׳איז דען אייערע אייגענע שיף?

413· XV פון וואַנען נעמט זיך זומער די היץ?

איינעם אַ חקרן· וואָס האָט געשמ׳ט אין חעלם מיט זיין חכמה· האָט מען איינמאָל אַ פרעג געטון:

— פון וואַנען נעמען זיך די גרויסע היצען אין זומערדיגע טעג?

— דאָס נעמט זיך — האָט ער באַלד אויפ'ן שטעל געענטפערט — פון די אויוועָנס וואָס מע הייצט אַ גאַנץ ווינטער. אַ ראיה האָט איר: זומער הייצט מען נישט די אויוועָנס, דערפאַר איז טאַקי ווינטער אַזוי קאַלט.

414. XVI צוליב די פערד־גנבים.

— ווי קומט עס — האָט מען געפרעגט איינעם פון די חעלמער חקרנים — וואָס איז פאַראַן פערד ווינציגער פון אָקסען חאָטש אָקסען קוילעט מען און פערד נישט?

דער חעלמער חקרן האָט לאַנג ניט געטראַכט און גלייך געענטפערט:

— דאָס איז צוליב די פערד־גנבים, וואָס לקח'ענען־אַוועק זעהר פיל פערד.

415. XVII אַראָפּ מיט לײדיגע און אַרויף מיט פולע.

איינער פון אַ גרויסער שטאָדט איז געקומען קיין חעלם, קלאָגט זיך פאַר אים איינער פון די חעלמער: פאַר וואָס זאָגט די וועלט „חעלמער נאַרען"?

— אייער חעלם — ענטפערט יענער — שטעהט, ווי איר ווייסט, אויף אַ באַרג און וואַסער געהט איר מיט עמערס נעמען פונ'ם טײכעל הינטען. און דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז אַראָפּ־באַרג איז גרינגער צו געהן ווי אַרויף־באַרג; צום סוף געהען די חעלמער אַראָפּ־באַרג מיט לײדיגע עמערס און אַרויף־באַרג מיט פולע. היינט בעט איך אייך, זאָגט איר אַליין, זענען די חעלמער ניט קיין נאַרען?

416. XVIII גאָר קיין נאַר ניט.

אַ חעלמער האָט געוואָלט זיך אַליין איבערצייגען צי איז ער באמת אַ חכם, ווי ער מיינט, אָדער חלילה גאָר אַ טפש. האָט ער זיך מישב גע־וועהן און איז אַרויפגעקראָכען אויף אַ הויכען בוים, כדי פון דאָרט זיך אַראָפּוואַרפען אויף דער ערד, וועט אים דעמאָלט ווערען די זאַך קלאָר: אויב עס וועט אים ניט שאַדען, איז עס אַ סימן, אַז ער איז אַ נאַר, ווי אין פסוק שטעהט: „שומר פתאים ה'" (גאָט היט־אָפּ די נאַרען); וועט ער זיך אָבער דערבײ גוט צעקלאַפּען, דעמאָלט וועט ער האָבען דעם בעסטען בעוויז, אַז ער איז טאַקי קיין עין־הרע, גאָר ניט קיין נאַר, נאָר אַן אמת'ער חכם.

נאָכדעם וואָס דער חעלמער האָט זיך אַראָפּגעוואָרפען פונ'ם הויכען

בוים און זיך גאַנץ פיין צעשעדיגט· הויבט ער זיך קוים אויף פון דער ערד· קרעכצט שטאַרק פון גרויס ווערהטאָג און זאָגט דערביי גאַנץ צו־פרידען:

— אַ פנים טאַקי· איך בין גאָר קיין נאַר ניט· ח׳לעבען·

417· XIX אַ דרייגאָרענדיגער טפש·

אויף דריי נפשות זאָגט די וועלט עדות· אַז זיי זענען נאַרען: אויף אַ חעלמער· אַ חזן און אַ הינדיק· היינט שטעלט זיך פאָר· וואָס פאַר אַ דרייגאָרענדיגער טפש עס מוז זיין דעם חעלמער חזנ׳ס הינדיק·

משוגעים. דער זאַגערער משוגע׳נער.

418 · I אויב ניט — גאַנץ קהל.

אַ בערימטען שטאָדט־משוגע׳נעם האָט פערמאָגט איר אייגענס די שטאָדט זאַגער. איין יאָר האָט זיך געמאַכט, אַז ס׳איז אין זאַגער און אין דער געגענד אַרום איבערגעגאַנגען היבשע וואָכען אין אָנהויב זומער אָן אַ טראָפּען רעגען. מ׳האָט געפּריווט פאַסטען תעניתים און זאָגען סליחות אויף „עצירת גשמים" — ס׳האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. מאַכט זיך, אַז עס שטאַרבט דער שמש פון דער גרויסער שוהל. געהט דער שטאָדט־משוגע׳נער אַרויף אויף דער בימה און רופט־אויס:

— רבונו־של־עולם, זעה, אָט שיקען מיר דיר איצט אַ שליח, ר׳ חיים־משה דעם שמש, ער זאָל ביי דיר אויסבעטען פאַר אונז רעגען; וועסטו זיך צוהערען צו אונזער שליח און געבען רעגען — איז גוט, אויב ניט — זאָלסטו וויסען, אַז מיר וועלען דיר שיקען גאַנץ קהל.

419 · II די רעכטע צייט.

איינמאָל אים פורים, פאַר׳ן לייענען די מגילה, איז דער זאַגערער שטאָדט־משוגע׳נער אַרויף אויף דער בימה און אויסגערופען פאַר׳ן עולם:

— אין נאָמען פון פמליא־של־מעלה בין איך מכריז ומודיע, אַז דער וואָס וויל האָבען די זכיה צו שטאַרבען אין חודש ניסן, איז שוין איצט די רעכטע צייט, ער זאָל קראַנק ווערען און זיך לעגען צו בעט.

420 · III איין משוגע׳נער אויף צוויי שטעדט.

אַן אַנדערס מאָל איז דער זאַגערער שטאָדט־משוגענער געקומען אין גרויסען

בית־המדרש׳ אַרויף אויף דער בימה׳ געגעבען אַ שטאַרקען קלאַפּ אויפ׳ן שלחן און אויסגערופען מיט האַרץ:

— איך בין אייך מודיע׳ רבותי׳ איר זאָלט וויסען זיין׳ אַז איך האָב שוין ניט מעהר קיין כח צו זיין איין משוגע׳נער אויף צוויי שטעדט׳ אי אויף דער אַלטער שטאָדט׳ אי אויף דער נייער. לכן זאָל מיר מוחל זיין איינער פונ׳ם עולם אַראָפּגעהן פונ׳ם זינען׳ וועט דער פרישער משוגע׳נער זיך אויסקלויבען איינס פון די צוויי ערטער׳ וואו ער וועט חשק האָבען און דאָרט פערנעמען מיין פלאַץ.

קראַנקע און רופאים.

421. בעסער איר.

צו אַ קראַנקען איז געקומען פאַר פסח אַ בעקאַנטער מבקר־חולה זיין לאָזט דער קראנקער אַרויס אַ טיפען קרעכץ. רופט זיך אָן דער בעקאַנטער מיט אַ שמייכעל:

— וואָס קרעכצט איר אַזוי? אמת פרומע יודען ווינשען זיך דאָך צו שטאַרבען אין ניסן.

דער חולה מאַכט דערויף אַ זויערע מינע און זאָגט:

— פאַר וואָס עפיס ניסן? בעסער א י ר (אייר).

422. אַ גוטע זאַלבי.

— עס האָט זיך מיר געמאַכט — קלאָגט זיך איינער פאַר'ן אַנדערען — אַ געשוויר ניט פאַר אייך געדאַכט, אויף אַ פוס. אפשר ווייסט איר אַ רפואה?

— אין דער היים — ענטפערט דער בעקאַנטער — האָב איך זעהר אַ גוטע זאַלבי, וואָס העלפט אויסגעצייכענט צו אַ געשוויר. קומט מיט מיר' וועל איך זי אייך געבען.

— איך האָב איצט — מאַכט יענער־שטאַרק קיין צייט ניט. אפשר וואָלט איר אַזוי גוט געווען מיטצונעמען מיט זיך אַהיים מיין געשוויר דאָרטען וועט איר שוין מוחל זיין צו בעשמירען עס מיט אייער גוטען זאַלב

423. זיך בעראָטען מיט אַ פראָפעסאָר.

אַ קראַנקער יוד וואָס האָט שטאַרק געליטען פון רעוומאַטיזמוס אויף

די פּיס, האָט זיך געלאָזט פון זיין קליין שטעֶדטעֶל קיין וואַרשא, כדי צו בערֶאָטעֶן זיך דאָרט וועֶגעֶן זיין שלאַפקייט מיט אַ געֶניטעֶן פּראָפעֶסאָר.

געֶקומעֶן צום פּראָפעֶסאָר, נעֶמט יעֶנער בעֶטראַכטעֶן דעֶם קראַנקעֶנ׳ס פּוס און זאָגט אים:

— הערט נור, איר וואָלט דאָך פריהעֶר, איידעֶר איר זעֶנט צו מיר געֶקומעֶן, געֶמעֶגט אַרומוואַשעֶן אַביסעֶל דעֶם שמוץ פון די פּיס.

— הער פּראָפעֶסאָר — מאַכט דער קראַנקער — איך וועֶל אייך זאָגעֶן דעֶם אמת: פונקט דאָס זעֶלבעֶ האָט מיר אויך געֶהייסעֶן טון דער דאָקטער פון אונזער שטעֶדטעֶל, נאָר איך האָב זיך געֶטראַכט: איידעֶר צו בעֶשליסעֶן אויף עפּיס צו טון, דאַרף מעֶן פריהעֶר זיך בעֶראָטעֶן מיט אַ פּראָפעֶסאָר.

424. צום אַפּעֶטיט.

אַן אָרימעֶר יוד איז געֶקומעֶן צו אַ דאָקטער און בעֶט אים, ער זאָל אים געֶבעֶן עפּיס אַזוינס צום אַפּעֶטיט. דער דאָקטער נעֶמט אים בעֶטראַכטעֶן, טאַפּט דעֶם דפק, קלאַפּט די ברוסט, בעֶקוקט די אויגעֶן און די צונג. דערנאָך נעֶמט ער שרייבעֶן אַ רעֶצעֶפּט און זאָגט דעֶם יודעֶן:

— אָט דעֶם רעֶצעֶפּט וועט איר נעֶמעֶן דריי מאָל אַ טאָג וועט איר בעֶקומעֶן אַפּעֶטיט.

— אַפּעֶטיט, הער דאָקטער — רופט זיך אָן דער אָרימער יוד — האָב איך אַזוי אויך, דאַנקעֶן גאָט. בעֶקומעֶן בין איך אייך בעֶטעֶן עפּיס צום אַפּעֶטיט.

425. אויף מאַמע־לשון.

אַן אַריסטאָקראַטישעֶ אָדעֶסער דאַמעֶ האָט בעֶדאַרפט געֶהן צו קינד, האָט מעֶן געֶבראַכט צו איר אַ בערימטעֶן דאָקטער־אַקושער. דער דאָקטער האָט זי בעֶטראַכט און געֶזאָגט, אַז ס׳איז נאָך דאָ געֶנוג צייט. דעֶרווייל איז ער אַריינגעֶגאַנגעֶן אין אַנדער צימער דערבּיי און רוהיג געֶפיהרט דאָרטעֶן אַ שמועס מיט די שטוב־מענשעֶן. ער הערט, זי שרייט שוין אויף קולות, פריהער אויף פראַנצויזיש !Mon dieu (מיין גאָט), און דערנאָך אויף רוסיש !О Боже мой — דער דאָקטער רירט זיך ניט און זאָגט אַלץ: ס׳איז נאָך דאָ צייט. ענדליך האָט זי געֶטון אַ געֶשריי: „אוי, מאַמעֶ!״

— איצט ערשט איז די רעֶכטעֶ צייט — האָט געֶזאָגט דער דאָקטער זיך אויפגעֶהויבעֶן פונ׳ם אָרט און באַלד אַריין צו איר אין צימער.

426. דער דפק.

איינער אַ יודישער פעלדשער איז קראַנק געוואָרען, קומט צו אים אַ צווייטער פעלדשער, זיינער אַ גוטער פריינד, און נעמט אים אָן ביי'ם דפק. רופט זיך אָן דער חולה:

— צו וואָס טויג דאָס נאַריש מאַכען זיך? מיר ביידע ווייסען דאָך נאָ, אַז קיין דפק איז ניטאָ.

יונג און אַלט.

דער גאון ר׳ יהושע־העשיל קינדוויז.

427. I שוין אויס קאַשע.

ווען דער גאון ר׳ יהושע־העשיל איז נאָך אַ קינד געווען האָט ער שוין געשמ׳ט מיט זיין שאַרף קעפעלע. איינמאָל זאָגט אים דער פאָטער ביים עסען קאַשע:

— אַנו, הערשיל, פּריוו נור פערענטפערען די דאָזיגע ק ש י א.

— אין מסיחין בסעודה (מע רעדט ניט בשעת עסען) — ענטפערט דאָס קינד.

נאָכ׳ן עסען די קאַשע זאָגט אים ווידער דער פאָטער:

— איצט, הערשיל, מעגסטו דאָך פערענטפערען די ק ש י א.

— איצט — זאָגט דאָס קינד — איז דאָך שוין אויס ק אַ ש ע.

428. II ולשרה בן.

שבת ביי׳ם טיש זאָגט איינמאָל יהושע־העשיל׳ס פאָטער צו די קינדער זיינע:

— ווער פון אייך קינדער, וועט זאָגען עפּיס אַ שען וואָרט, בעקומט אָט דעם פּעטען מאַרך־ביין, וואָס איך האַלט אין דער האַנד.

רופט זיך אָן שרה, יהושע־העשיל׳ס יונגערע שוועסטער׳ל:

— מיר, טאַטע, קומט דער ביין, עס שטעהט אַזוי אין פסוק: „ולשרה בן״ (שרה, הייסט עס, קומט דער ביין).

דער פאָטער טוט אַ גלעט דאָס קינד און זאָגט איר:

— ביזט גערעכט, שרה׳לע, נאַ דיר דעם ביין.

יהושע־העשלען, וואָס איז אַליין אויך געווען דעמאָלט נאָך גאָר אַ

קינד, האָט די זאַך פאַרדראָסען, טראַכט ער ניט לאַנג, לאָזט־אָפּ דער שוועסטער אַ רעכטען פּאַטש און זי צעוויינט זיך.

— שענער בחור, וואָס שלאָגסטו דער שוועסטער? — פרעגט דער פאָטער אויפגעבראַכט.

— עס קומט איר צו וויינען — ענטפערט ער — ווייל אין פסוק שטעהט ניט, ווי זי זאָגט „ולשרה בן״ נאָר „ולשרה ב ן״.

429. III מיט איין פּיסעל.

איינמאָל אין אַן ערב־יום־טוב האָט יהושע־העשלען קינדווייז פער־שמעקט שטאַרק אַ פּולקע פון אַ געבראָטענער קאַטשקע (ענטע) און ער האָט זי אויפגענאַשט קיינער זאָל ניט זעהן. יום־טוב צום טיש דערלאַנגט די מוטער דאָס געבראָטענע עוף און זאָגט דערביי דעם פאָטער:

— פערפאַלען געוואָרען אַ פּיסעל פון דער קאַטשקע. קיין קאַץ איז אין שטוב ניט געוועזן. ניט אַנדערש, אַז ס׳איז העשיל׳ס אַרבייט. ער איז אַ בעלן אויף אַזעלכע זאַכען.

דער פאָטער טוט אַ בעזען קוק אויף יהושע־העשל׳ען, ווי איינער רעדט:

— וואָס ועסטו זאָגען דערויף, שענער בחור?

— באַלד וואָס עפּיס איז העשיל! — מאַכט דאָס קינד ברוגז׳ליך — עס קען גאָר זיין, אַז דאָס עוף איז לכתחילה געוועזן נור מיט איין פּיסעל.

— דערצעהל ניט אַזעלכע מעשיות — זאָגט אים דער פאָטער — וואו האָסטו געזעהן אַ קאַטשקע מיט איין פיס?

אין אַ פּאָר טעג אַרום געהט דער פאָטער, מיט העשל׳ען אין שוהל שטעהט גראָד אויפ׳ן וועג אַ קאַטשקע אויף איין פיס.

— זעהסטו, טאַטע — ווייזט־אָן דאָס קינד — אָט האָסטו אַ קאַטשקע מיט איין פּיסעל.

דער פאָטער רעדט ניט קיין וואָרט, נעמט־אַרויס פון דער קעשענע די רויטע פאַטשיילע זיינע און טוט דערמיט אַ טרייב די קאַטשקע: לאָזען זי באַלד אַראָפּ דאָס צווייטע פּיסעל און אַנטלויפט.

— נו וואָס וועסטו איצט זאָגען? — מאַכט צו העשל׳ען דער פאָטער.

— טאַטע — זאָגט העשיל — ווען דו וואָלסט געפּריווט יום־טוב ביים טיש אַזוי טון און געבען אַ טרייב די קאַטשקע, וואָלט זי אפשר אויך אַראָפּגעלאָזט דאָס צווייטע פּיסעל.

430. IV געהערט ווי געזעהען.

צו יהושע העשלען יונגעלווייז איז איינמאָל געקומען אַ שדכן מיט

איינעם פון די גרויסע רבנים איז צו פערהערען אין לערנען, פרעגט אים דער רב:

— ס'איז אמת, וואס איך האב געהערט אויף דיר, אז וואס פאר א ספר מע נעמט און וואו מע מישט־אויף דארט קענסטו זאגען?

— פריווט — ענטפערט ער.

נעמט דער רב א גמרא און ווייזט אים אן פון פארענט אויף דעם ליידיגען בלאט. ער זאל דארט זאגען. יהושע־העשיל' האט זיך געזעצט לערנען מיט'ן געוויסען ניגון אן ווערטער.

— פאר וואס הער איך ניט קיין ווארט? — פרעגט אים דער רב.

— דערפאר, וואס איך זעה ניט קיין ווארט — ענטפערט ער.

431. V שוין פיינד בעצייטענס.

אן אנדערעסמאל איז געקומען צו יהושע־העשל'ען א מחותן מיט עטליכע לומדים, אים צו פערהערען אין לערנען. דער בחור איז ניט געוועזען אין דער היים, שיקט מען אים רופען פון בית־המדרש. אז ער איז אריינגעקומען אין שטוב, פרעגט מען אים, צו דערקענט ער, ווער פון די יודען איז דער מחותן? ווייזט ער אן אויף דעם מחותן.

— פון וואנען ווייסטו עס? — פרעגט מען אים.

— איך פיהל עס — ענטפערט ער — ווייל איך האב אים שוין פיינד בעצייטענס.

432. איבערגעקעהרט.

איינער האט געוואלט אויספריווען די תפיסה פון א קינד מיט זעהר א שארף קעפעל, פרעגט ער אים:

— פארוואס עפיס אין חומש שטעט „ברע מלך סדם" — הייסט עס דער מלך פון סדום ברע, און אין סידור שטעהט „מלח סדומית רבע" — הייסט שוין גאר דער מלך פון סדם „רבע", פונקט די אייגענע אותיות פון „ברע", נור איבערגעקערט.

דאס קינד האט זיך אביסעל פערטראכט און באלד מיט א שמייכעל אפגעענטפערט.

— סדום אינגאנצען האט זיך איבערגעקעהרט, האבען זיך די אותיות אויך איבערגעקערט.

433. וויל נאר.

מע דערצעהלט וועגען ווילנער גאון, אז איינמאל איז ער געגאנגען

אין גאַס, הערט ער ווי צוויי יונגעלעך, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען, רעדען צווישען זיך, און איינער ווייזט־אָן דעם אַנדערען:

— זעהסט אָט דעם וואָס געהט פאַר אונז? דאָס איז דער ווילנער גאון.

קערט זיך אום דער גאון צו יענעם מיט'ן פנים און זאָגט אים:

— מיין קינד, וויל נאָר וועסטו אויך זיין אַ גאון.

434. פונ'ם אַלטען דור.

אַן אַלטער שמש האָט פאַר די יונגע לייט אין שוהל געמאַכט גאָר צו נישט די „היינטיגע שוואַכע דורות":

— אמת געזונד און שטאַרק — האָט ער געזאָגט — איז מען געווען נור אַמאָל; היינטיגע צייטען אָבער, מישטיינס געזאָגט, זעהט מען דאָך אפילו אין די אויגען נישט קיין אַלטען מאַן.

— אָט זענט איר דאָך אַן אַלטער מאַן — פרעגט אים איינער פון די יונגע לייט.

— חכם מיינער! — ענטפערט דער שמש — איך בין דאָך פון אַלטען דור.

435. אויף דער עלטער.

איין אַלטער מאַן זאָגט דעם אַנדערען:

— איר זאָגט דאָך עפּיס, אַז איר זענט אַ ייד אַ תלמיד־חכם, דאַרפט איר דאָך וואָס עלטער ווערען קליגער; צום סוף רעדט איר, מחילה, נאַריש־קייטען, אַז איך הויב אַייך ניט אָן צו פערשטעהן.

— דאָס איז — ענטפערט ער — ניט דערפאַר וואָס איך בין נישט קיין תלמיד־חכם, נור וויל איר, מחילה, זענט אַן עם־הארץ, מוזט איר וואָס עלטער ווערען מעהר נאַריש און קענט וואָס ווינציגער פערשטעהן.

436. איבערגעגעסען זיך מיט אַפיקומן.

— אַן אַלטער מאַן פון אַיאָר עטליכע און זיבציג איז שטאַרק שוואַך געוואָרען און געלעגען צו בעט. קומט אַ בעקאַנטער אים מבקר־חולה זיין און פרעגט: וואָס איז אים אַזוינס? דער אַלטער טוט אַ קרעכץ און ענטפערט:

— איך האָב זיך איבערגעגעסען מיט אַפיקומן.

— וואָס איז דער פירוש דערפון?

— גאָר פשוט, איך האָב שוין אויף מיין לעבען אויפגעגעסען שטיקער אַפיקומן העכער זיבציג. נו וויפיל נאָך איז דער שיעור?

יודישע פאַמיליע: עלטערן און קינדער.

437. דאָס לשון אָפּגענומען.

צוויי יונגע לייט נאָהענטע בעקאַנטע זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ גאַר־קיך און זיך געהייסען דערלאַנגען פאַרביידען איין פּאָרציע. ווי מע האָט אַנידערגעשטעלט דאָס שיסעלע מיט׳ן געדעכט אויפ׳ן טיש, האָט איינער באַלד זיך גענומען צום עסען, און דער אַנדערער זיצט און דער־צעהלט אַלץ שבחים פון זיין זיידען, וואָס פאַר אַ גרויסער חכם ער איז געווען און וואָס פאַר אַ קלוגע ווערטער ער האָט געזאָגט יעדען בעזונדער פאַר זיין טויט. דערווייל קוקט ער זיך אום ווי יענער האַלט אין איין פּאַקען אויף ביידע באַקען און אָט בלייבט שוין גאָר ניט אין שיסעל, רופט ער זיך אָן צו אים:

— איצט דערצעהל שוין דו אַביסעל פון דיין זיידען, וואס ער האָט אָנגעזאָגט אַזוינס פאַר׳ן טויט?

— פון מיין זיידען — זאָגט יענער מיט אַ פול אָנגעשטאָפּטען מויל — האָב איך ניט וואָס צו דערצעהלען, ווייל עטליכע טעג פאַר זיין פּטירה האָט אים שוין, ניט פאַר אונז געדאַכט, דאָס לשון אָפּגענומען.

438. אַ זכות.

אין אַנדערע שטעדט איז געווען אַמאָליגע צייטען אַ מנהג ניט צו בעגראָבען אַ מת ביז מע זאָגט ניט אויף אים עפּיס אַ זכות. האָט זיך גע־מאַכט אין אַ שטאָדט, אַז ס׳איז געשטאָרבען איינער אַ גרויסער בעל־עבירה׳ניק, וואָס קיינער האָט ניט געקענט אויף אים געפונען קיין שום זכות. אַ פּאָר טעג איז דער מת אַזוי געלעגען און מ׳האָט אים ניט געקענט מקבר זיין, ביז ס׳איז געקומען איינער און האָט מודיע געווען: — רבותי,

איך האָב צו זאָגעז אַ זכות אויף דעם מת: איך ווייס, אַז ער האָט געלאָזט אַזעלכע בנים, וואָס אַ קעגען זיי איז ער אַ צדיק.

439. אויסגערעכענט זיך יחוס.

אַ זוהן איז געווען שטאַרק אָנגעשטויסען אויף דעם פאָטער זיינעם רופט ער זיך אָן צו אים:

— טאַטע, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז מיט דיר אַזוינס דער יחוס? באשר דו האָסט אַ שענערען טאַטען ווי איך, דערפאַר אָבער האָט מיין טאַטע אַ שענערען זוהן ווי דיין טאַטע.

440. אַ פשוט׳ער חשבון.

אַ מלמד אין דאָרף לערנט חשבון מיט אַ יונגעל פון אַ ישוב׳ניק, און פרעגט אים:

— אויב איך בין שולדיג געווען דיין טאַטען אויף אַ קוויטעל הונדערט רובל און האָב אים אויף דעם שוין אָפגעגעבען פונף און דרייסיג רובל, וויפיל בין איך אים נאָך געבליבען שולדיג?

— האָט איר — פרעגט דאָס יונגעל — אַרויסגענומען אַ קוויטעל אויף דעם וואָס איר האָט אָפגעצאָהלט?

— וואָס געהער זיך עס אָן, ניט גענומען קיין קוויטעל, אָבער וויפיל, זאָג, דאַרף איך נאָך דעם טאַטען בעצאָהלען?

— וויפיל? הונדערט רובל.

— פערשטאָפטער קאָפ! אַזאַ פשוט׳ען חשבון קען ער ניט!

— איך קען חשבון, נאָר איר, רבי, קענט ניט מיין טאַטען!

441. אַ ווייב אין אמת׳ן.

אויף דעם פסוק „וה׳ ברך את אברהם בכל“ (גאָט האָט געבענשט אברהם׳ן מיט אַלעמען), דרש׳ט די גמרא אַז גאָט האָט געבענשט אברהם׳ן מיט אַ טאָכטער וואָס האָט געהייסען „בכל“. פרעגט זיך אַ קשיא: וויבאַלד אַזוי, צוליב וואָס האָט אברהם בעדאַרפט שיקען זיין קנעכט אליעזר׳ן צו זוכען פאַר זיין זוהן יצחק אַ כלה פון דער אייגענער משפחה ערגעץ־וואו אין ווייטע מקומות, ס׳איז דאָך געווען פאַר מתן תורה, ווען אַ ברודער האָט געמעגט נעמען אַן אייגענע שוועסטער, האָט דאָך אברהם געקענט יצחק׳ן בעסער חתונה מאַכען מיט דער שוועסטער זיינער „בכל“?

דער תירוץ איז: אברהם האָט געוואָלט יצחק׳ן געבען אַ ווייב אין אמת׳ן, דאָס הייסט אַ ווייב ניט על־פי־דרש, נאָר על־פי־פשט.

און נאָך אַ תירוץ איז פאַראַן: אברהם האָט זיך אַזוי געטראַכט; גוט איז, ווען מע דרש'עט דעם פסוק אַזוי, וואָס טוט מען אָבער ווען עס קומט אַן אַנדערער דרשן און שטעלט זיך אַנידער און דרינגט גאָר, אַז „בכל" איז עפּיס אַנדערש ניט קיין טאָכטער, בלייבט דאָך דעמאָלט מיין יצחק אָן אַ ווייב.

442. עס פעהלט איין הונדערטער.

אַ פאָטער פון אַ איבערגעוואַקסענער טאָכטער קלאָגט זיך פאַר זיינעם אַ גוטען פריינד:

— ס'איז שלעכט, גוטער ברודער! אפשר קענסטו מיר אַן עצה געבען, וואָס טוט מען? אין גיכען דאַרף זיין די חתונה פון מיין עלטערער טאָכטער, מוז איך אָבער אָפּצאָהלען די צוויי הונדערט רובל נדן, וואָס איך האָב צוגעזאָגט, מילא איין הונדערטער אייגענטליך האָב איך, ווייס איך אָבער נישט, וואו קריגט מען דעם צווייטען, וואָס פעהלט מיר?

— וויבאַלד איין הונדערטער האָסטו — רופט זיך אָן יענער — איז גאָר פון די קליינע אומגליקען, קיין שידוך ביי יודען צוגעהט זיך ניט צוליב אַזעלכע זאַכען, דו נעם און טראָג דערווייל אַריין דעם איינעם הונדערטער, וואָס דו האָסט, און דעם צווייטען וועסטו אָפּלעגען אַביסעל אויף שפּעטער, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה.

— הערסטו, חכם מיינער — מאַכט דער מחותן — אויף דעם שכל בין איך אַליין געפאַלען, און דאָס מיין איך דאָך טאַקי דעם איינעם הונדערטער וואָס איך האָב, דאָס הייסט דעם צווייטען, וועלכען מען קען ניט דערגעבען, שלעכט איז אָבער, וואָס איז נישטאָ וואו צו קריגען דעם ערשטען הונדערטער.

443. הבל־הבלים.

צום בערימטען לעמבערגער רב ר' יעקב אָרענשטיין איז געקומען אַ שדכן פאָרלעגען אים אַ שידוך פאַר זיין זוהן מיט אַ אויפגעקומענעם גביר, אַ געוועזענעם קצב. זאָגט אים דער רב, אַז ער וויל דער מחותן אַליין זאָל קומען צו אים וועגען דעם איבערשמועסען, געקומען דער מחותן, זאָגט אים דער רב:

— איך קען מרוצה ווערען אויף דעם שידוך, נור מיט איין תנאי איר זאָלט זיך שטעלען שען און געבען נדן ניט וועניגער ווי הונדערט טויזענד גילדען.

— רבי — זאָגט דער אויפגעקומענער גביר — איך ווייס אַודאי

אז דער יחוס אייערער האט די ווערט אסך מעהר, פון דעסטוועגען מוז איך אייך זאגען, איר זאלט מיר מוחל זיין, אז די זאך חידוש׳ט מיר אביסעל, איר, וואס זענט ביי זיך שטענדיג אזא גרויסער ענו, זאלט אזוי הויך שעצען דעם כבוד פון אייער תורה!

— איך וועל אייך זאגען — ענטפערט דערויף דער רב — איר האט א טעות, ניט מחמת איבעריג גדלות טו איך עס; אדרבה, איך ווייס גאנץ גוט, אז איך בין ניט קיין גדול, און דער גאנצער יחוס מיינער, דער כבוד פון מיין תורה, איז גארנישט, הבל־הבלים. איך ווייס אבער דאס אויך, אז דאס געלד אייערס איז אויך הבל־הבלים, ניט מעהר, איך מאך מיט אייך א שטיקעל חילוף: איך גיב אייך מיין הבל־הבלים און פערלאנג פון אייך דערפאר אייער הבל־הבלים.

444. אקונציגער כירורג.

— וואס איז פאר אמענש דער חתן, וואס דו האסט גענומען פאר דיין טאכטער — פרעגט איינער זיינעם אגוטען פריינד.

— אזא יאר אויף מיר — ענטפערט דער פאטער — אפראפעסאר, זאג איך דיר, אכירורג, אבער גאר פון די קונציגע.

— וואס רעדסטו? ווי ארום קומט אזא אביון ווי דו צו אזא גרויס־ארטיגען שידוך פאר דיין טאכטער?

— איך ווייס איין זאך: געהאט האב איך אויף זיך ארעכטען הויקער האט ער עס פון מיר אראפגענומען, — היינט פרעג איך דיך, איז ער ניט אקונציגער כירורג?

445. גלוי עריות.

אמחותן, דעם חתנ׳ס פאטער, האט אפגעשיקט די תנאים דער כלה, דערפאר וואס מ׳האט דעם צוגעזאגטען נדן ניט איינגעלעגט צו דער צייט. שיקט אים רופען דער רב און נעמט אים פירהאלטען:

— ס׳טייטש, ווי טוט עס איד אזא זאך? ווייסט איר דען ניט, אז אפשיקען תנאים איז אגרויסע עבירה? ס׳איז דאך אמת׳ע שפיכות־דמים!

— רבי — ענטפערט דעם חתנ׳ס פאטער — איך ווייס אליין, אז שפיכות־דמים איז איינע פון די גרעסטע עבירות; אבער זאגט מיר, איך בייט אייך, איז דען גלוי־עריות, דאס הייסט מיין קינד זאל נעמען, מחילה, א הוילע נאקיטע מויד, אקלענערע עבירה ווי שפיכות־דמים?

446. קומט ניט צוריק.

אַ טאָכטער אַ גרושה בעט ביים פאָטער געלד און ער קנייטשט זיך פרעגט זי אים:

— זאָג מיר, טאַטע, פאַר וואָס איז ביי דיר דער רובל טייערער ווי איך?

— איך וועל דיר זאָגען — ענטפערט איר דער פאָטער — דיך אַז איך גיב אויס, קערסטו זיך נאָך צו מיר אום צוריק; דער רובל אָבער, אים אַז איך גיב־אויס איז פערפאַלען, ער קומט שוין ניט צוריק.

447. לאָז ער וויסען.

אַ פאָטער, אַ שרעקליכער כעסן, איז איינמאָל שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען אויף זיינער אַ אויסגעגעבענער טאָכטער און ער האָט איר גע־געבען אַ קלאַפּ. די טאָכטער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול!

— קאַרג וואָס מיין מאַן דער שאַרלאַטאַן שלאָגט מיך, קומסטו נאָך אויך מיך שלאָגען!

— לאָז ער טאַקי וויסען, דער שאַרלאַטאַן דיינער — מאַכט דערויף דער פאָטער — ער שלאָגט מיין טאָכטער, שלאָג איך דערפאַר זיין ווייב!

מאַן און ווייב.

448. לאָז ער וויינען.

— פאַר וואָס, טייערע מיינע, וויינסטו גאָרנישט? — האָט אַ מוטער געפרעגט איר טאָכטער די כלה פאַר דער חופה — ווייסטו דען נישט, אַז: אַ כלה פאַר דער חופה דאַרף וואָס מעהר פערגיסען טרערען?

— פאַר וואָס זאָל זי עפּיס וויינען? — רופט זיך אָן דער כלה'ס יונגערע שוועסטער, וואָס איז געשטאַנען דערביי — וואָס איז, אַ שלעכ־טען חתן נעמט זי? אַזאַ יאָר אויף מיר! אויב וויינען, לאָז ער וויינען, וואָס ער נעמט אַ כלה, אַזאַ יאָר אויף מיינע שונאים!

449. פשוט מצה.

ביי אַ יונגענמאַן באַלד נאָך דער חתונה האָט מען אַ פרעג געטון

— נו ווי אַזוי האָסטו געטראָפען, "מצא" צי "מוצא"?[1]

— ניט "מצא" און ניט "מוצא" — ענטפערט ער — נאָר פשוט "מצה", ווייל זי זעהט־אויס פונקט ווי אַ מצה: אַ שוואַרצינקע און אַ דאַ־רינקע און אַ געשטיפּעלטע דערצו.

450. פון הימעל אויף דער ערד.

איינער בעגעגענט אַ בעקאַנטען יונגענמאַן אַ פאָר וואָכען נאָך דער חתונה זיינער, פרעגט ער אים:

---

1) "מצא" מיינט מען אַ גוט ווייב, ווי דער פסוק זאָגט: "מצא אשה מצא טוב"; "מוצא" אַ שלעכט ווייב, ווי אַן אַנדער פסוק זאָגט: "ומוצא אני מר ממות את האשה".

— זאג, ווי לעבט זיך עס דאס נייע לעבען?

— וואס זאל איך זאגען — ענטפערט יענער — איך ווייס נור, אז איצטער האב איך אנגעהויבען צו גלויבען באמת אין דעם, וואס די וועלט זאגט, אז שידוכים ווערען געשלאסען טאקי אויפ'ן הימעל.

— פאר וואס עפיס איצטער?

ווייל באלד נאך מיין חתונה, פערשטעהסטו מיך, בין איך אראפגעפאלען פון הימעל אויף דער ערד.

451. טויב אויך.

צו א יונגענמאן נאך דער חתונה איז געקומען א חבר זיינער צו גאסט, זאגט ער אים שטילערהייד אזוי, אז דאס יונגע ווייבעל יענעמס, וואס איז געזעסען אין דעם זעלבען חדר, זאל ניט הערען:

— איך מוז דיר זאגען, גוטער ברודער, אז די סחורה דיינע געפעלט מיר כלל ניט. איך הויב ניט אן צו פערשטעהן, וואס אזוינס, אויסער געלד, דו האסט אין איר געפונען: א הויקער, מיט בלינדליכע אויגען...

— נישקשה — מאכט דער יונגערמאן — מעגסט רעדען העכער: זי איז טויב אויך.

452. ביידע קוויט.

א מאן זאגט דעם ווייב באלד נאך דער חתונה:

— אויף מיין הייסען פלאמפייערדיגען העכסט פאעטישען ליבע־בריף, וואס איך האב דיר געשיקט פאר דער חתונה, האסטו מיר אפגע־שיקט באלד א בריף, וואו איך האב געפונען אריינגעלעגט א געשאנק פון דיר עטליכע שענע האר. געוועהנליך, האב איך געמיינט, אז ס'איז דיינע אייגענע האר און זיי זענען געוועזן ביי מיר טייער, צום סוף האב איך זיך איצט צוגעקוקט צו דיינע האר זעה איך, אז יענע האר זענען גארנישט פון דיין קאפ.

— דערפאר האב איך זיך דערוואוסט — ענטפערט זי — אז יענער בריף דיינער איז אויך ניט פון דיין קאפ, און אויף אזא אופן זענען מיר ביידע קוויט.

453. מעהר ניט עלטער ווערען.

א שטיקעל צייט נאך דער חתונה, נאכדעם ווי דער מאן האט זיך

אַרומגעקוקט, אַז ער האָט, נעבּיך, געהאַט אַ גרויסע מקח טעות, רופט ער זיך אָן איינמאָל צום ווייב:

— הערסטו, מיין ווייב, מילא וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט פאַר דער חתונה פינף הונדערט רובל נדן, און בעקומען האָב איך פון דיר מעהר נישט ווי צוויי הונדערט, — בין איך דיר מוחל: מן־הסתם האָסטו מעהר ניט געהאַט. איך בין דיר אויך מוחל, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, אַז אַלט ביזטו צו דער חתונה פונקט צוויי און צוואַנציג יאָר און עס לאָזט זיך אויס, אַז דו ביזט שוין, ברוך השם, אַ יאָר דרייסיג. מילא וואָס קען מען העלפען? ס'איז דאָך, ווי זאָגט מען, אַ פערפאַלענע זאַך! דערפאַר פערלאַנג איך פון דיר איצט איין קלייניגקייט: זאָלסט האָטש אויף ווייטער מעהר ניט עלטער ווערען.

454. אַ נגע צרעת.

שמערעל שניטקעווער פלעגט זאָגען:

— אַ צייט מיט יאָרען האָב איך ניט געקענט פערשטעהן דעם פשט פונ'ם פסוק „נגע צרעת בבית": ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַ נגע צרעת זאָל זיין ניט אויף אַ מענשענס לייב, נאָר גאָר אין אַ הויז? ביז איך האָב בענומען מיין ווייב שיינדלען, קען איך עדות זאָגען: משה איז אמת און זיין תורה איז אמת.

455. געפעלט מיר אויך ניט.

איינער בעגעגענט זיינעם אַ בעקאַנטען, וואָס לויפט אין ערגעץ אין גרויס איילעניש. שטעלט ער אים אָפּ און פרעגט וואוהין ער לויפט אַזוי:

— איך לויף צום דאָקטאָר — ענטפערט דער בעקאַנטער שטאַרק צעטראָגען — איך ווייס ניט וואָס מיט מיין ווייב איז אַזוינס. עפּעס געפעלט זיך מיר היינט ניט.

— אויב אַזוי — רופט זיך אָן יענער, וואָס האָט געהאַט זיין איי־גענס אַ ווייב אַ גרויס מיאוסקייט — וועל איך מיט דיר מיטלויפען, מיין ווייב געפעלט מיר אויך ניט.

456. מוז אויסשפייען.

צוויי סוחרים פון אַ קליין שטעדטעל זענען געקומען קיין וואַרשאָ. בשעת געהן אין גאַס פלעגט איינער פון זיי אויסשפייען יעדעס מאָל ווען האָט דערזעהן דורכגעהן אַ שענע פרוי. פרעגט אים דער צווייטער:

— וואָס געפעלען דיר אַזוי ניט די וואַרשאָווער פרויען, וואָס דו שפּייסט אַזוי אַפילו אויף די שענסטע פון זיי?

— דו האָסט, גוטער ברודער — ענטפערט יענער — אַ טעות אין פשט. פערקעהרט, ווען איך דערזעה דאָ דורכגעהן אַ שענע פרוי, דערמאָהן איך זיך דעמאָלט אין מיין ווייב די מיאוסקייט, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט דאָרט אין דערהיים, און איך מוז אויסשפּייען.

457. געפונען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר — שרייט אַ מאַן בײ׳ם עסען דעם געדיכטען פאַסאָליעס־צימעס — נאַ דיר גאָר האָר, עפּיס אַ גאַנצער פּאַריק שטעקט דאָ אין צימעס!

— אַזוי, ער איז דאָ! — רופט זיך אָן דאָס ווייב מיט אַ שמחה — און איך האָב זיך שוין דעם קאָפּ פערדרעהט, אים אויסגעזוכט אומעדום אין אַלע ווינקעלעך!

458. גרויסע ליכט און קליינע ליכטעלעך.

איינער דערצעהלט זיינעם אַ גוטען ברודער וועגען דער טבע פון זיין ווייב:

— אַזאַ טבע האָט זי, דאָס ווייב מיינס, זומערדיגע נעכט נעמט זי און צינדט־אָן גרויסע ליכט און, פערקעהרט, עס קומט ווינטער צינדט זי אָן דוקא קליינע ליכטעלעך, מיינסטו, זי טוט עס אויף צו להכעיס? ניין, זי איז נור אַ פערגעסערין און דערמאָהנט זיך אַביסעל צו שפּעט. אָט וועל איך דיר דערקלערען וועסטו פערשטעהן דעם שכל דערפון: אָנהויב זומער, אַז איך קום אַהיים ביינאַכט און זעה אָנגעצונדען אַ גרויסע ליכט זאָג איך איר, אַז די נעכט ווערען קירצער און מע דאַרף אָנצינדען אַ קלענערע ליכט, קומט מאָרגען, פערגעסט זי ווידער דאָס אייגענע, אַזוי קלאַפּ איך איר אין קאָפּ נאַכט ביי נאַכט, ביז זי דערמאָהנט זיך סוף זומער מיר צו פאָלגען און צינדט שוין אָן אַ קליין ליכטעל. דעמאָלט אָבער זענען שוין די נעכט גרעסער, זאָג איך איר, אַז מע דאַרף אָנצינדען אַ גרויס ליכט. הויבט זיך ווידער אָן די אייגענע מעשה פון פערגעסען, און אַלע ווינטערדיגע נעכט צינדט זי אָן קליינע ליכטעלעך, און ערשט פסח־צייט דערמאָהנט זי זיך מיר צו פאָלגען.

459. אַ גרויסע אויסברענגערין.

— איך וויל זיך געהן מיט מיין ווייב גט׳ען, ווייל ס׳איז ניט אויס־צוהאַלטען פון איר, זי איז זעהר אַ גרויסע אויסברענגערין.

— דהינו?

— שטעלט זיך פאָר, אַז אין איין פריה מאָרגען קען זי זיך מיט אַמאָל פערגינען אויסצוברענגען קללות, וואָס ביי אַן אַנדערער וואָלטען זיי געקענט קלעקען אויף אַ גאַנץ קאַלענדיג יאָר.

460. מחולק אין דער אַגראַר־פראַגע [1]

איינעם אַ יונגענמאַן האָט מען געפרעגט: פאַר וואָס עפּיס וויל ער זיך גט'ען מיט'ן ווייב?

— צוליב דעם — האָט ער געענטפערט — וואָס כמעט פון אונזער חתונה אָן זענען מיר ביידע שטאַרק מחולק אין דער אַגראַר־פראַגע: איך שיק זי געהן אין דער ערד אַריין און זי שיקט מיך אַהין.

461. אַ ביס אין צונג.

מאָטקע חבד בעגעגענט אין גאַס זיינעם אַ נאָהענטען בעקאַנטען, דערצעהלט ער יענעם, אַז ער האָט גרויסע יסורים: דאָס ווייב זיינס איז איינגעפאַלען און ער האָט שטאַרק מורא, אַז זי איז מסוכן.

— וואָס איז איר אַזוינס? — פרעגט דער גוטער פריינד.

— זי האָט זיך אַ ביס געטון אין צונג.

— וואָס־זשע שטעקט דאָ אין דעם פאַר אַ סכנה?

— וואָס רעדט איר? — שרייט־אויס מאָטקע חבד — איר שפּילט זיך עפּיס מיט מיין ווייב'ס צונג? זי האָט דאָך אַ צונג פול מיט גיפט!

462. ווייבערשע האַנד־אַרבייט.

איינער אַ שלימזל'ניק האָט פערמאָגט זיין אייגענס אַ ווייב אַ מין בראַנדעלע קאָזאַק, וואָס פלעגט אים אָפט ווייזען ווער עלטער איז. איינמאָל קומט ער אין דערפריה אין שוהל מיט אַ שטאַרק צעדראַפּעטען פּנים און מיט אַ געשוואָלענער באַק, ווייזט אויף אים איינער אָן און זאָגט:

— זעהט איר דאָס פּנים זיינס, דאָס איז אַלץ ריין ווייבערשע האַנד־אַרבייט.

463. אַ ווייבערשע קרענק.

צו אַ דאָקטער אַן אַקושער איז געקומען אַ יונגערמאַן און נעמט זיך קלאָגען אויף אַ לונג־פעהלער. רופט זיך אָן צו אים דער דאָקטער:

— איך קען אייך בעטראַכטען, נאָר איך מוז אייך זאָגען, אַז אייגענטליך בין איך אַ דאָקטער פון ווייבערשע קרענק.

---

[1] ערד־פראַגע.

— מיין קרענק, הער דאָקטער — זאָגט דער יונגערמאַן — איז אויך אַ ווייבערשע, ווייל דעם לונג־פעהלער מיינעם האָב איך בעקומען גאָר אין אַ קורצער צייט פון איר טאַקי, פון דער קליפה מיינער.

464. טראָגען ניט.

— שוין צייט, מיין מאַן, מיר צו קויפען אַ נייעם זומער־הוט. אַלע מיינע בעקאַנטע טראָגען שוין אַזעלכע שענע נייע היט.

— פאַר וואָס, מיין ווייב, קוקסטו שטענדיג אויף דעם וואָס טראָגט און קיינמאָל נישט אויף דעם וואָס טראָגט נישט?

— אַדרבה, זאָג דו, ווער, אַ שטייגער, טראָגען ניט?

— ווער, פרעגסטו? די געשעפטען מיינע טראָגען ניט.

465. יונגער און עלטער.

אַ ווייב מעסט־אָן אַ ניי קלייד און רופט זיך אָן מיט אַ שיינענדיג פנים צום מאַן:

— אַ יאָ, מיין מאַן, יעדעס מאָל ווען איך טו־אָן אַ ניי קלייד מאַכט עס מיך אויף עטליכע יאָר יונגער?

— און מיך, מיין ווייב — זאָגט דער מאַן — מאַכט יעדעס ניי קלייד דיינס, פערקעהרט, אויף עטליכע יאָר עלטער.

466. אַ לוח.

אַ ווייב, אַ „שלאַק פון זיין ליבען נאָמען“ רופט זיך איינמאָל אָן צום מאַן:

— שטענדיג, ווען דו ביזט אין דער היים, קוקסטו זיך אויף מיר ניט אום, גלייך ווי איך בין גאָר ניטאָ, און האַלסט אין איין אַריינקוקען אין אַ ספר, הלואי וואָלט איך אויך געווען אַ מין ספר!

— מהיכא־תיתא — זאָגט דער מאַן — גלויב מיר, איך וואָלט גאָרניט געהאַט געגען דעם דו זאָלסט אויך זיין אַ ספר, נאָר ווייסטו וואָס פאַר אַ ספר? אַ לוח, וואָס נאָכ׳ן יאָר לעגט מען אַוועק דעם אַלטען און מע נעמט אויף זיין אָרט אַ נייעם.

467. זעהט־אויס יונג.

איינעם האָט מען געפרעגט: ווי קומט עס וואָס ער זעהט־אויס אַזוי יונג?

— ס׳איז קיין חידוש ניט — האָט ער געענטפערט — מיין ארורה נעמט ביי מיר אָפּ האַלבע יאָרען.

468. די אויסלענדישע בעדער.

צוויי גוטע פריינד בעגעגענען זיך סוף זומער. זאָגט איינער דעם צווייטען:

— איך האָב דיך שוין לאַנג ניט געזעהן. איך דאַרף דיר זאָגען, אַז דו זעהסט־אויס, קיין עין־הרע, זעהר פיין. וואָס האָט אויף דיר היינטיגען זומער אַזוי גוט געווירקט?

— אָנהויב זומער — ענטפערט יענער — האָב איך זיך געפיהלט גאָר נישט גוט, נאָר געראַטעוועט האָבען מיך דערנאָך די בעדער.

— וואָס, ביזט געוועזען אין די אויסלענדישע בעדער?

— ניט איך, נאָר מיין ווייב איז אָפּגעוועזען דאָרטען גאַנצע פיר חדשים.

469. הבדלה.

ביי איינעם איז דאָס ווייב אויף אַכט טעג אַוועקגעפאָהרען פון דער היים. ווען זי איז דערנאָך געקומען צוריק אַ היים, נעמט דער מאַן נאָך מעריב מאַכען "הבדלה".

— וואָס איז דאָס פלוצים פאַר אַ הבדלה אין מיטען מיטוואָך? — פרעגט דאָס ווייב פערוואונדערט.

— דו פערשטעהסט, מיין ווייב — ענטפערט ער — אַכט טעג כסדר איז ביי מיר געוועזען יום־טוב, און איצט איז אויס. נו, און מוצאי־יום־טוב קומט דאָך על־פּי־דין צו מאַכען "הבדלה".

470. צוואַנציג יאָר לעבען.

אין אַ שטעדטעל איז דער רב געוואָרען מסוכן קראַנק און געהאַלטען ביי'ם שטאַרבען. די דאָקטוירים האָבען אים אַלע שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבען, נאָר אַזוי ווי די גאַנצע שטאָדט האָבען שטאַרק געהאַלטען פון'ם רב און ער איז ביי אַלעמען געוועזען זעהר טייער, איז געבליבען צו בענוצען די אַלטע סגולה: יעדער זאָל שענקען דעם חולה אַ חלק פון זיין לעבען. און אַזוי האָט מען געטון: איינער האָט אַוועקגעשענקט אַ האַלבען טאָג, דער אַנדערער אַ גאַנצען טאָג. עס האָבען זיך אויך געפונען ניט ווייניג אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז זיי שענקען־אַוועק דעם רב אַ גאַנצע וואָך לעבען. פלוצים לויפט־אַריין אַ יונגערמאַנטשיק, איינער פון שניידערשען צעך, און רופט־אויס אויף אַ קול, אַז ער אַליין שענקט־אַוועק דעם רב צוואַנציג יאָר לעבען.

דער גאַנצער עולם איז געוואָרען שטאַרק איבערראַשט, און איינער פון דער זייט גיט אים אַ זאָג שטילערהייד:

— משוגע׳נער יונג! ווי נעמט עס אַ מענש און גיט־אַוועק מיט אַמאָל אַזוי פיל יאָר לעבען?

— חכם איינער! — ענטפערט אים אָפּ דאָס שניידערעל — פון מיינע יאָרען, מיינט איר, האָב איך אַוועקגעגעבען? איך האָב עס געמיינט פון אירע יאָרען, פון דער שענער צרה מיינער; זיי שענק איך עס אַוועק מיט׳ן גאַנצען האַרצען. עס וועט, ח׳לעבען, גאָר אַ קליינער אומגליק זיין אין באָד, אַז די קליפה מיינע וועט לעבען ווייניגער מיט אַ צוואַנציג יאָר.

471. הערשעל אָסטראָפּאָלער׳ס ווייב.

הערשעל אָסטראָפּאָלער, ווען ער איז געווען שטאַרק געענגט אין געלד (און דאָס פלעגט זיך ביי אים טרעפען גאַנץ אָפט), פלעגט ער אויס־טראַכטען אַלע מאָל אַן אַנדער המצאה׳לע אויף צו קריגען די נויטיגע פּאָר גילדען. איינמאָל אין אַזאַ פאַל איז ער זיך מישב און קומט צו דער חברה־קדישא מיט אַ וועה־געשריי: דאָס ווייב זיינס איז פלוצים געשטאָר־בען, און דאָ האָט ער נאָך דערצו קיין פרוטה ניט אויף די נויטיגע הוצאות צו דער קבורה. דער גבאי פון דער חברה קדישא האָט אים באַלד גע־געבען דערויף עטליכע רובל. אין עטליכע שעה אַרום קומען די חברה־קדישא־לייט אין הויז פון הערשעל אָסטראָפּאָלער, לאָזט זיך אויס אַז ס׳איז דאָרטען גאָר ניטאָ קיין שום מת און דאָס ווייב הערשעל׳ס שטעהט ביים אויוועו און קאָכט מיטאָג.

— סטייטש, הערשעל — פאַלען זיי אָן אויף אים מיט אַ געשריי? ווי קומט עס צו אייך אַזוי מיאוס אונז אָפּנאַרען?

— שאַט, שאַט! מאַכט הערשעל — וואָס איז דאָס געשריי? איר האָט אפשר מורא, זי וועט זיך פון אייערע הענד אויסדרעהען? גלויבט מיר, פריהער אָדער שפּעטער, אָבער, סוף־כל־סוף וועט זי זיין אייערע...

472. אַ שענערע סחורה.

יאָסעל גאָלדעס, דער וויטעבסקער בעל־תפילה, אַ געוויסער לץ, איז געווען זעהר קראַנק און ער האָט געפיהלט, אַז דער מלאך־המות שטעהט אים שוין צוקאָפּענס, האָט ער צוגערופען דאָס ווייב זיינס און זאָגט איר אַזוי:

— הערסטו, מיין ווייב, איך האָב צו דיר אַ בקשה, און אַזוי ווי דאָס איז מיין לעצטע בקשה טאָרסטו מיר ניט אָפּזאָגען: איך פערלאַנג פון דיר,

זאלסט זיך אנטון און זיך אויספוצען און דערנאך קומען אהער.

דאס ווייב קוקט אים אן און טראכט ביי זיך: ניט אנדערש, ער רעדט פון היץ, אדער ער איז גאר אראפ פון זינען. דאך האט זי ניט געוואלט דעם קראנקען מצער זיין און געטון זיין ווילען. ווען זי איז דערנאך צוריקגעקומען א אויסגעפוצטע, האט ער זיך ווי אויפגעהויבען אביסעל און זיך אנגערופען:

— מלאך־המות, טו נור א קוק מיט דיינע טויזענד אויגען און זאג דו אליין, איז זי דען ניט פאר דיר א שענערע סחורה איידער איך?

473. אויב איינער שטארבט.

אן אלט פאר־פאלק, נאכדעם וואס זיי האבען אויסגעגעבען די יונגסטע טאכטער זייערע, זיצען זיי פארנאכט־צייט און שמועסען צווישען זיך ווי איינצוארדנען דאס לעבען איצט אויף דער עלטער, ווען זיי זענען געבליבען איינע אליין „א זיידע מיט א באבע".

— הערסטו, מיין ווייב, וואס איך וועל דיר זאגען — מאכט דער אלטער — אין אונזערע יארען דארף מען געדענקען דעם סוף פון א מענשען און מע טאר ניט פערגעסען אינ'ם טויט... אויב איינער פון אונז ביידע שטארבט חלילה, נעם איך תיכף און פאהר אוועק קיין ארץ־ישראל.

474. אויב ניט איצט — ווען דען.

א גרייז־גראהער יוד קומט צום רב: ער וויל זיך גט'ען מיט'ן ווייב. דער רב קוקט אים אן פערוואונדערט און פרעגט אים:

— זאגט, וויפיל יאר איז שוין ביי אייך נאך דער חתונה?

— העכער פופציג — ענטפערט דער אלטער.

— קינדער האט איר?

— פיר זיהן און דריי טעכטער.

— וואו זענען די קינדער אייערע?

— אלע, ברוך השם, שוין אויסגעגעבען.

— ווי קומט עס עפיס וואס איצט, אויף דער עלטער, ווילט איר זיך פלוצים גט'ען מיט'ן ווייב?

— וואס הייסט פלוצים? ס'איז גאר ניט פלוצים. הערט מיך אויס, רבי, וועט אייך די זאך גאר נישט זיין קשה. ביז דער חתונה האב איך, ווי דער שטייגער, די כלה מיינע ניט געקענט און כמעט ניט געזעהן אפילו. באלד נאך דער חתונה האב איך זיך אומגעקוקט און דערזעהן און נאהענט דערקענט וואס פאר א מין סחורה איך האב געקריגען, און גאר

גיך טאַקי חשק בעקומען זיך פון איר צו בעפרייען, הויבט זיך אָן אַ מעשה: אַ מעוברת'ע פרוי, טענה'ט דער טאַטע, עליו השלום, אַז קיין מעוברת'ע גט מען ניט. ס'איז אַ בזיון פאַר לייטען, און ער איז גערעכט. נאָכ'ן גע־ווינען דאָס קינד איז זי דאָך אַ זויגערין — ווידער אַ טענה, אַז קיין זויגערין גט מען ניט. און אַזוי איז געוועזן כסדר: אָדער געטראָגען, אָדער געזויגען ביז גאָט האָט געהאָלפען, זי האָט אויפגעהערט צו קינדלען. איז אָבער אַלץ ניט אויסגעקומען גלאַט: קינדער אין שטוב, ווי נעמט מען צו ביי קינדער די מוטער זייערע? איצט, רבי, האָב איך שוין אויסגעגעבען די לעצטע טאָכטער, זאָל לעבען, און אין דער היים איז ניט פערבליבען, דאַנקען גאָט, ניט קיין זוהן און ניט קיין טאָכטער. היינט זאָגט שוין איר אַליין: אויב ניט איצט — ווען דען?

475. זי שטייט אויף.

ביי איינעם איז שטאַרק קראַנק געוואָרען דאָס ווייב און ער האָט געמיינט, אַז זי געהט פון דער וועלט. האָט ער ביי זיך אין קאָפּ געמאַכט פּלאַנען, וואָס ער וועט טון אַז זי וועט שטאַרבען, ווי ער וועט נעמען אַ צווייטע פרוי און דוקא מיט היבש נדן־געלד. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז די קראַנקע איז געזונד געוואָרען און אויפגעשטאַנען פון'ם בעט. קומט צו אים אַ גוטער ברודער, פאַר וועלכען ער האָט קיין סודות ניט געהאַט, זאָגט אים יענער מיט אַ שמייכעל:

— איצט פערשטעה איך גוט דעם פּשט פון'ם פּסוק אין תהלים: „רבות מחשבות בלב איש" — פיל מחשבות מיט פּלאַנען האָט דער מענש „ועצת ה'" — וואָס איז זיך גאָט מישב, „היא תקום" — ער מאַכט, אַז זי שטעהט־אויף פון קראַנקען בעט, און אַלע מחשבות מיט די פּלאַנען ווערען צו נישט.

476. אַ מיאוסע משפּחה.

שייקע פייפער, נאָכ'ן טויט פון זיין ערשטער פרוי, האָט ער חתונה געהאַט פאַר אירע אַ שוועסטער, און נאָכדעם וואָס די איז אויך געשטאָרבען האָט ער גענומען אַ דריטע שוועסטער.

— וואָס איז אייך — פרעגט מען אים — עפּיס געפעלען געוואָרען צו נעמען אַ ווייב אַלץ פון די דאָזיגע שוועסטער?

— נמאס און מאוס — האָט ער געענטפערט — איז מיר געוואָרען אָט די דאָזיגע משפּחה, וויל איך אַז זי זאָל אויף אַזאַ אופן ווערען פערשוואונדען פון דער וועלט.

477. אַ רייכע אַלמנה.

צוויי שמועסען צווישען זיך. פרעגט איינער:

— גיב מיר צו פערשטעהן אַט וואָס: מילא אַז אַ יונג מיידעל נעמט אַן אַלטען רב, לעגט עס זיך נאָך אויפ'ן שכל: ער איז אַ רב, וועט זי דאָך זיין אַ רביצין; נעמט זי אַן אַלטען דאָקטער — האָט זי חשק צו ווערען אַ דאָקטערשע, אָבער וואָס, אַ שטייגער, קען אויסען זיין אַ יונג מיידעל, וואָס האָט חתונה ניט פאַר קיין רב און ניט פאַר קיין דאָקטער, נאָר גלאַט אַזוי פאַר אַן אַלטען מאַן אַ רייכען אַלמן?

— וואָס פערשטעהסטו דאָ נישט? — ענטפערט דער צווייטער — טאַקי אויך די אייגענע מעשה: זי איז דערמיט אויסען צו ווערען אַ רייכע אַלמנה.

478. אויף קעסט.

אַן אָרימע אַלמנה איז אַוועק ווינטער אויפ'ן הייליגען אָרט אויסצו-גיסען אויפ'ן מאַנ'ס קבר איר שווער, צעבראָכען האַרץ. דער שניי איז אָבער דאָרטען געווען זעהר גרויס און מיט אירע צעריסענע שיך האָט זי ניט געקענט צוקומען צום מאַנ'ס קבר. גיט זי דעם קברות-יוד עטליכע קאָפּיקעס, ער זאָל צוגעהן אַהין אין איר נאָמען, און איבערגעבען דעם געשטאָרבענעם מאַן אירען, אַז ס'איז איר זעהר ביטער און פינסטער און זי פּלאָגט זיך שרעקליך, און דאָ זיצען נאָך אויף איר קאָפּ די אויסגעגעבענע טאָכטער מיט'ן איידעם, און אין דער צייט וואָס זי האָט אַליין ניט וואָס צו עסען דאַרף זי נאָך זיי געבען קעסט.

דער קברות-יוד איז אַוועקגעגאַנגען און אין אַ פּאָר מינוט קומט ער צוריק. פרעגט זי אים, צי ער איז שוין געווען אויפ'ן מאַנ'ס קבר און צי האָט ער אים איבערגעגעבען אַלץ וואָס זי האָט געבעטען.

— געווען און איבערגעגעבען אַלץ, ניט פערפעהלט קיין איין וואָרט — ענטפערט דער קברות-יוד.

— גאָט זאָל אייך דערלענגערען די יאָרן, ווי מיינט איר, מיין ליבער יוד, האָט ער אייך גוט פערשטאַנען?

— אַ שאלה אַ ביסעל! איך האָב אַפילו געהערט פון קבר אַרויס אַן ענטפער אויך.

— אַן ענטפער? אוי געזונד זאָלט איר זיין! זאָגט גיכער, וואָס פאַר אַן ענטפער?

— אַ געבעט צו אייך, איר זאָלט אויסהאַלטען די קינדער ביז נאָך פּסח, דערנאָך וועט ער זיי נעמען צו זיך אויף קעסט.

479· דריי ווייבער·

צוויי געהען שפאַצירען אָנהויב זומער· דערווייל הויבט־אָן צו געהן אַהיבשער זומערדיגער רעגען· רופט זיך אָן איינער צום צווייטען:

— וואָס זאָגסטו אויף דעם טייערען גאָלדענעם רעגען? ווער קען אָפּשאַצען זיין ווערט? ס׳איז אַן אמת׳ע ברכה פון גאָט· באַלד נאָך דעם רעגען וועט אַלעס אַרויס פריש און לעבעדיג פון דער ערד·

— וואָס רעדסטו? — שרייט־אויס דער צווייטער ווי איבערגעשראָקען

— לאָז גאָט אָפּהיטען דערפון: אַקלייניגקייט· איך האָב דאָרט· אין דער ערד· דריי ווייבער!

שווער און שוויגער.

480. דערלעבען אַ צווייטע „בר־מצוה"׳.

איינער אַן אַלטער מאַן פלעגט מאַכען אַלע יאָר אין זיין געבורטס־טאָג אַ גרויסע סעודה פאַר זיינע קרובים און גוטע פריינד׳ און ווען מע האָט אים אַ פרעג געטון וויפיל יאָר ער איז געוואָרען׳ פלעגט ער יעדעס מאָל זאָגען מיט אַ יאָר ווייניגער׳ אַזוי אַז עס פלעגט אויסקומען׳ אַז יעדעס יאָר ווערט ער ניט עלטער׳ נאָר פערקעהרט גאָר יונגער אויף אַ יאָר׳.

איינמאָל אויף אַזאַ סעודה נעמט דער איידעם דעם כוס אין דער האַנד׳ שטעלט זיך אויף און זאָגט דעם שווער אַזאַ ברכה:

— מיט וואָס׳ שווער׳ זאָל איך אייך בענשען? איך ווינש אייך׳ אַז מיר זאָלען זוכה זיין אַלע אינאיינעם מיט אייך צו דערלעבען זיך משמח צו זיין אויפ׳ן יום־טוב פון אייער „בר־מצוה"׳.

481. דערלאָזט ניט צו עסען.

אַ שווער האָט צוגעזאָגט דעם איידעם׳ וואָס איז געווען צו דער חתונה נאָך גאָר אַ יונגער בחור׳ אַז ער וועט אים האַלטען ביי זיך אויף קעסט ביז עס וועט אים אָנהויבען צו וואַקסען אַ בערדעל׳ וואָס־זשע האָט געטון דער איידעם? ווען עס האָט אָנגעהויבען ביי אים שפּראָצען דאָס בערדעל׳ פלעגט ער עס אָפּגאָלען׳ קיין סימן זאָל ניט בלייבען׳

איינמאָל קומט־אָן דער שווער אומגעריכט און טרעפט דעם איידעם בשעת־מעשה ווי ער זיצט און גאָלט זיך דאָס בערדעל׳ מאַכט ער אַ גוואַלד:

— וואָס טוסטו׳ דו הולטיי איינער! באַלד מוזטו מיט מיר געהן צום רבי׳

געֶקומעֶן צום רבי, הויבט עֶר אָן דעֶם מוסר׳עֶן דעֶם איידעֶם: סטייטש, ווי פאַלט עֶר אויס צו טון אַזאַ גרויסעֶ עבירה ווי גאָלעֶן זיך די באָרד? עֶנט־פעֶרט דעֶרויף דעֶר איידעֶם:

— איך וועֶל אייך דעֶרווייזעֶן, רבי, אַז געֶטון האָב איך עֶס על־פּי־דין. מיר ווייסעֶן, אַז וואָנצעֶס, וואָס דעֶרלאָזעֶן ניט צו עֶסעֶן, מעֶג מעֶן אָפּשעֶרעֶן אָדעֶר אָפּגאָלעֶן. הײַנט וויבאַלד דעֶר שוועֶר מײַנעֶר האָט מיט מיר בפירוש אויסגעֶנומעֶן אַ תנאי, אַז עֶר גיט מיר ביי זיך קעֶסט עֶסעֶן נור ביז עֶס וועֶט מיר אָנהויבעֶן צו וואַקסעֶן אַ בעֶרדעֶל, קומט דאָך אויס אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס בעֶרדעֶל מיינס דעֶרלאָזט מיר ניט צו עֶסעֶן נאָך עֶרגעֶר ווי די וואָנצעֶס, — פאַר וואָס־זשעֶ, פרעֶג איך אייך, זאָל איך עֶס ניט טאָרעֶן אָפּגאָלעֶן?

482. עֶר קעֶן נישט!

אַ שוועֶר האָט זיך געֶקלאָגט פאַר זיינעֶם אַ גוטעֶן פריינד אויפ׳ן איידעֶם, אַז עֶר קעֶן ניט טרינקעֶן און קעֶן ניט שפּילעֶן אין קאָרטעֶן.

— איך פעֶרשטעֶה נישט — זאָגט יעֶנעֶר — וואָס פאַר אַן אומגליק עֶס שטעֶקט אין דעֶם. פעֶרקעֶהרט, דאַכט זיך, איר וואָלט בעֶדאַרפט זיין דעֶר־פון שטאַרק צופרידעֶן וואָס עֶר קעֶן נישט אַזעֶלכעֶ זאַכעֶן.

— דעֶר אומגליק איז — עֶנטפעֶרט דעֶר שוועֶר פעֶרביטעֶרט — וואָס עֶר קעֶן ניט טרינקעֶן און טרינקט, עֶר קעֶן אין קאָרטעֶן ניט שפּילעֶן און שפּילט.

483. קליגעֶר געֶוועֶן.

איינעֶר האָט חתונה געֶמאַכט זיין טאָכטעֶר פאַר אַן אַלמן, און פון דעֶר עֶרשטעֶר שעה אָן איז צווישעֶן שוועֶר און איידעֶם ניט געֶוועֶן קיין שלום. איינמאָל טוט דעֶר שוועֶר אַ פרעֶג דעֶם איידעֶם זיינעֶם:

— זאָג מיר נור, פיינעֶר בחור, האָסט דאָך שוין געֶהאַט אַמאָל אַ שוועֶר, פלעֶגסטו מיט יעֶנעֶם שוועֶר אויך פיהרעֶן, אַזוי ווי מיט מיר, אַ שטעֶנדיגעֶ מלחמה?

— ניין — עֶנטפעֶרט דעֶר איידעֶם — יעֶנעֶר שוועֶר האָט מיר ניט אָנגעֶהויבעֶן צו זיין שוועֶר, ווייסט איר פאַר וואָס? ווייל עֶר איז מיט איין זאַך געֶוועֶן קליגעֶר פון אייך.

— מיט וואָס, אַ שטייגעֶר?

— מיט דעֶם, וואָס עֶר האָט געֶנומעֶן פריהעֶר, נאָך איידעֶר איך בין געֶוואָרעֶן זיין איידעֶם, און האָט זיך איבעֶרגעֶפּעֶקעֶלט אין אַ בעֶסעֶרעֶ וועֶלט.

484· „תזל כטל אמרתי״·

אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַט זיין אייגענס זעהר אַ ביטערע שוויגער, האָט געטייטשט דעם פסוק „תזל כטל אמרתי״: „געשוואָלען זאָל ווערען ווי אַ באַרג מיין שוויגער״, און אויסגעדרונגען האָט ער עס אַזוי:

— „תזל״ איז געוויס די טייטש „געשוואָלען זאָל ווערען״, וואָרום וואָס דען זאָל מיין שוויגער, ניט געשוואָלען ווערען? „כטל״ — פערשטעהט זיך, ניט ווי אַ באַר, דאַרף זי געשוואָלען ווערען, נאָר „ווי אַ באַרג״; הייסט „אמרתי״ — מוז שוין זיין „מיין שוויגער״, וואָרום ווער דען, פרעג איך אייך, זאָל געשוואָלען ווערען ווי אַ באַרג, אויב ניט מיין זיסהאַרציגע שוויגער?

485· דרייגאָרענדיגע שנאה·

— דריי זאַכען — האָט איינער געזאָגט — האָב איך פיינט און קען זיי ניט אָנקוקען: אַ שווער, אַ שטריימעל און לאָקשען, הייסט שטעלט זיך פאָר, ווי פיינט איך האָב מיין שווער בשעת ער געהט אָנגעטון אין שטריימעל און עסט דערצו לאָקשען!

ימים־טובים.

486. דריי נסים.

דריי נסים זענען פאראן ראש־השנה בשעת שופר בלאזען: איין נס האט גאט, דעם צווייטען—די יודען, און דעם דריטען—דער שטן.

גאט האט א נס, וואס אברהם אבינו האט נור געטראכט צו שחט'ען, אבער ער האט ניט געשחט'ען יצחק'ן. אויב איצט, ווען ער האט נור גע־וואלט אים קוילען, לעגען יודען איין די וועלט און הערען ניט אויף צו דערמאהנען פאר גאט די מעשה פון יצחק'ס עקידה, היינט ווי וואלטען זיי זיך געבלאזען אויף גאט און ווי שווער וואלט אים געוועזן פאר זיי זיך אויסצוצאהלען ווען, די שעה זאל ניט זיין, אברהם וואלט דעם זוהן זיינעם געקוילעט ניט אויף צו כלומר'שטען נאר אויף א רעכטען אמת.

יודען האבען א נס, וואס מע האט זיי געהייסען זאגען זיבען מאל דאס קליינע קאפיטעל תילים און ניט דאס גרעסטע „אשרי תמימי דרך".

דער שטן האט א נס, וואס מע בלאזט שופר פון דער שמאלער זייט אין דער ברייטער, האט ער דאס מעגליכקייט זיך ארויסהאפען און מאכען א פליטה; ווען אבער מע זאל בלאזען פערקעהרט, פון דער ברייטער זייט אין דער שמאלער, וואלט ער גאר אינגאנצען געווארען דערשטיקט.

487. גאר הוילע וואסער.

אין א שטעדטעל האבען זיך מוצאי־שבת־בראשית צונויפגעקליבען אין דעם שניידערשען שוהלכעל אלע שניידערס פונ'ם שטעדטעל אויף א גרויסע אסיפה, צו בעטראכטען א וויכטיגע זאך: ווי אויסצוזוכען רעכטע מיטלען, אז אויף איבער א יאר שמחת־תורה זאל זיך ניט איבערחזר'ען,

חלילה, אַזאַ מיאוסע מעשה ווי היינטיגס יאָר, וואָס האָט אויסגעפּעהלט משקה, און מע זאָל קענען זיין בעוואָרענט אין צווייען, אי דער יי״ש זאָל זיין אַ גוטער און אי מע זאָל האָבען צו טרינקען וויפיל דאָס האַרץ גלוסט. עצות פערשידענע, אַזוינע און אַזעלכע, האָבען זיך געלאָזט הערען פון אַלע זייטען, נאָר קיין איינע פון זיי איז ניט געווען דעם עולם צום האַרצען, ביז אַ יונג שניידערעל איז אַרויף האַסטיג אויף דער בימה, האָט אַ גוטען פּאַטש געטון מיט דער האַנד אויפן באַלעמער און אַזוי געזאָגט:

— הערט מיך אויס, רבותי, איך האָב געפונען אַ גוטע עצה, לאָז מען אַנידערשטעלען ביי אונז אין שוהל אַ לעדיגע פאַס, און יעדער פון אונז זאָל אָפּשפּאָרען אַלע וואָך פונ׳ם קידוש איין גלעזעל בראַנפען און יעדען ערב־שבת נעמען דאָס גלעזעל און אַריינגיסען עס אין פאַס און אַזוי זאָל מען טון אַלע וואָך אין אַ משך פונ׳ם גאַנצען יאָר, דעמאָלט וועלען מיר האָבען, אַז עס וועט קומען שמחת־תורה, אַ פולע פאַס ווי אַ אויג און יי״ש וועט זיך ביי אונז גיסען ווי וואַסער.

די עצה איז זעהר געפעלען דעם גאַנצען עולם און חברה שניידערס האָבען אַלע ווי איין מענש בעשלאָסען אַזוי טון.

געקומען דער ערשטער ערב־שבת, האָט זיך יעדער פון זיי בעזונדער אַזוי בעטראַכט: אַזוי פיל מענשען, קיין עין־הרע, וועלען אַלע ברענגען צו גלעזלעך יי״ש, וואָס קען עס דאָ שאַדען, אויב איך איינער וועל אַריינגיסען אַ גלעזעל וואַסער? צווישען אַזוי פיל בראַנפען וועט מיין ביסעל וואַסער זיך גאָר ניט אָנזעהן״.

איבערגעגאַנגען דער ווינטער, אַוועק דער זומער, געקומען למז״ל דער ליבער יום־טוב סכות און צום סוף דער פרעהליכער שמחת־תורה. דער גאַנצער עולם פון דעם שניידערשען שוהלכעל קלויבט זיך צונויף מיט שיינענדיגע שמחת־תורה׳דיגע פּנים׳ער אַרום דער פאַס, זי איז פול מיט׳ן אויג, אַלע האָבען געהאַלטען וואָרט, מע נעמט שעפּען מיט גלעזלעך, אַ זאָג "לחיים" און אַ גאָס אין מויל — לאָזט זיך אויס, אַז ס׳איז אינגאַנצען גאָר הוילע וואַסער.

488. דעם ליטווישען מגיד׳ס מבינות.

צוויי בעקאַנטע שניידערס זענען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען פון שוהל נאָך דער דרשה פונ׳ם ליטווישען מגיד אויף דער מגילה, רופט זיך איינער צום אַנדערען:

— גיב מיר צו פערשטעהן, גוטער ברודער, אָט־וואָס: האָסט געהערט ווי דער ליטווישער מגיד האָט אויסגעבראַכט פון דער גמרא דאָרט,

אַז אסתּר המלכּה איז געווען גאָר אַ געלע און אַ גרינגע, פרעג איך דיך: שוין־זשע, זאָג מיר, איז אחשורוש געווען באמת אַזאַ גרויסער טפּש, אַז פון אַלע זיינע מדינות, וויפיל זיי זענען געווען, דאַכט זיך גאַנצע הונדערט זיבען און צוואַנציג, האָט ער מער ניט געפונען ווי אויסצוקלויבען פאַר זיך נור גראָד אַזאַ „יפהפיה"?

— בהמה איינע! — ענטפערט דער צווייטער — ווי מיינסטו, אַ שטייגער, דער מלך אחשורוש האָט טאַקי בעדאַרפט זיצען אַן אַלמן און אַרויסקוקען ביז וואַנען דער ליטווישער מגיד וועט קומען אים זאָגען זיינע מבינות?

489· אַ קלאַפּ פּערגעהט·

איינמאָל אים פּורים, בשעת לייענען די מגילה, ווען דער עולם האָט בעגלייט המנ׳ס נאָמען, ווי דער שטייגער, מיט אַ גראַגערײ און קלאַפּערײ, האָט איינער אַ שניידער פון די אַלטע ניקאָלאַי׳ס סאָלדאַטען גענומען און געמאַכט המנ׳ען אויף אַ קול דעם גרויסען כּפול־שמונה׳דיגען יונ׳ישען „מי־שברך", און אַז מע האָט אָנגעהויבען שרייען: „שאַ! אַזאַ חוצפּה, אין אַ שוהל!" האָט ער דערויף געענטפערט:

— וואָס טויג מיר מעשׂות? איך ווייס זיך מיינס: אַ קלאַפּ פּערגעהט און אַ וואָרט בעשטעהט!

490· אויסגעהערט דעם אַנדערען צד·

איינמאָל אים אסתּר־תּענית האָט מען געחאַפּט „שמעיה גוט־יום־טוב־ביטער" ווי ער זיצט און עסט, פרעגט מען אים: ווי קומט עס ער זאָל אַזאַ זאַך טון און ניט פאַסטען?

— איך פאַסט ניט אסתּר־תּענית — האָט ער געענטפערט — ווייל ביי מיר קומט־אויס פּונקט פּערקעהרט, אומגערעכט אין דער גאַנצער מעשׂה איז געווען מרדכי, און המן איז גאָר דער גערעכטער.

אויף מאָרגען זעהט מען ווי ער איז זיך שטאַרק משׂמח, טאַקי גאָר אויפ׳ן פּורים׳דיגען שטייגער, פרעגט מען אים:

— ר׳ שמעיה, וויבאַלד נאָך אייך קומט־אויס, אַז המן איז גאָר גע־רעכט, דאַרף דאָך ביי אייך ניט זיין פּורים קיין יום־טוב?

— פּערשטעהט איר מיך — ענטפערט ער — קיין איין צד טאָר מען קיינמאָל ניט אויסהערען. נעכטען האָט זיך מיר געהאַט אויסגעוויזען, אַז המן איז גערעכט; נאָכדעם אָבער וואָס מע האָט געלייענט די מגילה איינ־מאָל און דאָס צווייטע מאָל און איך האָב גוט אויסגעהערט דעם אַנדערען צד, זעה איך, אַז דער גערעכטער איז טאַקי פּאָרט מרדכי.

491. פורים׳דיגער ראש־ישיבה.

אין וואָלאָזשינער ישיבה איז געווען אַ מנהג אויסצוקלויבען אַלע פורים פון די ישיבה־בחורים אַ געמאַכטען ראש־ישיבה, וואָס איז געזעסען דעם פורים׳דיגען טאָג אויפ׳ן שטוהל פון ראש־ישיבה און זיך געפיהרט ווי אַן אמת׳ער ראש. איינמאָל אין אַ פורים־טאָג האָט דער פורים׳דיגער ראש־ישיבה געחאַפּט אַ איבעריגען כוס און בעליידיגט דעם אמת׳ען ראש־ישיבה גאָר אויף אַ גראָבען אופן. אויף מאָרגען איז דער דאָזיגער ישיבה־בחור געקומען איבערבעטען דעם ראש־ישיבה און זיך פערענטפערט, אַז ער איז געווען נעכטען אַביסעל מבוסם און האָט ניט געוואוסט וואָס ער רעדט.

— אָט דערפאַר טאַקי — זאָגט אים דער ראש־ישיבה — בין איך דיר מוחל, אמת, בעדאַרפט וואָלט איך אייגענטליך זיך בעליידיגען, ווייל די וועלט זאָגט, אַז „וואָס ביי אַ ניכטערען אויף דער לונג איז ביי אַ שכור׳ען אויף דער צונג״. די מעשה איז אָבער וואָס ניט תמיד איז עס אַזוי. און דערמיט איז מיר פערענטפערט אַ זאַך, וואָס איז מיר שטענדיג געווען קשה: צוליב וואָס דאַרף מען ביי אַ בהמה בודק זיין די ריאה (לונג) נאָך דער שחיטה, און אַז עס מאַכט זיך, זי ווערט טריף — ברענגט עס צו אַ גרויסען היזק, בעסער וואָלט מען געקענט די בהמה פאַר דער שחיטה אָנשכור׳ען און דעמאָלט שוין בעטראַכטען די צונג און דאָרט אַרויסזעהן וואָס אויף דער לונג? דער תירוץ איז, אַז ביי אַ בהמה איז עס גאָרנישט קיין סימן.

492. אַ הצלחה פון עשו׳ן.

אין אַ שענעם פאַר־פסח׳דיגען טאָג געהט אַ פרומע אַלטע יודענע פון בית־המדרש מיט׳ן „קרבן־מנחה״ אין דער האַנד און שלאָגט זיך אָן אין אַ גוי׳אישע לויה. שאָקעלט זי מיט׳ן קאָפּ און מאַכט מיט פערדראָס:

— אָט דאָס הייסט אַ הצלחה פון עשו׳ן! אַ קלייניגקייט, שטאַרבען אין חודש ניסן! וואָס וואָלט עס, אַ שטייגער געהאַרט דעם רבונו־של־עולם, ווען אויף דעם אָרט פון אַ עשו שטאַרבט בעסער אַן אָרימער יוד?

493. אַ נייער פירוש אויף דער הגדה.

אַן אָרימער מחבר איז געקומען פאַר פסח צו אַ גביר מיט אַ נייעם פירוש אויף דער הגדה, פרעגט אים דער גביר האַלב מיט אַ שמייכעל און האַלב מיט כעס:

— קאַרג האָבען מיר שוין, ברוך־השם, פירושים אויף דער הגדה? וואָס טויג נאָך אַ נייער פירוש?

— עס טויג אוודאי — ענטפערט דער מחבר — ווייל פון יענע אַלע פירושים· פערשטעהט איר· קען איך קיין פסח ניט מאַכען·

·494 שוואַכע קעפּ·

איינער האָט זיך אַריינגעהאַפּט ערב פסח גאַנץ פריה אין שענק· געמאַכט די שענע כוסה און איבערגעלאָזט דאָרט פאַר אַ משכון די גרויסע און שענע הגדה זיינע· פרעגט מען ביי אים דערנאָך: ווי אַזוי נעמט עס אַ יוד און לאָזט ערב־פּסח זיין הגדה אין שענק? ענטפערט ער דערויף:

— די מעשה· פערשטעהט איר· איז געווען אַזוי: איך האָב אַרויסגענומען פון שאַפע די הגדה· ווי דער שטייגער· אויסצולופטערען זי און צוגרייטען צום סדר· דערווייל דערזעה איך דאָרט· אין דער הגדה הייסט עס· אַזעלכע געהויבענע לייט ווי ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע און די איבעריגע· היינט פרעג איך אייך· ווי רופט מען עס נישט אַזוינע טייערע געסט אין שענק מכבד צו זיין מיט אַביסעל יי״ש? האָבען מיר גענומען דעם גוטען שנאַפּס· איך האָב ליב אַזו וויבאַלד כבוד זאָל עס ניט זיין גענאַרט — נו וואָס טויג עס אייך? איך האָב אַ שטאַרקען קאָפּ· האָב איך דערנאָך זיך נאָך געקוקענט דערשלעפּען אַהיים· זיי אָבער האָבען שוואַכע קעפּ· נעביך· ניט געוואוינט· אַפּנים· צום טרונק· האָבען זיי געמוזט דאָרט טאַקי אין שענק פערבלייבען·

·495 פערקויפט צו אַ גוי·

ערב־פּסח זאָגט אַ מאַן צום ווייב:

— דאַנקען גאָט· שוין אויסגערוימט פון שטוב דעם גאַנצען חמץ· נאָר דו אײנע ביזט נאָך פערבליבען·

— מיך — זאָגט דאָס ווייב — האָט מיין פאָטער שוין לאַנג בעוואָרענט מיט דעם· וואָס ער האָט מיך געגומען און מיך פערקויפט צו אַ גוי·

·496 ווי אַזוי מען דאַרף דעם „סדר“ אָפּרעכטען·

אַ יונגער ישוב׳ניק האָט פערגעסען—דאָס יאָר איז גרויס — ווי אַזוי מע דאַרף דעם „סדר“ אָפּרעכטען· שיקט ער דאָס יונג ווייבעל זיינס פאַר׳ן זעצען זיך צום סדר· זי זאָל געהן קוקען צום שכן אונטער׳ן פענסטער און דערנאָך איבערגעבען אַלצדינג וואָס יענער טוט·

די ישוב׳ניצע געהט־צו נאָהענט צום שכנ׳ס פענסטער· בעטראַכט דאָרט דעם בעדעקטען טיש און וואָס אויף אים געפינט זיך· דערנאָך זעהט זי ווי דער שכן נעמט שלאָגען דאָס ווייב זיינס· וואָס צווישען

פּאָר־פּאָלק דאָרט איז פּאָרגעקומען פריהער ווייסט זי ניט. מיינט זי, אַז אַזוי טאַקי מוז מען אָנהויבען דעם סדר אָפּרעכטען. קערט זי זיך אום צוריק אין איין שרעק.

— נו, מיין ווייב, דערצעהל וואָס האָסטו דאָרט געזעהן? — זאָגט דער מאַן.

דאָס ווייב האָט מורא צו זאָגען וואָס זי האָט געזעהן, שווייגט זי.

— וואָס שטעהסטו עפּיס ווי אַ ליימענער גולם און שטומסט? — שרייט שוין דער מאַן אויף אַ קול.

דאָס ווייב שווייגט אַלץ.

דאָ ווערט שוין אונזער ישוב׳ניק רעכט אין כעס און שטעקט איר אָפּ אַ פּאָר היבשע פּעטש. רופט זיך אָן די ישוב׳ניצע מיט אַ געוויין:

— אַז דו ווייסט אַליין, וואָס־זשע דאַרפסטו נאָך פרעגען?

497. קורח אין דער הגדה.

ביי אַן אַרענדאַר האָט געפרעגט דאָס ווייב:

— ווי קומט קורח (כורך) אין דער הגדה?

— וואָס פערשטעהסטו דאָ ניט, מיין ווייב? — ענטפערט דער מאַן — ווייבאַלד קורח איז איינגעזונקען געוואָרען, איז ער געוויס פון פרעה׳ס לייט.

498. אַ בעל־דקדוק.

פּאַרוואָס, פרעגט זיך, איז דער בעל־הגדה אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרען אויף דעם רשע פון די אַרבעה בנים פאַר זיין שאלה „מה העבודה הזאת לכם?“ און דריננגט מיט אַ בעזער „לכם ולא לו“ — אייך, הייסט עס, ניט אים, און דערפאַר הייסט ער, מע זאָל זיך מיט אים אָפּרעכענען און זאָגט „הקהה את שניו“ — זעץ אים אויס די ציין זיינע? דאָס זעלבע קען מען דאָך אויסטייטשען דעם חכם׳ס ווערטער אויף „אשר צוה אלהינו אתכם“ — אייך און ניט אים!

דער תירוץ איז: אויפ׳ן חכם, דעם גמרא־לערנער, איז קיין קשיא נישט: ער קען, נעביך, ניט קיין דקדוק, ווייסט ער נישט קיין חילוק פון אַ וואָרט, ווי מע דאַרף עס זאָגען אַזוי צי אַזוי; אָבער דו רשע, אפּיקורוס איינער, ביזט דאָך יאָ אַ בעל־דקדוק און זאָגסט אַזוי, איז עס ניט אומזיסט און האָסט אוודאי דערביי אַ מיין!

499. דער רשע פון דער הגדה.

וואָס האָט דער רשע פון דער הגדה אַזוי שטאַרק חוטא געווען דער־

מיט וואָס ער פרעגט „מה העבודה הזאת לכם?״ — וואָס שטעקט דאָ אין דעם אַזאַ פערברעכען, אַז עס קומט דערפאַר אויסצוצען די ציין?

נאָר דער בעל־הגדה ווייסט וואָס ער זאָגט: דער רשע, דער שאַרלאַטאַן, אין וואָס פאַר אַ שטוב ער קומט, נעמט ער זיך דאָס ערשטע נאָכצופרעגען: „מה העבודה האת לכם״? און זיין מיין איז: וואָס איז ביי אייך פאַר אַ דינסט?

500. ביידע איידעם—שדים.

אַן אַרענדאַר אַ גראָבער יונג, וואָס איז געווען שטאַרק שטומפּיג אויף דער עברי, רופט זיך אָן ביים סדר צום ווייב:

— הערסטו, מיין ווייב, איך זאָג דיר, אַז דער וואָס האָט געמאַכט די הגדה איז געווען טאַקי אַ חכם אַ יוד. דו קלאָגסט זיך שטענדיג אויף אונזערע ביידע איידעמס, און אַזאַ יאָר זאָל איך האָבען ווי דו ביזט אַקעגען זיי גערעכט. אָט גיב אַ קוק, ווי אין דער הייליגער הגדה שטעהט טאַקי קלאָרע ווערטער: „ביידע איידעם שדים״ („בעדי עדיים—שדים״).

501. אַן עבור־יאָר.

אַ ישוב׳ניק האָט אַמאָל געזאָגט די הגדה מיט זיינעם אַ זוהן פון איין הגדה, וואָס ער האָט פאַר פסח אָפּגענומען פון׳ם איינבינדער. האָט זיך גראָד געמאַכט אַז אין דער הגדה איז געווען פערוועגדט אַ בלעטעל פון סליחות, און זיי זאָגען כסדר: „אלו עשר מכות שהביא הקדוש ברוך־הוא על המצרים במצרים ואלו הן: אשמנו, בגדנו, גזלנו און אַזוי וויטער.

— טאַטע — רופט זיך אָן דער זוהן — מיר דאַכט, אַז היינטיגס יאָר איז עפּיס מעהר מכות ווי אַלע יאָר.

— יאָ, זוהנעניו — ענטפערט דער פאָטער — דו ביזט גערעכט.

— פאַר וואָס־זשע, טאַטע, קומט היינט מעהר מכות?

— וואָס פערשטעהסטו דאָ ניט, נאַרוץ? היינטיגס יאָר האָבען מיר דאָך אַן עבור־יאָר.

502. מכות ניט רבנים.

אַ מאַן איז געזעסען ביי׳ם סדר מיט׳ן ווייב. בשעת ער האָט גענומען זאָגען מיט׳ן געוויסען ניגון: „מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע״ האָט דאָס ווייב גענומען אָפּגיסען צוביסלעך וויין פון איר כוס. זאָגט איר דער מאַן:

— ניין, מיין ווייב, דאָס איז ניט די צעהן מכות.

— וואָס דען איז עס?
— דאָס איז אַזעלכע רבנים.
דערנאָך, אַז ס'איז געקומען צו „דם, צפרדע" נעמט ער אָפּגיסען פון זיין כוס.
— דאָס איז שוין ניט קיין רבנים? — פרעגט דאָס ווייב.
— ניין, מיין ווייב — מאַכט ער — פריהער איז געווען אמת'ע רבנים, איצט איז שוין מכות ניט רבנים.

503. בנים איז אויך אַ גאַנץ גוטע מכה.

אַ ישוב'ניק האָט אַמאָל ביי'ם סדר געזאָגט אין דער הגדה: „דם, צפרדע, בנים..."
— כנים — פערריכטעט אים דער עלטערער זוהן.
— ניש־קשה, עס מאַכט ניט אויס — רופט זיך אָן דער מלמד וואָס איז געזעסען ביים טיש — בנים איז אויך אַ גאַנץ גוטע מכה.

504. גאָט איז גערעכט.

די מעשה פון „חד־גדיא" איז אַביסעל קשה'דיג: ווי עס דערצעהלט זיך דאָרטען קומט־אויס, אַז גאָט איז ווי אומגערעכט. נעמט כסדר: דער טאַטע האָט געקויפט אַ ציגעלע פאַר צוויי גילדען און די קאַץ איז געקומען און האָט עס אויפגעגעסען — געוועהנליך איז די קאַץ אַ שולדיגע; דערנאָך אַז עס קומט דער הונד און רעכענט זיך מיט דער קאַץ דער פרעסערין און דערלאַנגט איר אַ רעכטען ביס — איז דער הונד אונשולדיג; דער שטעקען, וואָס שלאָגט דעם אונשולדיגען הונד — איז ווידער שולדיג; דאָס פייער, וואָס פערברענט דעם שולדיגען שטעקען — אונשולדיג; דאָס וואַסער, וואָס פערלעשט דאָס אונשולדיגע פייער — שולדיג; דער אָקס וואָס טרינקט־אויס דאָס שולדיגע וואַסער — אונשולדיג; דער שוחט, וואָס קוילעט דעם אונשולדיגען אָקס — שולדיג; דער מלאך־המות וואָס קוילעט דעם שולדיגען שוחט — אונשולדיג. היינט נעמט צום סוף גאָט ברוך־הוא, און שחט דעם מלאך־המות, וואָס ער איז גאָר אונשולדיג — איז ער, חס וחלילה, אַ שולדיגער: ווי קען דאָס זיין, אַז דער אויבערשטער זאָל בלייבען דער אומגערעכטער?
דער תירוץ איז אָבער, אַז אין דעם וואָס די קאַץ איז אַ נאַשערין איז שולדיג אייגענטליך ניט אַזוי די קאַץ ווי די בעל־הבית'טע, וואָס האָט ניט גוט אַכטונג געגעבען אויף דער קאַץ. אויף אַזאַ אופן ווערט שוין דערנאָך דער הונד, וואָס האָט געביסען די קאַץ, אַ שולדיגער. און אַזוי

ווייטער כסדר ווערט אַלץ איבערגעביטען פערקעהרט· ביז עס קומט־אויס צום סוף· אַז גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט [1]·

505· אַ רגילות·

אַ יודענע האָט איינמאָל געזאָגט שבועות־צייט:

— וואָס אַ רגילות הייסט: אַלע שבועות בין איך געוואוינט צו טרינקען אַ גלאָז קאַווע· זאָלט איר זעהן אַז שטענדיג· ווען עס קומט שבועות· ציהט מיך שוין דאָס האַרץ צום גלעזעל קאַווע·

---

1) נאָך אַן אַנדער נוסח הויבט זיך אָן דער דאָזיגער וויץ מיט אַן אויסגעטראַכטען מדרש פליאה „אשת חיל ימצא״, הדא הוא דכתיב „צדיק ה׳ בכל דרכיו״, און עס ווערט ערקלערט דער מדרש דערמיט, אַז וויבאַלד קיין „אשת־חיל״ איז נישטאָ און די בעל־הבית׳טע איז אַ שלימזל׳ניצע דעריבער קומט־אויס אפילו אין דער דאָזיגע מעשה פון „חד־גדיא״ אַז גאָט איז אַ גערעכטער·

פערשידענעס.

506. „ספּוד" און „רקוד".

דער בערימטער פילאָזאָף ר' משה דעסויער (מענדעלסאָהן) האָט, ווי מע דערצעהלט, דערלעגט ניט וועניג געלד צום תנ"ך, וואָס ער האָט אַרויס־געגעבען; דערפאַר אָבער האָבען אים די דייטשע ווערק זיינע, פערקעהרט, איינגעבראַכט היבש פערדינסט. האָט ער איינמאָל געזאָגט אויף דעם אַזאַ וויץ:

— אין „קהלת" שטעהט "עת ספוד ועת רקוד" (אַ צייט צו קלאָגען און אַ צייט צו טאַנצען), "ספוד" — איז די זעלבע אותיות פון "דפוס" (אויף העברעאיש אַ דרוק), און "רקוד" — די זעלבע אותיות פון "דרוק".

507. אַ ברכה.

די ברכה, וואָס יצחק האָט געבענשט דעם זוהן זיינעם עשו'ן: ואת אחיך תעבד" (דעם ברודער דיינעם וועסטו דינען), האָט דער בערימטער שרייבער מענדעלי מוכר־ספרים וויציג ערקלערט אַזוי:

— די זאַך איז דאָך שטאַרק קשה: וואָס איז דאָס פאַר אַ משונה ברכה: בענשען איינעם, אַז ער וועט זיין אַ משרת ביי יענעם? נאָר ווי מיר זעהען אַרויס בעשיינפערליך אין די לעצטע צייטען, שטעקט אין דעם אַ גרויסע ברכה פאַר עשו'ן, וויל יעקב'ס אַ זוהן, וויבאַלד ער בעקומט געלד און ווערט אַ גרויסער באַנקיר צי אַ רייכער פאַבריקאַנט, וועט ער שוין אויף קיין פאַל, מעג ער זיין זיכער, ניט נעמען אַרבייטער און דינער פון זיינע אייגענע ברידער, פון יעקב'ס קינדער, נאָר דוקא פון עשו'ס...

508. פריהער געבונדען.

דער סלאָנימער רב ר׳ אייזעל חריף איז געווען בעוואוסט פאַר אַ גרויסען כעסן און אַ מענש מיט אַ האַרבען און שאַרפען כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אַמאָל זיינע שגיונות. איינמאָל זעהט ער ביי איינעם פון די סלאָנימער בעלי־בתים אַ חבור זיינעם צוזאַמען געבונדען מיט׳ן קאָוונער רב׳ס ר׳ יצחק־אלחנן׳ס, און זיין חבור איז געבונדען צולעצט. רופט ער זיך אָן:

— די וועלט, האַלט, דאַכט זיך, מיך פאַר אַ משוגע׳נעם, מעהר ווי ר׳ יצחק־אלחנן, צום סוף ווען עס קומט צום בינדען, נעמט מען און מען בינדט גאָר אים פריהער.

509. פריהער אויפגעשטאַנען.

ר׳ נחום הוראָדנער איז אַמאָל געקומען אין בית־המדרש ווינטער פאַר טאָג אין זעהר אַ שלעכטען וועטער.

— רבי — וואונדערט זיך דער שמש — אַזוי פריה און ביי אַזאַ אין־דרויסען!

— פריה זאָגסטו — ענטפערט ר׳ נחום — געהאַט האָב איך, אמת, אַ גרויסע מלחמה מיט יענעם חברה־מאַן, מיט׳ן יצר־הרע מיין איך. ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, מאַכט צו מיר דער יצר־הרע: „שלאָף נאָך אַביסעל, נחום, אין דרויסען איז אַזוי נאַס און קאַלט; זיי ניט קיין נאַר, נעם בעסער זיך גוט איינדעקען און שלאָף געשמאַק האַטש נאָך אַ פאָר שעה“. — „שייגעץ איינער — האָב איך אויף אים אָנגעשריגען — דו האָסט זיך יאָ געפעדערט אַזוי פריה אויפצושטעהן, און איך זאָל שלאָפען?!“ און באַלד האָב איך זיך געחאַפּט אָנטון און געקומען אַהער אין בית־המדרש.

510. ניט קיין היגער.

— אַ פרומער יודי, וואָס וויל מחדש זיין די לבנה, שטעהט אויפ׳ן גאַס און קוקט אויפ׳ן הימעל, נאָר די לבנה ווייזט זיך נישט.

— וואָס איז די מעשה — פרעגט ער אַ פאַרבייגעהענדיגען יודען — וואָס די לבנה איז נאָך ניטאָ?

— איך ווייס ניט — ענטפערט יענער — איך בין ניט קיין היגער.

511. איבער די כוחות.

אין אַ שטעדטעל האָט זיך געמאַכט, אַז עס האָט בעדאַרפט דורכ־

פאָהרען דער קיסר. פערשטעהט זיך, אַז מע האָט געמאַכט דעם גרויסען פאַראַד און אין שטעדטעל האָט זיך געקאָכט. צווישען דעם גרויסען עולם וואָס איז געשטאַנען אויף דער ברייטער גאַס, וואו דער קיסר האָט בעדאַרפט דורכפאָהרען, האָט זיך געפונען אויך אַ קראַנקע צעבראָכענע יודענע. געזעהן האָט מען אַז קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס, און אַז עס האָט זיך בעוויזען דעם קיסר׳ס קאַרעטע און דער עולם האָט גענומען שרייען „הורראַ!" — האָט זי אויך, הוסטענדיג און קאַכענדיג, געשריגען אויף אַ קול:

— הוראַ! הוראַ! אוי איז צו מיר, ער זאָל אַזוי כח האָבען, רבונו־של־עולם, צו לעבען ווי איך האָב כח צו שרייען... הו־ראַ! הו־ראַ!

512. איינער זאָל זאָרגען פאַר אַלעמען.

איינער האָט אַמאָל געזאָגט:

— וואָס טויג עס אַ גאַנצע וועלט מענשען זאָל זאָרגען? אַ מעהר איז גלייכער מע זאָל דינגען איין מענשען ער זאָל זאָרגען פאַר אַלעמען. אַי וואָס? ווּיבאַלד אַלע וועלען אים צאָהלען שכירות וועט ער דאָך גאָר־ניט האָבען וואָס צו זאָרגען? לאָז מען מאַכען, אַז די שכירות זיינע זאָל ער בעקומען פון מיין האַנד — וועט ער שוין, ניש־קשה, האָבען צו זאָרגען און צו זאָרגען.

513. אויסטרינקען אַ ים.

אויף דעם פסוק אין תילים „הים ראה וינוס" (דער ים האָט געזעהן איז ער אַנטלאָפען) זאָגט די גמרא: וואָס אַזוינס האָט ער דערזעהן? יוסף׳ס ארון האָט ער דערזעהן. פרעגט זיך, וואָס האָט דער ים־סוף אַזוי זיך איבערשראָקען פאַר יוסף׳ס ארון?

דער תירוץ איז: אַן ארון מיט אַ מת בעגלייטען געוועהנליך די חברה־קדישא־לייט, און יענע, ווי מע ווייסט, זענען אין אַלע צייטען זעלטענע טרינקערס און קענען אַריינגיסען אין זיך אַ גאַנצען ים, און אָט דערפאַר האָט דער ים אַזוי זיך דערשראָקען און פאַר גרויס שרעק געמאַכט אַ פליטה.

514. אמת און שקר.

איינער האָט בעגעגענט די חברה־קדישא־לייט געהען צוריק פון בית־עלמין שטאַרק פערטרונקען, קוים וואָס זיי פלאָנטען מיט די פיס, רופט ער זיך אָן:

— אַ חידוש אין דער וועלט! די דאָזיגע לייט קומען, דאַכט זיך,

פונ׳ם עולם האמת, צום סוף קענען זיי ניט שטעהן אויף די פיס ווי דער שקר·

515· גוטע שווימער·

אַ יוד, וואָס פלעגט אָפט זיין מבוסם׳דיג, פלעגט זאָגען, אַז ער טרינקט נור כּדי צו פערטרינקען די צרות זיינע· פרעגט מען אים:

— נאָכדעם וואָס איר דערטרינקט זיי שוין, פאַר וואָס טרינקט איר ווייטער?

— איר שפילט זיך מיט די צרות מיינע! — ענטפערט ער — ניש־קשה, איר מעגט זיך אויף זיי פערלאָזען, זיי קענען גוט שווימען· איך פערטרינק זיי — און זיי שווימען צוריק אַרויס···

516· ווען דו וועסט מיך אויפוועקען·

איינער אַ גרויסער טרינקער האָט איינמאָל פאַר׳ן שלאָף אַוועקגע־שטעלט נעבען זיין בעט אַ פלעשעל יי״ש און אָנגעזאָגט דעם ווייב אַזוי:

— הערסטו, מיין ווייב, ווען איך וועל אַנטשלאָפען ווערען זאָלסטו מיך אויפוועקען באַלד ווי איך וועל נור וועלען מאַכען אַ כּוסה·

— פון וואַנען — פרעגט דאָס ווייב — זאָל איך וויסען ווען דו וועסט וועלען?

— וואָס ווייסטו ניט, נאַרעלע? — ענטפערט ער — ווען דו וועסט מיך אויפוועקען וועל איך וועלען·

517· דער טעם פון וויין·

דער סאַוואַנ׳ער רב פלעגט זאָגען:

— זיבציג טעמים זענען פאַראַן מע זאָל ניט טאָרען טרינקען קיין וויין, נאָר דער איינער טעם פון וויין וועגט זיי אַלע איבער·

518· אַ שנאַפּס גאַנץ פריה·

איינער וואָס האָט גאָרניט פיינד געהאַט דעם טרינק, איז געקומען צו זיינעם אַ גוטען בעקאַנטען גאַנץ פריה· מאַכט יענער צו אים:

— אפשר ביזטו אַ בעלן איצטער אויף אַ גוט ביסעל שנאַפּס?

קנייטשט זיך דער און זאָגט:

— צוליב דריי טעמים וויל איך ניט: ערשטענס איז נאָך ביי מיר פאַר׳ן דאַווענען; צווייטענס, טרינק איך גלאַט ניט; דריטענס, האָב איך שוין געמאַכט היינט אַ כּוסה·

אַנדערע געבען־איבער דעם ענטפער מיט אַזאַ נוסח:
— איך וויל ניט צוליב דריי טעמים: ערשטענס, האַלט איך נאָך פאַר׳ן דאַוונען; צווייטענס, האָב איך נור־וואָס געמאַכט אַ שנאַפּס; דריטענס, שטעל־אַנידער וועל איך פּריוּוען.

519. פּרעסט.

אַ יונגערמאַן איז אַריינגעגאַנגען צו זיינעם אַ חבר, זעהט ער ווי רער פעטער זיינער, אַן אַלטער מאַן אַ ווייס גראָהער מיט אַ ברייטען שטערען, זיצט איינער אַליין ביים טיש פערטיפט שטאַרק און דער אַכילה און קנאַקט אַזוי געשמאַק אויף ביידע באַקען. רופט ער זיך אָן צום חבר:
— ווייסטו, צו וואָס דיין פעטער איז איצט געגליכען? צו אַ שנעער ווינטער־נאַכט: אויסגעשטערענט, אויסגעשנייט און פּרעסט, אַז עס קנאַקט...

520. סובדירעקטאָר.

אַ פערמעגליכער רוסישער יוד איז געקומען קיין ווין, ביטאָג געהט ער אַריין אין אַ רייכען רעסטאָראַן עסען מיטאָג. דער קעלנער דערלאַנגט אים אַ שפּייז־צעטעל, ער זאָל זיך פון דאָרט אויסקלייבען וואָס ער פערלאַנגט צו עסען. אַזוי ווי קיין דייטש פערשטעהט דער יוד ניט און קען ניט לייענען — ווייזט ער אָן מיט׳ן פינגער אויפ׳ן ערשטען נומער, ברענגט אים דער קעלנער אַ סופּ. נאָכדעם ווייזט אים דער יוד אָן אויפ׳ן צווייטען נומער, ברענגט אים דער קעלנער אַן אַנדער מין סופּ. דער יוד ווייזט־אָן דערנאָך אויפ׳ן דריטען נומער, ווידער אַ מין סופּ, שוין צום דריטען מאָל. דאָ ווערט שוין דער יוד אויפגעבראַכט און הויבט־אָן שרייען אויף יודיש, פערדייטשט אַביסעל מיט פּתח׳ען, אַז ניט אַנדערש דער בעדינער מאַכט פון אים חוזק; און פאַר וואָס קומט עס אים, ער וועט דען ניט צאָהלען קיין געלד גלייך ווי אַלע? געהט צו דער סובדירעקטאָר פונ׳ם רעסטאָראַן צום יודען און זאָגט אים העפליך:
— וואָס פערלאַנגען זיי? איך בין סובדירעקטאָר.
— וואָס טויג מיר סופּ־דירעקטאָר? — שרייט דער יוד — איך האָב זיך שוין געגנוג אָנגעסופּט, לאָז מען מיר בעסער צושיקען דעם פליישדירעקטאָר!

521. לאָקשען.

איינעם אַ יודישען חקרן האָט מען אַמאָל געפרעגט: פאַר וואָס רופט

מען לאָקשען מיטן נאָמען ״לאָקשען״? האָט ער אַ מאַך געטון מיט׳ן גראָ־
בען פינגער און געענטפערט אַזוי:

— לאַנג זענען זיי און ווייך אויך און ווי לאָקשען זעהען זיי אויס —
הײנט זאָגט אַליין, פאַר וואָס זאָל מען זיי ניט רופען לאָקשען?

522. וואָס טויג די פ״א אין המן?

— וואָס טויג די פ״א אין המן?
— אין המן געפינט זיך דאָך גאָר קיין פ״א ניט.
— פאַר וואָס זאָל זיך אין המן ניט געפינען קיין פ״א?
— צו וואָס טויג די פ״א אין המן?
— הערסטו, אָט דאָס פרעג איך דאָך טאַקי.

523. אַ טעות.

איינער פאַלט אָן אויף אַ צווייטען אין גאַס און לאָזט אים אָפּ אַ
היבשען פאַטש, דערנאָך טוט ער זיך אַ חאַפּ און זאָגט:

— הערט אַ מעשה, איך האָב גאָר אַ טעות געהאַט, עס האָט זיך
מיר אויסגעוויזען, אַז איר זענט מיין חבר שמערעל.

— נו, און אַז אייער חבר שמערעל — שרייט דער געפּאַטשטער —
דאַרף מען נעמען און פאַטשען אים אין גאַס?

— איך פערשטעה נישט — מאַכט יענער — וואָס איז אייער עסק,
איך בעט אייך, צו מישען זיך אין דעם וואָס איך וויל טון מיט מיינעם
אַ חבר?

524. איך האַלט ניט פון אַזוינע קאַטאָוועסלעך.

צוויי גוטע בעקאַנטע יודען זענען ערב־שבת אין שוויץ־באָד אַרויף
אויבענאָן אויף דער אויבערשטער באַנק, רופט זיך אָן איינער צום אַנדערען:

— נאַ דיר מיין בעזעמעל און שמייס מיך אָפּ.

נעמט יענער דאָס בעזעמעל אין האַנד און טיילט איין דעם דאָזיגען,
וואָס האָט זיך אויסגעצויגען פאַר אים, אַ רעכטע פּאָרציע הייסע שמיץ און
צעקאַראַדאַשעט אים דאָס לייב ביז׳ן בלוט אַריין. טוט אים דער געשמי־
סענער אַ זאָג מיט האַרץ:

— הערסטו, גוטער ברודער, די מעשה דערפון איז אַזוי: אויב דו
האָסט באמת געוואָלט מיט מיר ערגעץ זיך אָפּרעכענען דאָ אויף דער אוי־
בערשטער באַנק, בשעת איך ליג אויסגעצויגען אַ נאַקעטער און דו שטעהסט
און האַלסט דאָס בעזעמעל און האָסט ביד צו שמייסען, — מהיכא־תיתא,

ביזטו גערעכט· אויב אָבער דו מיינסט עס נור גלאַט אַזוי? אויף קאַטאָוועס׳ זאָג איך דיר׳ אַז איך האַלט ניט פון אַזעלכע קאַטאָוועסלעך·

·525 פערשטעהט ענגליש·

צוויי יודען׳ האַלב סוחרים׳לעך האַלב מעקלערס׳ געהען אין גאַס׳ וויזט־אָן איינער דעם אַנדערען:

— דו זעהסט דאָרט געהן יענעם לאַנגען פראַנט? דאָס איז אַן אויס־לענדער׳ פון ענגלאַנד איז ער און חאָטש גיב אים אַ קרענק רעדט ער נור ענגליש· קוק אים נור אָן׳ דאַכט זיך אויפ׳ן פנים גאָר אַן עדעלמאַן׳ צום סוף האָט ער מיך אַנומעלט׳ ווען איך בין געוועזן ביי אים וועגען אַ גע־שעפט׳ אַביסעל בעליידיגט·

— וואָס הייסט – פרעגט דער אַנדערער — דו פערשטעהסט דען ענגליש?

– אַוודאי האָב איך פערשטאַנען! בשעת ער האָט מיך אָנגענומען מיט איין האַנד ביי׳ם קאָלנער און מיט דער אַנדערער געוויזען די טיר׳ האָב איך זיך באַלד אָנגעשטויסען וואָס ער מיינט·

·526 געוואָלט געבען אַ פאָר פעטש·

איינער דערצעהלט דעם אַנדערען:

– נעכטען פאַרנאַכט בין איך געוועזן וועגען עפּעס אַ געשעפט ביי איינעם אַ בעזען פריץ און מיט אים היבש אַריינגעטענה׳ט׳ אַזוי לאַנג אַזוי ברייט׳ ביז ער האָט זיך צעהיצט און מיר געוואָלט געבען אַ פאָר פעטש·

— פון וואַנען׳ אַ שטייגער — פרעגט אים יענער — קענסטו וויסען וואָס דער פריץ האָט געוואָלט?

– פון וואַנען איך וויס? אַ שענע זאַך׳ חלעבען׳ איך האָב אַ גוטען סימן׳ טו אַ קוק ועסטו נאָך היינט דערקענען אויף דער באַק·

– הייסט עס׳ אַז ער האָט דיר טאַקי געגעבען׳ וואָס־זשע זאָגסטו׳ אַז ער האָט געוואָלט געבען?

— וואָס דען׳ ער האָט ניט געוואָלט? אַ שכל אַביסעל! ווען ער זאָל ניט ווען׳ וואָלט ער מיר דאָך ניט געגעבען!

·527 אַ בעלן צו צעהלען·

– יענע וואָך — דערצעהלט איין מעקלער דעם צווייטען — בין איך געוועזן ביי׳ם נייעם פריץ און האָב מיט אים לאַנג אַריינגעשמועסט

גאַנץ פריינדליך מכוח אַ וויכטיגען עסק. בעדאַרף זיך ביי מיר, ווי אויף צו להכעיס, אַרויסהאַפּען עפּיס אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל אָנרירען זיין האָנאָר. וואָס טויג עס דיר? מיט אַמאָל האָט זיך איין אים אָנגעצונדען עשו׳ס רציחה און ער האָט מיר געוואָלט אָפּשטעקען זעקס פּעטש.

— פון וואַנען — פרעגט אים יענער — האָסטו עס געקענט וויסען, אַז גראָד זעקס?

— וואָס הייסט פון וואַנען? איך בין אַ בעלן געווען צו צעהלען.

528. גוט פערשטאַנען.

— פאַרוואָס וויינסטו?

— וואָס הייסט פאַר וואָס? מע האָט מיך געשלאָגען.

— איבער וואָס האָט מען דיך געשלאָגען?

— איבער וואָס מע האָט געטראָפען מיט׳ן שטעקען: איבער די הענד, איבער די פיס, איבער׳ן קאָפּ.

— אַך דו פערשטעהסט מיך ניט. איך מיין, וואָס האָסטו געטון?

— וואָס האָב איך געזאָלט טון? געשריגען אויף קולות.

529. צעהן טויזענטער פאַר איין קוק.

איינער אַ לץ העט זיך בערימט אין אַ שמועס מיט אַן עולם מענשען:

— זעהט איר, רבותי, ווי איר קוקט מיך אָן, קען איך אייך זאָגען און איר מעגט מיר גלויבען, אַז אַנומעלט, ווען איך בין געווען אין וואַרשאָ האָט זיך דאָרט געפונען אַ גראַף׳ס אַ טאָכטער, וואָס איז געווען גרייט אָוועקצוגעבען צעהן טויזענד קאַרבען, און אויב איר ווילט, נאָך אַ סך מעהר, זי זאָל מיך נור אָנקוקען.

דער עולם וואָס העָרט עס אויס, לאַכט פון דעם בערימעריי, און איי־נער רופט זיך אָן:

— וואָס זאָגט איר, איך בעט אייך, אויף זיין טאַטען? וואָס פאַר אַ גליק מ׳שטיינס געזאָגט, וואָלט זי געהאַפּט פון אַ קוק אויף אַזאַ פאַרשוין?

— וואָס מיינט איר? — מאַכט דער לץ — אַוודאי וואָלט זי געווען די גליקליכסטע זי זאָל קענען טון אויף מיר חאָטש איין קוק, ווייל זי איז נעביך געווען אַ בלינדע אויףביידע אויגען.

530. איין פענסטער.

איינמאָל גאַנץ פריה האָט אַ בלינדער אויף איין אויג בעגעגענט אַ בעקאַנטען הויקער, רופט ער זיך צו אים אָן:

— אַזוי פריה האָסטו זיך שוין געאײלט אַרויפצונעמען אַזאַ משא אויף די פלײצעס?

— דיר װײזט] אויס — ענטפערט דער הויקער — אַז ס'איז אַזוי פריה, װייל דו האָסט בײַ דיר געפּענט נור איין פענסטער.

531. געהן און זעהן.

אַ קרומער האָט בעגעגענט זײנעם אַ בעקאַנטען, אַ בלינדען אויף איין אויג, פרעגט אים יענער שפּעטיש:

— װי גֵעהט עס דיר, ברודער?

בעקומט ער פון יענעם אַ תשובה לויט זיין שאלה:

— אָט װי דו זעהסט, ברודער.

532. װי די שאלה אַזוי די תשובה.

פון װאַנען איז געדרונגען פון דער תורה דאָס װאָס די װעלט זאָגט: „װי די שאלה אַזוי די תשובה?"

— פונ'ם טראָפּ אין חומש ביי דער געװיסער מעשה פון יהודה מיט תמר'ן: פריהער שטעהט „ויאמר" (ער האָט געזאָגט) מיט אַ פשטא, דאָס הייסט געלאַסען, שטעהט דערבײַ „ותאמר" (זי האָט געזאָגט) אויך געלאַסען מיט אַ פשטא; דערנאָך, מיט אַ פסוק װײטער, שטעהט שוין „ויאמר" מיט אַן אַזלא, ד. ה. מיט אַ בעזער, שטעהט דערביי „ותאמר" אויך מיט אַ אַזלא, מיט דעם זעלבען בעזער הייסט עס; צום סוף שטעהט שוין „ויאמר" מיט אַ רביעי, ד. ה. מיט אַ טאָן פון איבערבייטען זיך שטעהט דערבײַ „ותאמר" פונקט אויך אַזוי מיט דעם זעלבען טאָן.

קורצע שאלות און תשובות.

1) פאַר וואָס האָט אדם הראשון אַזוי לאַנג געלעבט?
— ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

2) פאַר וואָס דאַרף אַ מאַן דאָס ווייב שפּייזען און ניט פערקעהרט?
— ווייל איינמאָל האָט חוה, די ערשטע פרוי, געפּריווט דעם מאַן געבען עסען, לײדט מען נאָך דערפון עד היום.

3) ווער האָט מיט איין קלאַפּ אומגעבראַכט אַ פערטעל מענשען פון דער גאַנצער וועלט?
— קין.

4) ווען האָבען אַלע מענשען פון דער גאַנצער וועלט געהערט דאָס קרעהען פון איין האָן?
— אין דער צייט פון׳ם מבול אין נח׳ס תיבה.

5) וואָס איז געוועזען די טויב, וואָס נח האָט געשיקט פון דער תיבה, אַ זכר צי אַ נקבה?
— געוויס אַ זכר, ווייל עס שטעהט בפירוש אין דער תורה, אַז נח׳ס טויב האָט זיך אומגעקערט צוריק און מיט זיך פון וויטען מיטגעבראַכט אַ אָפּגעפליקט בלעטעל אין מויל, — היינט ווען עס וואָלט אַ נקבה געוועזען, ווי קען עס גאָר געמאָהלט זיין זי זאָל האַלטען אַזאַ לאַנגע צייט צוגעמאַכט דאָס מויל?

6) פאַר וואָס האָט לוט׳ס ווייב געקאַרגט פאַר די אורחים זאַלץ מעהר ווי עפּיס אַנדערש?
— ווייל זאַלץ גיט־צו צום עסען אַפּעטיט.

7) פֿאַר וואָס האָט עס לוט'ן אַזוי געצויגען צום טרונק?
— ווייל זיין ווייב איז געוואָרען אַ שטיק זאַלץ.

8) פֿאַר וואָס זאָגט מען „שכור ווי לוט" און ניט ווי נח, וועלכער איז געווען אַ טרינקער נאָך פֿריהער פֿאַר לוט'ן?
— ווייל נח, אַ פֿאָטער פֿון דריי אויסגעגעבענע זיהן, האָט איי־גענטליך געמעגט טרינקען, אָבער ניט לוט, אַ טאַטע פֿון צוויי איבערגעוואַקסענע מוידען.

9) פֿון וואַנען איז געדרונגען פֿון דער תורה, אַז אברהם אבינו האָט געטראָגען אַ יאַרמעלקע?
— עס שטעהט בפירוש אין חומש: „וילך אברהם" — אברהם איז געגאַנגען, היינט שוין־זשע ווערט אברהם געהן אָן אַ יאַרמעלקע?

10) פֿון וואַנען האָט יעקב געוואוסט צו זאָגען אויף געוויס „אין זה כי אם בית אלהים"?
— ווייל מע האָט זיך דאָרט געקריגט (די שטיינער צווישען זיך), האָט יעקב דעריבער געדעכענט, אַז ניט אַנדערש דאָס איז אַ יודישע שוהל.

11) פֿאַר וואָס זענען די מצרים שוואַרצע?
— ווייל זיי האָבען געהאַט אַזויפֿיל יאָרען יודישע אַרבייטער, זענען זיי געוואָרען שטאַרק פֿערשוואַרצט.

12) פֿאַר וואָס האָט יתרו געהאַט זיבען נעמען?
— ווייל ער האָט געהאַט זיין אייגענס זיבען טעכטער און נאָכ'ן אויסגעבען פֿון יעדער טאָכטער, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ פֿער־מעגען, האָט ער געמוזט בלייבען אַ אָנזעצער און איבערבייטען אויפֿ'ן שילד דעם נאָמען זיינעם.

13) פֿון וואַנען איז געדרונגען, אַז בלק איז געווען ניט קיין בעוויבטער
— ווייל ער האָט בעדאַרפֿט אָנקומען צו דינגען בלעם'ן אויף צו שעלטען.

14) פֿאַר וואָס האָט שלמה המלך בעדאַרפֿט שטעלען אַרום זיין בעט אַזויפֿיל שומרים, גאַנצע זעכציג „גבורים"?
— ווייל ס'איז געווען „גבורי ישראל".

15) פֿאַר וואָס האָט גאָט צוגענומען ביי איוב'ן אַלצדינג און איבער־געלאָזט אים דאָס ווייב?

— צוליב צוויי טעמים: ערשטענס, ווייל אַ ווייב אייגענטליך איז אויך אַ שלאַק פון זיין ליבען נאָמען; און צווייטענס, כדי גאָט זאָל אים דערנאָך דאָס אויך ניט דאַרפען אָפּגעבען דאָפּעל...

16) ווי אַזוי האָט אחשורוש גענומען און אויסגעפּלאַסטערט זיין קעניגליכען פּאַלאַץ מיט די טייערסטע שטיינער און האָט ניט מורא געהאַט, אַז עס וועט זיך געפינען אַ בעלן זיי אַוועקצולקח'ענען?
— ווייל געווען איז ער אַ מלך טפּש, און דאָס האָבען מיר פון אייביג אָן אַ כלל, אַז אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין גאָרטען קענען קיין צען קלוגע ניט אַרויסשלעפּען.

17) פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אין אחשורוש'ס צייטען איז געווען אַ שטרייק פון שניידער?
— אין דער מגילה שטעהט געשריבען בפירוש, "אין אונס" — קיינער האָט ניט גענייט.

18) פון וואנען איז אַ ראיה, אַז אַמאָל ביי יודען אין בית - המקדש איז ניט געווען קיין גלאָק?
— ווייל אויב יאָ, וואָלטען מיר דערנאָך געהאַט אַ גאַנצע מסכתא „גלאָק".

19) וואָס טוט אַ גאַנץ יאָר דער מלאך, וואָס איז ממונה אויף די תקיעות אין ראש־השנה?
— ער גיט אַכטונג אַלע שבת אויפ'ן טשאָלענט אין די יודישע אויוועגס, ער זאָל האָבען דעם אמת'ען יודישען טעם. אַ ראיה דערצו: ווען ראש־השנה פאַלט אים שבת בלאָזט מען ניט, ווייל דער מלאך איז דעמאָלט פערנומען מיט'ן טשאָלענט.

20) פאַר וואָס זאָגט מען, אַז יום־כפור ציטערט אַ פיש אין וואַסער.
— ווייל ראש־השנה צו תשליך וואַרפט מען אַרויף אויף די פיש אַלע עבירות, ציטערן זיי נעביך פאַר'ן יום־הדין.

21) פאַר וואָס איז ביי די חסידים אַ מנהג, צו חאַפּען זיך אויף מוצאי־יום־כפור באַלד נאָך מעריב צום גלעזעל יי"ש?
ווייל זיי האַלטען זיך אַלע פאַר צדיקים, וואָס לאלתר (די הי טאַקי באַלד) לחיים".

22) פאַר וואָס רופט מען סכות "זמן שמחתנו"?
— ווייל מע זיצט אין סכה ביי'ם טיש אָן די ווייבער.

23) פאַר וואָס שלאָגט מען המנ'ען, כפרות און הושענות?

— ווײַל אין דער תּורה שטעהט "הכה תּכּה" און "הכּה" מאַכט: המן, כּפּרות, הושענות.

24) וואָס איז דער טעם וואָס אַלע דריי מאָל, ווען מע שלאָגט, עסט מען קרעפּלעך? ווייל קרעפּלעך פאַר זיך האָבען גאָרניט קיין שלעכטען טעם.

25) פאַר וואָס שליסט מען צו די טיר ווען מע נעמט זאָגען דין הגדה?

— ווײַל מע זאָגט באַלד פון אָנהויב "כּל דכפין ייתי וייכול" (ווער ס'איז הונגעריג זאָל קומען עסען).

26) פאַר וואָס פרעגט מען בײַ'ן סדר "מה נשתּנה"?

— ווײַל ווען מען זעהט בײַ יודען אַ ס ד ר קומט־אויס די זאַך מ ש ו נ ה און מען וואונדערט זיך דערויף.

27) פון וואַנען נעמט זיך וואָס מע זאָגט "אַ ליגנער ווי דער בעל־הגדה"?

— עס נעמט זיך דערפון, וואָס אָט זאָגט ער אַליין אין דער הגדה: תּלמוד לומד בעבור זה" און באַלד טאַקי אויפ'ן שטעל לייקענט ער אינגאַנצען אָפּ: "ב ע ב ו ר ז ה לא אמרתּי" (בעבור זה" האָב איך גאָר ניט געזאָגט).

28) וואָס האָט ר' יהודה פערדינט אַזוינס מיט די סימנים וואָס ער האָט געגעבען „דצ"ך עד"ש באח"ב", עס קומט דאָך אויס די זעלבע מכות?

— לויט ר' יהודה'ס סימנים קומט־אויס ניט "מכּת בכורות" נאָר בכורות אַליין אָן "מכּת", הייסט עס, אַז ער האָט פערדינט דאָס וואָס מעהרסטענטייל יודען פערדינען: "מכות".

29) פאַר וואָס הייסען די ספירה־טעג טרויעריגע?

— ווייל מע צעהלט און מע צעהלט און מע זעהט ניט אין דין אויגען קיין לעבעדיגען גראָשען.

30) פאַר וואָס מאַכט מען ניט אין ספירה־טעג קיין חתונה?

— ווייל די חתנים געהען ניט געוועגליך צו דער חופה ביז מען ענדיגט ניט פריהער דאָס צעהלען.

31) וואָס איז דער טעם פון עסען אים שבועות מילכיגס?

— עס ווענדעט זיך ווי בײַ וועמען: אויב בײַ אַ בריה אַ בעל־

הבית׳טע האָט עס געוויס אַ גוטען טעם; אויב אָבער ביי אַ שלימזל׳ניצע — האָט עס אַ טעם פון אַ שוואַרץ יאָר.

32) פאַר וואָס־מעג דער שדכן טון זיין מלאכה און פיהרען שידוכים אים שבת?

— ווייל ער מאַכט ניט קיינמאָל קיין „קשר של קימא״ (אַ קנופּ וואָס האַלט זיך לאַנג).

33) וואָס איז אַ יודענס גליק?

— ווען ער קומט־אָן צו „ברכו״.

34) וואָס נאָך איז אַ יודענס גליק?

— ווען ער שטאַרבט אים חודש ניסן.

35) וואָס איז אַ יודישער תענוג?

— אַ קילער תשעה־באב.

36) וואָס איז אַ יודיש געווינס?

— דער גורל צו „קדיש״.

37) פאַר וואָס דרוקט מען דעם שם הויה (גאָטס נאָמען) מיט צוויי יוד״ען „(יי)״?

— ווייל גאָטס נאָמען איז שלום, און אַז צוויי יודען זאָלען שטעהן איינס נעבען אַנדערען און עס זאָל דאָך זיין שלום — קען עס מאַכען נור איין גאָט.

38) פאַר וואָס ווייסט דער יוד יעדע זאַך פריהער נאָך איידער עס ווערט אָפּגעדרוקט?

— ווייל דער יוד געפינט זיך שטענדיג אין דרוק.

39) פאַר וואָס טינקט־איין אַ יוד די „המוציא״ אין זאַלץ?

— כדי ניט צו פיהלען ווי ביטער עס קומט־אָן דאָס שטיקעל ברויט.

40) צוליב וואָס זענען יודען צעזייעט און צעשפרייט אויף דער וועלט?

— כדי זיי זאָלען ניט צופיל איינער דעם אַנדערען קאָנקורירען.

41) ווען קען זיך געפינען אין אַ יודישער שטוב אַ הונד?

— ווען איינס פון די צוויי: אָדער דער יוד איז קיין יוד ניט, אָדער דער הונד איז קיין הונד ניט.

42) וואו איז דאָס אָרט וואָס עס געפינט זיך ניט דאָרטען קיין איין יוד?

— אויפ׳ן גוי׳אישען בית־הקברות.

43) וואָס זאָל אַ יוד טון ער זאָל ניט שטאַרבען?
— ער זאָל זיך שמד׳ען, וועט ער פגר׳ען.

44) פאַר וואָס זענען דאָס רוב משומדים פערמעגליכע און פערקעהרט, דאָס רוב גרים אָרימע לייט?
— ווייל דער משומד האָט אַ יודישען קאָפּ מיט אַ גוי׳אישען מזל, און דער גר פונקט פערקעהרט: אַ גוי׳אישען קאָפּ מיט אַ יודי־שען מזל.

45) פאַר וואָס פערהאַלט זיך משיח אַזוי לאַנג און קומט נישט?
— ווייל יודען אַליין דערלאָזען ניט דערצו: קומט פסח זאָגען זיי „לשנה הבאה בירושלים”, נעמט זיך משיח גרייטען אין וועג, צו קומען אויף דעם אַנדערען פסח, דערווייל קומט יום־כפור און יודען זאָגען ווידער „לשנה הבאה בירושלים” — מאַ־כען, הייסט עס, אַ נדחה אויף ווייטער.

46) וואָס טוט מען די נאַכט פון ניתל, ווען ביי יודען איז אַ מנהג ניט צו לערנען, און אָן תורה קען דאָך די וועלט ניט האָבען קיין קיום?
— אַ מנהג ישראל אַליין פאַר זיך איז שוין אויך אַ תורה.

47) פאַר וואָס רופט מען אַ ליטוואַק „צלם־קאָפּ”?
— ווייל ער לעגט זיך אַוועק „אין דער לענג און אין דער ברייט” אויף אַ שטיקעל מהרש״א.

48) פאַר וואָס פלעגען אַמאָליגע רבנים בעקומען גאָר וועניג שכירות און היינטיגע נעמען אַזוי פיל?
— ווייל אַ רב מעג נעמען נור שכר בטלה (ד. ה. לוין פאַר דער צייט וואָס ער איז מבטל), איז אַמאָל פלעגט דער רב תמיד זיך אָפּגעבען מיט לערנען און גאָר וועניג צייט מבטל זיין, איז אים דערפאַר געקומען וועניג שכירות; היינט אָבער בטל׳ט דער רב די גאַנצע צייט — קומט אים דעריבער גרויסע שכירות.

49) פאַר וואָס איז דער מנהג, אַז אַ רב, ער מעג זיין ווי אַן עם־הארץ, מוז ער דאָך זאָגען אַ דרשה „שבת שובה”?
— ווייל „שבת שובה” איז פאַר ערב יום־כפור, דאַרף ער בעווייזען אַז ער טויג „אויף כפרות”.
און פאַר וואָס זאָגט ער אויך שבת־הגדול אַ דרשה?

— ווייל שבת הגדול איז פאַר ערב פסח דאַרף ער בעווייזען אַז ער איז, מחילה, אַ גוי און טויג צו מכירת חמץ.

50) וואָס הייסט אַ פשט׳על?
— אַז מע נעמט דעם פשט און מע צעברעכט אים, ווערט דער־מאָלט אַ סך פשט׳לעך.

51) וואָס פאַר אַ טיטול פערדינט אַ מחבר פון אַ שלעכטען חבור?
ער איז „מחזיר עטרה ליושנה״, ד. ה. ער נעמט פאַפיר, וואָס איז געמאַכט פון שמאַטעס, און מאַכט דערפון ווידער שמאַטעס.

52) פאַר וואָס פלעגען די אָרימע מחברים אַרומגעהן איבער די פער־מעגליכע הייזער מיט זייערע חבורים אין די הענד?
— ווייל אַ קבצן, ווען ער טראָגט אַרום אויף די הענד אַ קינד אַ קאַליקע, האָט מען אויף אים מעהר רחמנות.

53) פאַר וואָס רופט מען די חסידישע רבי׳ים „גוטע יודען?״
— ווייל אַמאָל פלעגט אַ פריסטאַוו אָדער איספראַווניק, וואָס נעמט געלד, הייסען אַ „גוטער גוי״, דערפאַר הייסט דער רבי, וואָס נעמט אויך געלד, אַ „גוטער יוד״.

54) פאַר וואָס זאָגען די מלמדים, אַז קנעלען איז שווערער ווי האָלץ האַקען?
— ווייל האָלץ האַקען איז וואָס מעהר מיט אַ גוי גרינגער, קנע־לען אָבער איז וואָס מעהר מיט אַ גוי שווערער.

55) פאַר וואָס דינגט מען אַ מלמד נור אויף אַ „זמן״ (אַ האַלב יאָר)?
— ווייל ממה נפשך: אויב ער וועט דעם „זמן״ קנעלען געטריי, וועט ער געוויס בעקומען אַ לונג־פעהלער און אַוועקשטאַרבען, און אויב ער וועט ניט בעקומען קיין לונג־פעהלער און וועט ניט שטאַרבען, איז דאָך אַ סימן, אַז ער טויג ניט.

56) פאַר וואָס זאָגט די וועלט, אַז אַ חזן איז אַ נאַר?
— ווייל אין מזרח־בלאַט בײ׳ם עמוד שטעהט „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״ (איך שטעל זיך פאַר גאָט געגען מיר שטענדיג) און שלמה המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט: „אין חכמה ואין תבונה נגד ה׳״ (געגען גאָט איז ניטאָ קיין חכמה און קיין פערשטאַנד).

57) פאַר וואָס מוז אַ חזן על־פי־דין זיין אַ בעווייבטער?
— ווייל ער דאַרף דאַוונען פאַר׳ן עולם מיט אַ צעבראָכען האַרץ.

58) פאַר וואָס איז אַ כהן אַ כעסן?
— ווײַל מע הייסט אים זיך וואַשען און צו עסען גיט מען נישט.

59) פאַר וואָס בעט מען פאַר „עוסקים בצרכי צבור באמונה" ביי גאָט „ויסיר מהם כל מחלה" (ער זאָל אָפּטון פון זיי יעדע קרענק)?
— ווייל דער וואָס איז „עוסק בצרכי צבור באמונה" בלייבט אים אַ ק ר ע נ ק.

60) פאַר וואָס רופט אַ דאָקטער צו זיך, ווען ער ווערט קראַנק, אַ צווייטען דאָקטער?
— ווייל ער וויל ניט זיין קיין „מאבד עצמו לדעת".

61) וואָס איז דער אונטערשייד פון אַ מתנה צו אַ נדבה?
— אַ מתנה גיט מען יענעם צו זיך מקרב צו זיין, און אַ נדבה — פון יענעם פטור צו ווערען.

62) פאַר וואָס רופט מען יודישע בוכהענדלער „מ ו כ ר י - ספרים"?
— ווײַל זיי פלעגען זיין געווענליך טאַקי נור מוכרי־ספרים. פערקויפער פון ספרים אָבער נישט קיין קונים.

63) וואָס טוט מען, אַז מע וויל פטר'ען אַ בעקאַנטען, ער זאָל אויפ־הערען אין שטוב צו קומען?
— אויב יענער איז אַ פערמעגליכער בייט מען ביי אים אַ הלואה און אויב ער איז אַן אָרימאַן — גיט מען אים אַ הלואה.

64) פאַר וואָס גיט דער נגיד אַ נדבה גיכער דעם אָרימען קאַליקע איידער דעם אָרימען למדן?
— ווײַל פון צו ווערען אַ קאַליקע איז ער אַליין אויך ניט בע־וואָרענט, אָבער פון צו ווערען אַ למדן איז ער אויף אייביג בעוואָרענט.

65) פאַר וואָס רופט מען אַ גביר אַ קמצן מיט'ן נאָמען „חזיר"?
— ווייל פון אים, גלייך ווי פונ'ם חזיר, קען מען הנאה האָבען נור נאָך זיין טויט.

66) פאַר וואָס טאָר אַ קבצן ניט עסען קיין סמעטענע?
— ווייל ער איז ניט חולה צו עסען זויער־מילך.

67) פאַר וואָס האָט אַ קבצן אַ סך קינדער?
— ווײַל ער האָט ניט אויף וואָס צו מאַכען אַ ברכה, מאַכט ער די איינע ברכה „בורא נפשות".

68) וויבאַלד אַלע מתים, ווי מע זאָגט, ליגען אין דער ערד און באַקען בייגעל״, וואָר־זשע קויפט ביי זיי?
— דערפאַר ליגען זיי טאַקי אין דער ערד מיט זייער געשעפט.

69) פאַרוואָס בעשיט מען דעם חתן בשעת כלה־בעדעקענס?
— ווייל אַז מע בעגראָבט מוז מען אויך בעשיטען.

70) פאַר וואָס האָט אַ ״מטה״ פון אַ מת נור צוויי שטעקענס און אַ אַ חופּה — פיר?
— ווייל אין אַ ״מטה״ פיהרט מען בעגראָבען נור איינעם, און הינטער אַ חופּה — צוויי.

71) פאַר וואָס שטעהט אין ״סדר נשים״ די מסכת ״גיטין״ פאַר ״קידושין״?
— כדי צו וויזען, אַז גאָט שיקט־צו די רפואה פאַר דער מכה.

72) וואו קומען־היין די טעג מיט די יאָרען?
— די ״טעג״ עסען אויף די קלויזניקעס, און די יאָרען — די איידעמס אויף קעסט.

73) וואָס פאַר אַ יוד עסט ״אבר מן החי״?
— דער וואָכערניק.

74) וואָס פאַר אַ שבח זאָגט מען נאָך אַ קונציגען גנב?
— אַז ער געהט ניט קיין ד׳ אמות אָן נטילת־ידים (ד. ה. נעמען מיט די הענד).

75) וואָס פאַר אַ שבח דאַרף מען אויסקריצען אויף דער מצבה פון אַ גנב אַ שלעסער־ברעכער? — ״בחכמה פותח שערים״.

76) וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען איבער אַ ליגנער?
— „שהכל נהיה בדברו״ (ד. ה. אַלץ וואָס ער דערצעהלט, איז געוואָרען פון זיינע רעד).

77) אויב ס׳איז אמת וואָס שטעהט געשריבען אַז „אמת מארץ תצמח״ (אמת שפּראָצט פון דער ערד), פאַר וואָס־זשע זעהט מען ניט דער אמת זאָל וואַקסען?
— ווייל דער שקר מיט זיינע גראָבע פיס האַלט אויף אים אין איין טרעטען.

78) וואָס פאַר אַ הויקער איז אַ גלייכער?
— דער „הוקר רגליך מבית רעך״.

79) ווער קומט אין קלויז צום ערשטען?
— דער צווייטער.

80) צוליב וואָס טויג צוויי „יקום־פורקן׳ס?״
— טאָמער וועט איינער ווערען פערפאַלען, וועט בלייבען דער צווייטער.
— פאַר וואָס־זשע איז פאַראַן נור איין „מי־שברך״?
— אָט דאָס איז טאַקי די מעשה: געווען זענען מי־שברך׳ס אויך צוויי, איז איינער פון זיי פערפאַלען געוואָרען.

81) פאַר וואָס רופט מען עס „טשאָלענט״?
— ווייל מע שטעלט עס אין אַ טשאָלענט־טעפּעל.

82) פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען פונ׳ם שטעדטעל „דראַזשנע״?
— ווייל דאָרט האָט געוואוינט דער דראַזשנער רבי.

83) ווי אַזוי מאַכט מען אַ בייגעל?
— מע נעמט אַ לאָך און מע קלעפּט־אַרום מיט טייג, ווערט אַ בייגעל.

84) פאַר וואָס זענען קרעפּלעך דריי־קאַנטיגע און ניט פיר־קאַנטיגע?
— ווייל ווען זיי זאָלען זיין פיר־קאַנטיגע, וואָלט מען אין זיי בעדאַרפט איינמאַכען ציצית.

85) וואָס הייסט „אחד בפה ואחד בלב״?
— אַז מע נעמט אין מויל אַ שטיקעל צוקער דעמאָלט ווען מע טרינקט אַ זיסע גלאָז טהע.

86) פאַר וואָס פערמאַכט דער האָהן די אויגען בשעת ער קרעהט?
— ווייל ער קען אויסענווייניג.